STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04344

# GEZAMELTE SHRIFTEN

Jacob Steinberg

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י. שטיינבערג.

# געזאַמעלטע שריפטען.

פערלאג
„וועלט־ביבליאָטעק"

וואַרשא
תרס"ט.

## אינהאלט:

### ערציילונגען:


ביים דניעפער . . . . . . 3
שטיקער פון הערשעלעס לעבען. . . . 8
הונגער . . . . . . 17
אַ פערשטערטער שבת . . . . . 25
ברענמאַן . . . . . . 34
ליעבע פון בענקשאַפט . . . . . 41

די טרויעריגע ליעבע . . . . . 56
(אַ לירישע פּאָעמע).


### ליעדער:


כ׳לעב ווי גראָזען אויפ׳ן פעלד. . . . 71
פרייד . . . . . . 73
אין אַ שליסעל . . . . . . 77



Типографія Ф. Баумриттера, Красинская пл. № 6.
ВАРШАВА 1911 г.

# בײַם דניעפּער.

אין אוקראַינע איז דאָ אַ קלײן שטעדטעלע, װאָס האָט קלײנע הײַזלעך און זאַמדיגע ברײטע גאַסען און פערמאָגט ברײטע בלאָהע הימלען און אַן׳אײַזען־שװאַרצען טײַך — דעם דניעפּער. גאָט האָט איהם בעשאַפען — דעם דניעפּער — כדי ער זאָל אָבטײלען צװישען יודען און גוים — פון אײן זײַט דניעפּער די יודישע זאַמדיגע גאַסען, פון דער צװײטער — אַ הױכער ברעג מיט בערג און מיט שטײנער, מיט הײַלען אויף צו בעהאַלטען זיך זומער פון דער היץ און מיט משופּע׳דיגע „גליטשען״ אויף װינטער, אויף אַראָבצולאָזען זיך פון זײ אויף שליטעלעך.

עס קומט דער הײסער זומער און דער דניעפּער װערט נאָך שװאַרצער און קיהלער. מענשען געהען זיך באָדען. דאָס רוב — יונגע בעשעפעניסען, יודישע חדר־יונגלעך פון אײן זײַט טײַך און שקצים׳לעך פון דער צװײטער. די יודישע זײַט טײַך איז ניעדריג — שפּרײטען אויס די יונגלעך זײערע ברײטע קאַפּאָטקעלעך אויפ׳ן זאַמד, בלײַבען שטעהן אין די העמדלעך. קנײטשען זיך, שעמען זיך מיט די נאַקעטע פיס, טהוען אויס די העמדער און בלײַבען שטעהן מיט אַראָבגעלאָזטע הענד, ציטערען און בויגען זיך, און אַמאָל חאַפּט זיך אײנער אַרויס:

— ס׳קאַלט.

— אפשר וואָלטען מיר זיך גאָר אָנטהון? — פֿרעגט דער צווייטער.

— אָנטהון? — דאָס יונגעל גיט אַ וואָרף די אויגען אויפ'ן טײַך, וואָס איז אַזוי שוואַרץ, וואָס שאָקעלט זיך און מורמעלט און רוקט זיך איהם צו די פֿיס, ווי ער זאָל זיך בעטען: „וואָס, דו ווילסט זיך צוריק אָנטהון?" — און ער זאָגט:

— אַז מיר זענען שוין געקומען — —

די יונגלעך לאָזען זיך אַראָב צום טײַך, בויגען זיך אָן און נעצען אײַן די שפּיץ פֿינגער אין וואַסער... ס'איז שטיל. פֿון ווײַטענס ברומט אונטער די וואַסער-מיהל. מען הערט ווי אַ פֿישעלע קעהרט זיך איבער אין וואַסער און ווי אַ גוי, וואָס שטעהט פֿון יענער זײַט טײַך, חאַפּט אַרויס אַ פֿישעלע פֿון וואַסער, און דאָס פֿישעלע גיט אַ גלאַנץ אויף דער זון און ווערט פֿערשוואונדען. אַ ברייט-פֿליגעלדיגער פֿויגעל הויבט זיך אויף פֿון איין זײַט הימעל, פֿליהט גלײַך און פֿליהט ראָדענווײַז, בלײַבט אויף אַ ווײַלע העננגען אין מיטען הימעל און לאָזט זיך אַראָב פֿון דער צווייטער זײַט הימעל. דאָרט וואו דער דניעפּער צוגיעסט זיך ווי אַ ים אין דער ברייט. — די יונגלעך נעצען אײַן די שפּיץ פֿיס און זאָגען:

— קאַלט...

און שטעהען.

מיט געבוינענע קניהען געהען זיי אַרײַן אין וואַסער. טונקען נאָך אַמאָל אײַן די הענד און נעצען אײַן די פּאַכוועס... ס'איז שטיל און הײַס. דאָס וואַסער מורמעלט. די יונגלעך פֿערדעקען דעם פּנים מיט די הענד און טוקען זיך אונטער.

פֿון יענער זײַט ברעג קומט צו לויפֿען איינער אַליין אַ שקץ'על, קריכט אַרויף אויף דעם הויכסטען פֿון די שטיינער, וואָס וואַקסען אויף יענעם ברעג, חאַפּט פֿון זיך גיך אַראָב דאָס אָנטהון, און אויסטהוענדיג דאָס העמד דערזעהט ער די יודישע יונגלעך און שרייט:

— זשידע!

„ד-דע! — ענטפֿערט אָב דאָס ווידער-קול. דאָס שקץ'על גיט אַ שפּרונג אַראָב פֿון שטיין, און דער דניעפּער נעמט שפּריצען, שוימען און מורמלען אין דערהויך, גלײַך ווי ער וואָלט זיך דערפֿרעהט.

*

די יודישע זייט פון'ם דניעפּער האָט אויך בערג — אָבגעהאַקטע, ליימענע, מיט גריבער אין די זייטען זייערע; און פון אויבען, אויף די בערג, שטעהען יודישע הייזלעך, האַלב-איינגעפאַלענע, געדעקט מיט שטרוי, ווי די גויעשע, נאָר אָהן דעם חן, וואָס ס'האָט אַ פּויערישׁ הייזעל אין אוקראיינע. עטליכע הייזער שטעהען דאָ אָבגעטיילט פון שטאָדט, און די יודען פון די דאָזיגע הייזלעך זענען אַנדערע יודען: קיין יוד פון „שטאָדט" וועט זיך ניט מתחתן זיין מיט אַ יודען פון „ברעג" און די שטאָדט-יונגלעך האָבען אַ בעזונדערען מאוסען נאָמען פאַר די ברעג-יונגלעך. אַ טייך-יוד קאָן נישט זיין קיין שמש, אָדער האַלטען אַ קליייטעל: ער לעבט אָדער פון אַ פוהר'ל, אָדער פון קלויבען שמאַטעס, אָדער לאַטען שיך. נאָר דער גוטער יודישער גאָט האָט זיין פאָלק געגעבען אַ נשמה, וואָס האָט אַ הייליגען וואָרצעל; און יעדער וואָס וויל קאָן זיך קומען דורכשיפען פרייטאָג פאַרנאַכט אויף אַ שיפעל, בלייבען שטעהן, אַז די שטערען וועלען זיך אָנצינדען אין הימעל, און מיטען טייך, אַקעגען די יודישע הייזלעך, וועט ער זעהן ווי די שבת-ליכטלעך צינדען זיך אָן אין יודישע הייזער, ווי דער דניעפּער ווערט אין גאַנצען פערשוויגען און טוליעט זיך שטילערהייד נאָהענטער צום ברעג, כדי ס'זאָל איהם אָנקומען מעהר אָבשיין פון די שבת'דיגע ליכטלעך. און ערגעץ-וואו איז ביי אַ יודען אַ בעל-מלאכה, פון די טייך-יודען, אָפען אַ פענסטער, און דער דניעפּער ניט זיך אומישענע אַ קעהר און אַ דרעה, כדי ער זאָל אָנמאַכען אַ ווינדטעל. און דאָס ווינדטעל חאַפּט אונטער אַ שטיקעל „לכה דודי" און צושפּרייט עס איבער'ן טייך... — די שבת-ליכטלעך לעשען זיך פון ווינדטעל און דאָס פענסטער ווערט פערמאַכט. דער דניעפּער ווערט ענטשלאָפען און די לבנה געהט אויף. אַ גרויסע און קיילעכדיגע, הויבט זי זיך אויף פון דער גויעשער זייט טייך, און שטעהט דאָרט אַ צייט אונטער אַ דעמב און מאַכט זיך רויט, כדי קינדער זאָלען מיינען, אַז ס'איז אַ שרפה און דער פאַנאָמאַר זאָל אָנהויבען קלינגען: „באָם-באָם-באָם"... יודישע קינדער זענען אָבער אַלע אין שטוב, ביי דעם שבת-טיש. און די לבנה קריכט אַרויס פון הינטער'ן בוים אַ ווייסע, אַ זילבערנע, און הויבט-אָן שפּיעלען אַ ליעבע מיט'ן דניעפּער, שיקט איהם זילבערנע בריעף. און ער ענטפערט נישט. דער

אייזערנער קאַלטער דניעפּער; נאָכדעם לאָזט זיך די לבנה אין גאַנצען אַליין אַראָב אין דער שוואַרצער טיעפעניש, און דער דניעפּער האַלט אין איין שלאָפען און שוויַיגט. ער האָט ליעב די זון ביי טאָג, ווי נאָר דער ערשטער גאָלדענער שטראַהל גיט איהם אַ ריהר, ווערט ער באַלד לעבעדיג און הויבט-אָן מורמלען און צושפּרייט פון גרוים ליעבע די גאָלדענע בריעף פון דער זון איבער זיין אייזערנער שוואַרצער ברוסט.

און די לבנה ווערט בלאַסער און בלאַסער און רוקט זיך פערשעמט אַרונטער הינטער די יודישע הייזלעך, ביז די גיכע זומער נאַכט געהט אַריבער. ס'ווערט טאָג, מענשען שלאָפען, און די פויגעלעך אין הימעל און פישעלעך אין וואַסער חאַפּען זיך אויף; גויעס שטעהען אויף פריהער, לאָזען זיך אַראָב צום דניעפּער נאָך וואַסער, נעהמען אָן די עמערס, שטעלען זיי אויף אַ ווייַלע אַוועק אויפ'ן ברעג, קוקען אַריבער צום יודישען ברעג און זאָגען איינע צו דער אַנדערער:

— די יודען שלאָפען נאָך...

יודען שטעהען אויף אַז ס'איז שוין היים, די מאַנסבילען לאָזען זיך אַוועק אין שטאָדט אַריין, צו יענע יודען, און די ווייבער — אין קיך אַריין. דער טאָג ציהט זיך לאַנג, אַ הייסער און אַ גאָלדענער, קליינע חוואַליעס קייַקלען זיך איבער'ן דניעפּער, די וואַסער-מיהל ברומט פון דער ווייַטענס, פויגלען פליהען, פישעלעך שפּיעלען זיך און יודישע ברעג-קינדער קוקען אַראָב פון די ליימענע בערג און האָבען זיך מורא באָדען: „איינמאָל אין טאָג, איינמאָל אין טאָג", — זאָגען אָן די טאַטעס, אַוועקגעהענדיג אין דער פריה.

ס'איז שוין אַ זייגער זעקס פאַרנאַכט. אַ גרופּע יודען, אַ טאַטע, אַ מאַמע און אַ יונגעל, שטעהען נעבען אַ הייזעל, אויפ'ן ליימענעם באַרג, און ס'הערט זיך אַ געוויין.

— כ'האָב אָנגעזאָגט, צי ניין?

— כ'האָב זיך נישט געבאָדען —

— כ'האָב זיך צוריסען דעם האַלז שרייענדיג, ער זאָל אַרוים פון וואַסער, — קלאָגט צו די מאַמע, און געהט אַריין אין שטוב.

דער טאַטע שמייַסט.

— וועסט זיך באָדען, וועסט זיך באָדען, וועסט זיך באָדען!

עס הערט זיך אַ געוויין און פֿערשפּרייט זיך איבער'ן טייך. דער טאַטע לאָזט איבער דעם געשמיסענעם זון און דאָס יונגעל בלייבט אַליין און חליפּעט שטילערהייד אונטער. די זון ווערט גרעסער און ריהרט שוין אָן דעם דעמב, וואָס שטעהט אויף דעם גויעשען ברעג. דאָס יונגעל ווערט פּלוצלונג ענטשוויגען און פֿערקוקט זיך.

אויף יענער זייט טייך, וואו עס וואַקסען די שטיינער, טהוט זיך אוים אַ גוי מיט אַ שקץ'על; צוויי נאַקעטע קערפּערס, אַ גרויסער און אַ קליינער, בלאַנקען דעם יודישען יונגעל אין די אויגען. ער זעהט ווי דער גרויסער שטופּט דעם קליינעם, און דער קליינער רוקט זיך אָב ווייטער פֿון ברעג שטיין. קוקט אַראָב אין וואַסער אַריין און טוליעט זיך צום גרויסען קערפּער, גלייך ווי ער בעט זיך. פּלוצלונג חאַפּט דער גרויסער דעם קליינעם און וואַרפֿט זיך מיט איהם אַריין אין וואַסער.

דאָס יודישע יונגעל זיצט און ווישט די אויגען.



# שטיקער פון הערשעלעס לעבען

## I.

### הערשעלע ווערט בעל־מצוה.

רב יהושע דער עלטערער שוחט פון שטאדט, – א הויכער יוד מיט א בייזען קוק, וואס מאכט נאך עד־היום ציטערן די עלטערע מיט די יונגערע איינינקלעך זיינע, — האלט ביי זיך אין דער אייגענער דירה דעם זוהן זיינעם, משה רב יהושע'ס, — א יוד פון א יאהר פערציג, וואס האט שוין א מעדעל אויף א שדוך; מיט דער ווייב און מיט די זעקס קינדערלעך זיינע פערנעהמט ער נאר א קליינעם נאסען אלקיר, און אז הערשעלע, — איינער פון משה דעם שוחט'ס פיער יונגלעך, וואס האלט ביי ווערען בעל־מצוה. — גראבט איין די קאפ אין א לשון־קודש ביבעל, זיצענדיג ביים פענסטער, וואס עס רינט פון איהם שטענדיג, פאלט אויף איהם אן די מאמע זיינע: — א בראך צו די יאהרען מיינע, בעל־מצוה־בחור, וואס האסטו זיך איינגעגראבען אין ביבעל, ווערסט זיך נאך פערקיהלען ביים פענסטער, נעהם בעסער א ספר אין האנד, וואס וועט זיין דער תכלית פון דיר?

און אזוי ווייטער, און אזוי ווייטער.

הערשעלע ענטפערט נישט, נאר אז די מאמע זיינע צושרייט זיך שוין צו הויך, געפינט ער זיך אנ'עצה זי שטיל צו מאכען.

— דער זיידע וועט דערהערען דאס געשריי, אויף וואס דארפסטו דאס.

און דאָס איז כמעט אַלע מאָל אַנ׳עצה; פאַר׳ן זיידען האָבען אַלע מורא.

נאָר וואָס עס קומט נעהנטער צו הערשעלעס בעל-מצוה, אַזוי קריכט איהם די מאַמע מעהר אין די ביינער אַריין פאַר די ביכלעך. פאַר׳ן טאַטען האָט הערשעלע נישט אַזוי מורא: אי דער טאַטע איז שטענדיג פערנומען מיט׳ן קוילען, אי ער האָט זיך שוין גלאַט מיאש געווען פון זיין בחור׳ל, וואָס האָט אַמאָל געהאַט אַ נאָמען פון אַ „טייער קעפעל". אָבער די מאַמע לאָזט איהם נישט צורוה.

— הערשעלע — גערט צו די מאַמע צו איהם אַ פאָר וואָכען פאַר דער בעל-מצוה, און הויבט אָן מיט אַ ווייכער שטימע, — וואַרף אַוועק אַביסעל דאָס ביכעל, געה דער זיידע רופט דיך.

דער מאַמע׳ס ווייכע שטימע, דאָס וואָס זי רופט איהם „הערשעלע" און דאָס וואָס דער זיידע רופט איהם צו זיך, דאָס אַלעס דערוועקט ביי איהם אַ טרויעריגען געדאַנק, אַז ער וועט באַלד מוזען הערען מוסר; נאָר געהן מוז מען.

אַז הערשעלע קומט אַריין אין „זאַל", טרעפט ער דעם זיידען זיצען איבער אַ ספר; פון דער טהיר ביז דעם טיש געהט הערשעלע אונטער דעם זיידענס בליק, דער זיידע הייסט איהם מיט די אויגען, ער זאָל זיך זעצען.

ביי דער טהיר בלייבט שטעהן די מאַמע, און זיפצט אַלע ווייַלע.

— איך האָב שוין מיט דיר גאָרנישט געוואָלט האָבען צו טהון — הויבט אָן דער זיידע און ציהט די ווערטער, — נאָר די מאַמע דיינע האָט מיך נישט געלאָזט צורוה, איך זאָל מיט דיר לערנען אַ דרשה צו דיין בעל-מצוה. אפשר וועט גאָר זיין אַרויסגעוואָרפען דאָס ביסעל תורה, וואָס איך וועל מיט דיר לערנען.

דער זיידע קוקט אַ ווייַלע אַריין אין ספר מיט פערטראַכטע, שטרענגע אויגען, און רעדט ווייטער:

— און אפשר איז אין דיר נאָך יאָ דאָ אַ פונק יודישקייט. איך האָב מיט דיר קינדווייז געלערנט, איך ווייס, וואָס פאַר אַ גאָלדענע כלי דו ביזט געווען (דאָ גיט די מאַמע אַ זיפץ). זאָלסט געווען געהן אין אונזער וועג, וואָלסט געווען אויסגעוואַקסען אַ גרויסע זאַך. געהסט אָבער אַוועק אין שלעכטען וועג, וועט פון

דיר אויסוואַקסען אַ גרויסער רשע. „דו גלויבסט אין דיינם, און איך גלויב אין מיינם“, — טראַכט הערשעלע און הערט ווי די מאַמע זאָגט:

— לאָז דער שווער איהם נישט איינרעדען, אַז ער וועט זיין אַ גרויסער רשע. אַ גאָרנישט מיט אַ נישט וועט ער זיין. אָבגעריסען און אָבגעשליסען וועט ער געהן. רשעים איז היינט דאָ אַ סך.

דער זיידע גיט אַ וואונק מיט די אויגען, און די מאַמע געהט אוועק מיט אַ זיפץ.

— דאָס וועל איך פרובען דאָס לעצטע מאָל — רעדט ווייטער דער זיידע — רוק זיך צו נעהנטער צו מיר.

הערשעלע זעצט זיך מיט אראָבגעלאָזטע אויגען נישט וויט פונ'ם זיידען, און עס הויבט זיך אָן די דרשה. קיין ספרים איז נישטאָ אויפ'ן טיש: דער זיידע זאָגט פונ'ם קאָפּ און הערשעלע דאַרף אַלץ געדענקען און איינ'חזר'ען.

די ערשטע מינוטען קריכען איהם דעם זיידענס ווערטער נישט אין קאָפּ, אָבער דער געדאַנק, אַז ער מוז אַלץ געדענקען, נויט איהם זיך איינצוהערען. ביסלעכווייז טראָגט זיך הערשעלע איבער אין דער צייט פון אַמאָל, ווען ער איז נאָך געווען דאָס „טייערע קעפּעל“, — און אָט קוקט שוין הערשעלע דעם זיידען גלייך אין די אויגען אריין, מאַכט מיט די הענד און היצט זיך, ווי אַמאָל-אַמאָל, בעת זיין רבי איז געווען דער זיידע, און ער — דער שטרענגער זיידע, פלעגט איהם אַליין פון אַלע אייניקלעך גלעטען איבער'ן בעקעל, און אַלע שבת-צו-נאַכט איהם געבען אַ זעקסער אַ מתנה, און איהם זאָגען בשעת-מעשה:

— דערפאַר וואָס דו קענסט לערנען.

און די מאַמע פלעגט האָבען נחת. — און דער מאַמען זיינער איז ווידער בעשערט האָבען נחת: פון דער צייט, וואָס הערשעלע לערענט די דרשה, קוקט ער כמעט נישט אין די ביכלעך. איינמאָל איז הערשעלע געקומען פון קלויז, צוגעגאַנגען צו זיין שופלאָד און האָט דאָרט קיין איין ביכעל נישט געפונען. ער האָט פערשטאַנען, אַז דאָס האָט זיי די מאַמע אַ וודאי ערגעץ בעהאַלטען, נאָר ער האָט זיך נישט וויסענדיג געמאַכט, גענומען אַ גמרא און זיך געזעצט לערנען מיט אַ שטילען ניגון.

— הערשעלע — זאָגט די מאַמע — וועסט עפּעס נעהמען אין מויל אַריין? — הערשעלע, נאָ דיר אַנ׳אַנדער בענקעל, דאָס איז צובראָכען. — הערשעלע, דיר איז נישט האַרט צו שלאָפען?

און הערשעלע שעמט זיך, וואָס מען גיט איהם אַלץ נאָך. ס׳איז איהם גוט: מען דאַרף איצט נישט טראַכטען, צי ס׳איז דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט, צי ניין; די גמרא ווייזט זיך נישט אויס אַלט און צעריסען ווי פריהער. און מען דאַרף גלאַט נישט טראַכטען וואָס ס׳וועט זיין: דער זיידע און דער טאַטע מיט דער מאַמען וועלען שוין טראַכטען פאַר איהם.

פאַרנאַכט. דער זיידע טרינקט אַ גלאָז טהע און ווישט אַלע מאָל אָב דעם שוויים מיט אַ רויט טיכעל. הערשעלע חזר׳ט איבער פאַר׳ן זיידען די דרשה. ס׳איז איהם הייס; אַז דער זיידע בויגט זיך אָן צו דער גלאָז טהע און גיט אַ זופּ, כאַפּט הערשעלע אַ קוק דורכ׳ן פענסטער. ער זעהט ווי ס׳געהען צוויי גימנאַזיסטלעך אין זיינע יאָהרען, די היטלעך אַרויפגערוקט, די רעקלעך צושפּילעט; אויף די אַקסלען הענגט ביי יעדערען אַ האַנדטוך. „זיי געהען זיך באָדען" — טראַכט הערשעלע. זיי איז הייס, ווי ס׳זעהט אויס, און זיי געהען נישט גלייך, איינער גיט אַ שפּרונג, דער צווייטער — אַ לויף...

— „זיי זענען פריי" — וויל הערשעלע זיך אַליין נישט אויסזאָגען די בענקשאַפט, וואָס ער האָט פּלוצלונג דערפיהלט. דער זיידע הויבט אויף איהם אויף די אויגען, און הערשעלע זאָגט ווייטער די דרשה.

די טעג געהען. הערשעלע לערענט די דרשה, הערשעלע לערענט גמרא. פאַרנאַכט האָט דער זיידע געטרונקען טהע און הערשעלע האָט איבערגעחזר׳ט דאָס לעצטע שטיקעל פון דער דרשה. ער בעמערקט נישט, ווי אין זאַל ווערט טונקעלער, ער זעהט נאָר, ווי דער זיידע שוויצט מעהר ווי אַלע מאָל.

— עפען אַביסעל אויף די דרויסענדיגע טהיר — מאַכט צו איהם דער זיידע.

הערשעלע עפענט די טהיר און כאַפּט אַ קוק אין דרויסען אַרויס: אויפ׳ן הימעל דראַפּען זיך שוואַרצע חמאַרעס. אַקעגען, אין עק הימעל, איז די חמאַרע שוואַרץ ווי טינט. הערשעלע בלייבט אַ ווילע קוקען. דורך דער געעפענטער טהיר רייסט זיך

אריין אַ ווינדטעל, די בוימער, וואָס שטעהען פֿאַר׳ן שטוב צו־שאָקלען זיך.

— ס׳וועט באַלד זיין אַ רעגען — זאָגט דער זיידע. — נעהם דערזאָג דאָס שטיקעל, דאָס לעצטע מאָל וועלען מיר איבער׳חזר׳ען אויף דערנאָכט. הערשעלע נעמט זאָגען אָהן חשק, אַלע מאָל שלאָגט איהם איבער אַ דונער. אַ פּאָר מאָל פֿערגעסט ער וואו ער האַלט.

— לאָז זיין אויף דערנאָכט — זאָגט דער זיידע און געהט דאַוונען מנחה.

הערשעלע בלייבט אַליין אין זאַל. ס׳איז צווישען טאָג און נאַכט און די חמאַרעס מאַכען אָן נאָך מעהר פֿינסטערניש. אַלע מאָל בעלייכט אַ בליץ דעם דרויסען און די שויבען טאַנצען פֿון אַ דונער. הערשעלע זעהט, ווי אַ בריץ עפֿענט זיין שירם. עס מוז שוין אַ ודאי קאַפּען אַ רעגען. ער טוליעט צו דעם שטערען צו דער שויב און קוקט אַרויס, אַט גיעסט שוין דער רעגען, בהמות לויפֿען איבער דער גאַס, יונגלעך לויפֿען זיי נאָך.

הערשעלע פֿערגעסט דאַוונען מנחה.

נאָכדעם ווערט פֿינסטער, מען זעהט שוין נישט, וואָס אין דרויסען טהוט זיך. די קינדער קומען פֿונ׳ם חדר, אין שטוב ווערט אַ געפּילדער, די מאַמע שרייט... אין צווייטען צימער צינדט מען אָן אַ לאָמפּ. הערשעלע געהט אַרויס דורך דער זאַל־טהיר אין קלײנעם גאָרטען, וואָס בעשטעהט פֿון עטליכע בוימער, און שפּאַרט זיך אָן אין נאַסען פּאַרקען. דער רעגען האָט אויפֿגע־הערט, אויפ׳ן הימעל ווייזען זיך שטערען, איבער דער לבנה יאָ־גען זיך ווייסע שטיקלעך וואָלקענס, — הערשעלע שטעהט און קוקט. עס פֿאַלט איהם אַמאָל אין קאָפּ אַ טראָפּען פֿונ׳ם בוים, עס גיט אַ פּיפּס אַ פֿויגעלע, פֿון דערווייטען הערט זיך אַ געזאַנג פֿון שיקסעס. הערשעלע שטעהט און קוקט, ווי דינע ווייסע וואָלקענס לויפֿען איבער דער לבנה.

ער שטעהט אַזוי לאַנג, ביז די לבנה בלייבט אַליין אין אַ בלאָהען אינזעל און ביז דער זיידע קומט אָן פֿון מעריב. אַריינ־געהענדיג אין הויפֿעל, שטעלט זיך דער זיידע אָב, און זיין הויכע שלאַנקע פֿיגור זעהט אויס ווי אויסגעגאָסען פֿון אייזען.

— דאָס ביזטו? — פֿרעגט דער זיידע.

— איך — ענטפערט הערשעלע.

— קום — מאכט דער זיידע קורץ. ווי זיין טבע איז שטענדיג.

הערשעלע גערט אריין מיט'ן זיידען אין זאל; דארט ברענט שוין א לאמפ. אויפ'ן טיש ליגט פון פארנאכט די גמרא.

הערשעלע זעצט זיך מיט'ן זיידען.

— נו — זאגט דער זיידע — איצט זאג איבער די גאנצע דרשה פון אנהויב ביז'ן סוף. חאפ נאר נישט און הער זיך צו וואס דו רעדסט.

הערשעלע הויבט אן; נאר עפעס גערט עס ביי איהם נישט גוט. ער פערקוקט זיך אויפ'ן פענסטער, ווי ער וויל זיך דערמאנען די דרשה. ער זערט אבער דורכ'ן פענסטער די גאס, וואס איז האלב בלאס פון דער לבנה-שיין און האלב אין שאטען. דער זיידע קוקט אויף איהם שווייגענדיג.

— האסט פערגעסען, ערשט בייטאג געקאנט — זאגט דער זיידע קורץ און שטרענג. הערשעלע וויל אנהויבען, נאר דער זיידע לאזט פון איהם נישט אראב די שטרענגע אויגען.

— שא — זאגט דער זיידע —ווארט. זאג מיר, דו גלויבסט אין דעם, וואס מיר האבען געלערנט אין דער דרשה? פון דיין פנים זעה איך —— ——

הערשעלע פיהלט, אז ער דארף זאגען: „יא“. נאר ער קאן נישט אברייסען די אויגען פונ'ם פענסטער. ער שווייגט.

— נו? — פרעגט נאך אמאל דער זיידע.

הערשעלע צונעהמט שוין די ליפען אויף צו ענטפערען. נאר דער זיידע הויבט זיך אויף און זאגט איהם איין ווארט:

— געה!

הערשעלע גערט שטיל ארויס דורך דער זאל-טהיר אין הויפעל וואס פאר דער שטוב, און שפארט זיך ווידער אן אין פארקען. די בוימער קאפען נאך און שושקען זיך. הערשעלע פיהלט, אז ס'איז אראבגעפאלען א יאך פון די פלייצעס.

## II.
## הערשעלע פאָהרט אוועק.

הערשעלע איז אלט פופצעהן יאָהר, און ער פאָהרט זיך לערנען. ער האָט פערקויפט דאָס נייע קאפאָטקעלע מיט'ן מאַנטעל, וואָס מען האָט איהם נישט לאַנג געמאַכט, און האָט צונויפגעשלאָגען אויף הוצאות.

פאַרנאַכט איז דאָס געווען, אז הערשעלע האָט זיך אַרויסגעגנבה'ט פון שטוב, א זומער פאַרנאַכט. די שאָטענס האָבען אָנגעהויבען ווערען לענגער, בשעת הערשעלע איז געגאַנגען צו פוס מיט א קליין פעקעלע זאַכען דורך די גוי'שע גאַסען, וואָס פיהרען צו'ם באַהן.

„לאָמיך שוין נאָר זיצען אין וואַגאָן", — האָט זיך הערשעלע געחזר'ט.

אָט איז שוין הערשעלע אויף דער סטאַנציע. ער קוקט זיך אַרום: פעלדער ציהען זיך פון ביידע זייטען, ווייט ווייט; די אייזערנע פאַסען פונ'ם באַהן גלאַנצען, די זון פערגעהט. הערשעלע קוקט זיך איין אמאָל אין דער זייט, אמאָל אין דער אנדערער זייט, טאָמער ווייזט זיך א רויך, נאָר עס געדויערט לאַנג, לאַנג, ס'איז שטיל קיהל, הערשעלע זעצט זיך אוועק אין א ווינקעל און טראַכט וועגען דעם נייעם לעבען, וואָס ער הויבט איצט אָן, און טראַכטענדיג טאַפּט ער אָן אין איין טאַש דאָס ביסעל געלד אויף א בילעט, און אין דעם צווייטען טאַש — עפּעס א האַרטע זאַך,— „אז איך וועל עס פערקויפען, — טראַכט הערשעלע, וועט מען מיר אודאי געבען דערפאַר דריי קערבלעך, וועל איך שוין האָבען א צייט צו לעבען".

הערשעלע נעהמט אַרויס די האַרטע זאַך, גיט אויף דעם א קוק און לעגט עס צוריק אַריין אין טאַש; א שטראַהל פון דער פערגעהענדער זון גיט זיך א שפּיגעל אָב אין א זילבערנעם בעכער.

הערשעלע האָט דעם בעכער אַרויסגעגנב'ט פאַר'ן פאָהרען פונ'ם שראַנק: נאָר אָט שטעלט זיך אָב פאַר דער סטאַנציע א שורה רויטע וואַגאָנעס: דאָס איז דער צוג פון דער פיערטער קלאַס, וואָס הערשעלע פאָהרט מיט איהם.

אין וואַגאָן, וואוהין ער געהט אַריין, איז שוין טונקעל, אויף די בענק און אויף דער ערד ליגען צולעגט קריסטען, קיין יודע

זעהט כּמעט נישט. עס געדויערט לאַנג, לאַנג, ביז די וואַגאָנעס געבען אַ ציטער און לאָזען זיך געהן.

אָט זענען שוין ווידער פֿון אַלע זייטען ברייטע גרינע פֿײגלדער. הערשעלע׳ן, וואָס ער זיצט אויף דער שוועל פֿון דער אָפּענער טהיר, בּראָזט אין פּנים אַריין אַ קיהל אָװענד־ווינטעל, אַ מחיה! וואָס אַ מינוט ווערט די מיאוסע פֿער׳חושכ׳טע הײם ווייטער און ווייטער, וואָס אַ מינוט ווערט העלער די שיין פֿון דער לבנה, און די אוקראַינע־נאַכט ווערט אַ גרעסער און שענער, גאָלדענע פֿונקען פֿליהען אָהן אויפֿהער צו׳ם טונקעלען הימעל... הערשעלע פֿערקוקט זיך אויף דער נאַכט.

נעבען איהם, אויף דער שוועל פֿון דער טהיר, די פֿיס אַרויסגעלאָזט אין דרויסען, זיצט אַ יונגער גוי און זינגט. די שטאַרקע פֿרעהליכע שטימע גיעסט זיך איבער די פֿעלדער און בלייבט הינטער׳ן צוג, ווי די גאָלדענע פֿונקען. הערשעלע הערט זיך איין און האָט הנאה. ער פֿיהלט, אַז פֿון היינט אָן איז גלייך ווי ער האָט עפּעס אַ חלק אין די ווייטע פֿעלדער און אין דעם פֿרעהליכען געזאַנג.

אַז דער גוי הערט אויף זינגען, פֿרעגט איהם הערשעלע.

— איהר קענט נאָך ליעדער?

הערשעלע רעדט שלעכט די פֿרעמדע שפּראַך, פֿון דעסטוועגען פֿערשטעהט איהם דער יונגער גוי, און ענטפֿערט:

— איך קען.

— און אָט דאָס ליעד, אַ שטייגער, קענט איהר? — פֿרעגט הערשעלע און לייענט פֿאַר דעם גוי צוויי שורות.

Выхожу одинъ я на дорогу,

Сквозь туманъ кремнистый путь блеститъ.

הערשעלע וואָלט געוואָלט אָבזינגען די צוויי שורות פֿון דעם ליעד, וואָס ער האָט אַזוי ליעב, נאָר ער קאָן נישט.

דער גוי שווייגט.

— איהר ווייסט וועמעס ליעד דאָס איז? — פֿרעגט הערשעלע.

— ניין, — זאָגט דער גוי.

— דאָס איז דאָך לערמענטאָוו׳ס, — זאָגט הערשעלע, — איהר האָט געהערט פֿון איהם?

— ניין, — זאָגט ווייטער דער גוי.

הערשעלע חדוש'ט זיך, וואָס דער גוי ווייסט נישט לערמענ־טאָר'ס נאָמען. ער וואָלט גערעט ווייטער, איז איהם אָבער שווער צורעדען אויף דער פרעמדער שפּראַך, נאָר דאָרט ווערט ער זיך שוין אויסלערנען.

הערשעלע שווייגט און קוקט ווידער אויף דער נאַכט.

אין וואַגאָן זינגט מען אויך. דעם פּחד פאַר גויים, וואָס הערשעלע איז אויפגעוואַקסען מיט איהם, פיהלט ער איצט נישט: זיי זינגען אלע אזוי שען און טרויעריג. הערשעלע איז אויך אַבי־סעל טרויעריג, אָבער ס'איז איהם גוט. ער איז פול מיט סודות, ווי די נאַכט וואָס אַרום איהם; אין איהם זענען דאָ אזוי פיעל האָפנונגען, וויפיעל עס פליהען איצט גאָלדענע פונקען צום הי־מעל. ער פיהלט זיך שטאַרק און גרייט צו אָנהויבען מיט אייגענע כּוחות דאָס נייע לעבען.

אין וואַגאָן זינגט מען אין חאָר א טרויעריג געזאַנג. הער־שעלע הערט זיך איין און דערמאָהנט זיך אין דערהיים, אין זיין אוועקפאָהרען. עס שטעלט זיך איהם פאָר, ווי מען ווערט געוואָהר ווערען פון זיין אנטלויפען, ווי מען ווערט געוואָהר ווערען, אז ער האָט אַרויסגעגנבה'ט דעם בעבער, די מאַמע ווערט, א שטייגער, זאָגען:

— וואָס דען, אז מען לאָזט א יונגעל ווערען אויסגעלאָזט, ווערט ער א גנב אויך, ווער ווייסט, אויף וויפיעל ער האָט מיך נאָך בעגנבה'ט, א חוץ דעם בעבער...

און הערשעלע האָט חרטה, וואָס ער האָט גענומען דעם בעבער.

— אז מען לאָזט זיך אוועק אויף דער וועלט, דאַרף מען זיך שוין אין גאַנצען פערלאָזען אויף אייגענעם כּח!

אזוי טראַכט הערשעלע.

פּלוצלונג שטעלט ער זיך אויף, נעהמט אַרויס דעם בעבער פון טאַש און גיט איהם א שלײַדער. דער בעבער גיט א גלאַנץ אָקעגען דער לבנה און ווערט פערפאַלען צווישען די זאַנגען.

# זייגער.

א סקיצע.

---

אָבגעזעסען אַ פּאָר שעה אין שטאָדט-גאָרטען (ס'איז זומער), אַרומגעדרעהט זיך אין די גאַסען, געשטאַנען צו אַ פֿערטעל שעה ביי יעדער שענער אויסשטעלונג אין אַ מאַגאַזין-פענסטער, — האָב איך זיך געלאָזט געהן אַ היים. מיין היים איז אין אַ פּריוואַטער שולע, וואָס דער בעל-הבית פֿון איהר האָט מיר ערלויבט אין איהר נעכטיגען צוליעב מיין „טאַלענט", וואָס איך האָב שוין איצט אָן אַרויסווייזען. אַלט בין איך איצט זיעבעצעהן יאָהר.

געהענדיג מיט גיכע טריט דורך די גאַסען, וואָס פֿיהרען צו דער שולע, קוק איך אויף אַלע זייגערס וואָס איך בעגעגען; נישט וואָלט געווען פֿאַר מיר, ווען ס'וואָלט איצט געווען האַלב דריי: אַקוראַט אין דער צייט צולאָזט מען די יונגלעך אַ היים. דער ערשטער זייגער, וואָס איך בעגעגען, ווייזט צוואַנציג מינוט אויף דריי. — „צעהן מינוט געבליבען אין גאַנצען"! — טראַכט איך און האָב אָן צו געהן גיכער. אין דער צווייטער גאַס ווייזט דער זייגער אַ פֿערטעל אויף דריי. איך האָב ווידער אָן געהן לאַנגזאַם. קומענדיג נאָהנט צו דער שולע, איז דאָרטען אויך דאָ אַ זייגער. וויפֿיעל איז דאָס אָט אויף דעם זייגער, עפּעס זעה איך נישט גוט, — ס'מוז זיין אַן אַלטער זייגער, די ווייזער'ס זענען עפּעס

אזוינע קרומע און משונה'דיגע. און אפשר איז דאס מיר אזוי טונקעל אין די אויגען, ווייל איך האב פון אין דערפריה נאך אין מיין מויל נישט געהאט? שא, אט זעה איך שוין: דריי א זייגער! ס'קאן אבער נישט זיין: כ'האב נאך אביסעל כח אין די פיס, ס'איז נאך נישטא קיין דריי א זייגער? מען מוז צוגעהן נעהנטער. אח, ס'איז דאך ערשט צ ו ו יי א זייגער!

צוויי! א שוויים געהט מיר ארויס אויפ'ן שטערען. הייסט עס, אז איך דארף נאך דא, אין טויער פון דער שולע, ווארטען א האלבע שעה, ביז די קינדער וועלען ארויסגעהן. פערפאלען. איך שטעל זיך אוועק אין טויער, און די ערשטע פאר מינוט בין איך אזוי מיעד, הונגעריג און דערשלאגען, אז איך טראכט גארנישט. איך לעהן זיך אן אין א וואנר. און פערמאך די אויגען.

ס'דרעהט זיך מיר דער קאפ. מ'דארף זיך געהן זעצען אויפ'ן בענקעל, וואס שטעהט ביים טויער. ניין, דער סטרוזש וועט נאך אנגעהן, און וועט מיך בעטען מחילה אוועקגעהן. אז אזא פראסטע זאך, ווי א סטרוזש, שרייט אויף דיר, איז ערגער ווי א טאג ניט עסען. ס'ווילט זיך שוין גוט עסען. וואס וועל איך היינט דארט אנקלייבען, אז די קינדער וועלען זיך צוגעהן? ס'וועט זיין שען, אז ס'וועט גארנישט זיין, אדער געביסענע, געביסענע! אויפ'ן זעמעל מיט פוטער זעגען נאך פריש די צייכענס פון דעם יונגעלעס צעהן און ליפען... און דו געה עס! —— ווער ווייסט, אפשר וועט מיר גאר אבגליקען ווי פאר אכט טאג צוריק, דאמאלס האב איך געפונען אין איין באנק צוויי גאנצע זעמעל מיט פוטער, נאך ניט קיין געריהרטע אפילו, — איך דערקען. אין אנ'אנדער באנק האב איך געפונען צוויי בארען און אנ'איי, אז ס'גליקט אב. א חוץ דעם האב איך דאמאלס צונויפגענומען אפשר צעהן האלבע זעמעל. דאמאלס איז מיר גלאט געווען גוט צו זוכען: דער „לאקיי", דאס שקץ'על, וואס נעכטיגט מיט מיר אין שולע, איז נישט געווען. אמאל טרעפט זיך אז צוליעב איהם האב איך א שלעכטען מיטאג.

כ'עפען די אויגען.

ארום מיר איז שטיל. די שולע איז אין א הינטער-געסעל, קיין קלייטען זענען דא נישטא, ס'זענען נאר דא קלייטרעך פון עסענווארג, אט א שטייגער אקעגען מיר. די טהיר פון קלייטעל

איז אָפֿען, איך זעה ווי א אידענעם האַנד הויבט זיך און לאָזט זיך אראָב. שוין דריי מאָל אזוי. וויפֿיעל ווערט געדויערען ביז זי וועט נאָך אמאָל אויפֿהייבען די האַנד און אראָבלאָזען. כ׳רעכען, אז איך וועל נאָך קאָנען ביז דאַמאָלס אָבצעהלען פֿופֿציג: איינס, צוויי, דריי, פֿיער, — — שוין! דאָס פּאַקט זי אַלץ אין קאָשעק אַריין, וואָס קויפֿט זי דאָרטען אָן א שטייגער? טהיי, צוקער, ברויט, פּוטער. — ס׳האָט מיר שוין דערעסען די זעמעלעך מיט פּוטער, ס׳ווילט זיך פֿלייש. ווען מען נעהמט מיך א שטייגער אַריין אַליין אין א צימער (קיינער זאָל נישט זיין, ווייל איך וועל דאָס ערשטע מאָל זיך א וואָרף טהון אויפֿ׳ן עסען, ווי א הונגעריגער וואָלף, פֿאַר א פֿרעמדען מענשען דאַרף מען עסען פּאַמעלעך). און מען שטעלט מיר אַוועק א טעלער מיט דריי קאָטלעטען מיט געבראָטענע קאַרטאָפֿלעס. — — —

אין מאָגען הויבט מיר אָן עפּעס דרעהען. ער האָט דערפֿיהלט, אז מיין מוח טראַכט וועגען קאָטלעטען און געבראָטענע קאַרטאָפֿלעס, מען דאַרף נישט טראַכטען וועגען דעם, א מלאָכה טראַכטען! אויב טראַכטען, קאָן איך שוין בעסער זיך פֿאָרשטעלען בעסערע זאַכען. א פֿאַנטאַזיע האָב איך א גרויסע, נאָך א גרעסערע ווי מיין אַפּעטיט איצט. בייַנאַכט א שטייגער, ווען דער ערל פֿייפֿט שוין אין קיך מיט דער נאָז, און איך דרעה מיר איינער אַליין אַרום איבער די פּוסטע צימערען פֿון דער שולע, אין דער פֿינסטער, נישט אַלע אויף דער נאַכט האָב איך א ליבט, שלאָפֿען שלאָפֿט זיך נישט, דער מאָגען איז מיר נישט אַזוי פֿול, דאַמאָלס לעג איך מיך אַוועק אויף מיין קאַנאַפּע (די קאַנאַפּע האָט אַוועקגעשטעלט דער בעל־הבית פֿון דער שולע, ווייל ער האָט מיר געוואָלט געבען אויף וואָס צו שלאָפֿען און ווייל זי איז שוין אַלט און אומריין אויף צו שטעהן ביי איהם אין דער קוואַרטיר), וואָס שטעהט אין קליין בלינד צימערעל, וואו ס׳איז נישטאָ קיין פֿענסטער, פֿערמאַך ביידע טהירען, די טהיר אין קיך אַריין און די טהיר אין די צימערען פֿון דער שולע, און נעהם טראַכטען מיט אָפֿענע אויגען. אַרום מיר איז אַזא פֿינסטערניש, אז מיר איז אַלץ איינס צי ליעגען מיט אָפֿענע, אָדער מיט פֿערמאַכטע אויגען. אָט דאָס אַלס ניב איך דאָס א חלום. דאָס שטיקעל פֿינסטערניש, וואָס איך ליעג אין דעם, האָט נישט קיין גרענעצען, עס צוגיעסט זיך ווייט ווייט

אַרום און אַרום, און אין דעם גרויסען חלל פֿון פֿינסטערניש איז דאָ אַנ'אָרט אויף אַלערליי וועלטען, וואָס איך בעשאַף מיר. אָדער אַז מיר ווערט נמאס ליגען אין דער פֿינסטער, געה איך אַרוים אין די גרויסע צימערען פֿון דער שולע, די לבנה שײַנט אַרײַן דורך די פֿענסטער, און איך שפּאַן אַרום פֿון איין צימער אין צווייטען, פֿון איין צימער אין צווייטען, און טראַכט און טראַכט.

ס'דערעסט מיר שטעהן, איך גיב זיך אַ דרעה אַרום איבער'ן טראָטואַר, כ'בין אָבער צו מיעד אויף אַרומגעהן, און איך שטעל זיך אַ נידער אַוועק וואו איך בין געשטאַנען. איך הער זיך אײַן: פֿונ'ם דריטען עטאַזש, וואו די שולע איז, קאָן מען אײגענטליך גאָרנישט הערען. נאָר מײַן אויער איז שוין געוואָהנט: אַלע טאָג אין דער זעלבער צײַט קומט מיר אויס זיך צו הערען. אָט איצט הער איך אויך, ווי דער לעהרער לײַענט מיט אַ גראָבער שטימע.

אָבער ווען וועט עס שוין האָבען אַנ'עק? מיר דאַכט זיך, אַז איך שטעה שוין דאָ אַ האַלבע שעה. און אפֿשר נישט, איך בין אַזוי מיעד, אַז איך פֿיהל גאָרנישט. איך קעהר דאָס זײַן אַ שען ביסעל בלאַס איצט. מען דאַרף אַרויסנעהמען מײַן שפּיגעלע און אַ קוק טהון. כ'האָב אַ שפּיגעלע, און אַ שענס, יוכבד האָט דאָס מיר געשענקט. איך בין דאָס איצט בלאַס, איבער די אויגען איז מיר עפּעס ווי אַ הײַטעל איבערגעצויגען, אַלץ פֿון מיעדקײַט, אָבער פֿון דעסטוועגען געהט מיר צום פּנים, אַז איך בין בלאַס. אַז מען האָט שוואַרצע אויגען, איז שען זײַן בלאַס, גאָר בלאַס, ווי איך בין איצט, כ'ווייס, וואָס דו האָסט מיך אַזוי ליעב קושען, יוכבד. ווער איז יוכבד? אַ מעדעל פֿון אַכצעהן-נײַנצעהן יאָהר. איך בין אין גאַנצען אַלט זיעבעצעהן, ס'טרעפֿט זיך אַזוינע זאַכען אויך, אַז אַ מעדעל פֿון אַכצעהן יאָהר האָט ליעב אַ יונגעל פֿון זיעבצעהן. הײַנט מוזט איהר וויסען, אַז זי ווייסט נישט ווי איך לעב; אײגענטליך ווייסט זי יאָ, אַז קיין געלד האָב איך נישט; זי ווייסט אָבער נישט, אַז טאָג און טאָג עס איך גאָרנישט ביז דרײַ אַ זייגער, און נאָכדעם מאַך איך מיר אַ מיטאָג פֿון די שיריים, וואָס די קינדער פֿון דער שילע לאָזען איבער נאָך זייער אַוועקגעהן. וואָס וואָלט זי געזאָגט, זי זאָל וויסען? זי וואָלט דאָס אפֿשר גאָרנישט פֿערשטאַנען. איהר טאַטע איז אַ רײַכער,

כ'בין ביי זיי איינמאָל געווען אין געשעפט. און אפשר וואָלט איך ביי איהר נמאָס געוואָרען אין די אויגען צוליעב דעם? כ'ווייס אויך נישט, כ'וועל געהן איצט טראַכטען, ווען איך וועל אַזוי עסען, וועגען דעם וואָס ס'וועט אַמאָל זיין, דערווייל ווייס איך, אַז זי האָט מיך ליעב און קושט מיך! זי קושט מיך אין די ליפען, אין די האָהר, אין די אויגען. מעהר פון אַלץ קושט זי מיר די אויגען. מיר איז טאַקע גאַנץ גוט, אַז איך ליעג ביי איהר אויף די קניע און זי קושט מיר די אויגען. פריהער מוז מען אָבער אָבעסען; ס'טרעפט זיך אַמאָל, אַז זי קומט צו מיר צוגעהן אויף דער נאַכט, אַ פרעהליכע, אַ לעבעדיגע, מיט רויטע באַקען, אויף די ליפען ליעגט איהר נאָך דער טעם פון די גוטע זאַכען, וואָס זי האָט געקויפט אין וועג און געגעסען, זי גיעט מיר אויך. איך עס עס פאַמעליך, פאַמעליך, גלייך ווי ס'ווילט זיך מיר נישט זעהר שטאַרק.

— קום שפאַציערען, סאַשאַ — רופט זי מיך.

„הייסען הייס איך שמואל, און זי האָט איבערגעמאַכט מיין נאָמען אויף סאַשאַ, דאָס איז דער בעסטער סימן, רעכען איך. אַז אַ מעדעל האָט ליעב.

איך זאָג זיך אָב פון געהן שפאַצירען. זי פרעגט פאַרוואָס, איך געפין אַ תירוץ. אַ לאַנגע צייט שפרינגט זי נאָך אַרום אַ לעבעדיגע, אַ פרעהליכע, וואָס נאָר מיין קושען געהען איהר אָב. נאָר סוף-כל-סוף וואַרפען אויף איהר אַרויף די גרויסע שאָטענס אין גרויסען צימער אַ ליעבען אומעט, און זי לעגט מיך אַוועק ביי זיך אויף די קניע און נעהמט מיך קושען, פריהער אויף די אויגען, נאָכדעם אויף די ליפען. איהר פערשטעהט, אויף די ליפען. איך בין אַזוי אויך מיעד, און פון די קושען ווער איך נאָך מיעדער, אַזוי, אַז קוים וואָס איך אָטהעם. סוף-כל-סוף בעמערקט זי דאָס, איך הער ווי זי זאָגט מיר מיט אַ ווייכער ערנסטער שטימע:

— ווי שעמסט דו זיך נישט, דו דאַרפסט אפשר האָבען געלד און ווילסט ביי מיר נישט בעטען? איך שווייג. אין קאָפ געהט מיר איבער אַ געדאַנק: און אפשר טאַקע לייהען ביי איהר? וואָס איז דאָרטען אַזוינס?

זי ווערט ברוגז:

— דו ווילסט מיר אפילו נישט ענטפערען.

— האָסט מיר דען עפּעס געזאָגט? — מאַך איך זיך תּמ'עוואַטע.

— האָסט נישט געהערט? — איז ביי איהר אַ ספק, — איך האָב דיך געפרעגט, צי דו דאַרפסט נישט האָבען קיין געלד, כ'האָב ביי זיך אַפילו נאָר איין רובל, אויף מאָרגען קאָן איך דיר ברענגען.

— כ'דאַרף נישט, — ענטפער איך און גלעט איהר האַנד, דאָס הייסט, איך בין גאָרנישט אין אַשטימונג פון געלד, זעהסט, איך גלעט דיר נאָר די האַנד.

נאָכדעם האָט זי מיר אַלץ געקושט און געקושט, אַז איך האָב זי אַרויסגעלאָזט, האָב איך אויפ'ן טיש בעמערקט אַ זילבערנעם רובל. „די געוועלבלעך זענען נאָך איצט אָפען", — גיט מיר אַ קלאַפּ אַ מחשבה אין קאָפּ, וואָס טהוט מיר וועה פון הונגער און פון די קושען, נאָר איך געה גאָר צו צום פענסטער, עפען איהם אויף, און וואַרט, אַז יוכבד זאָל אַרויסגעהן פונ'ם טויער. אָט איז זי.

— יוכבד, טייערע, אַ גוטע נאַכט דיר.

אַזוי שריי איך איהר אַרוים דורכ'ן פענסטער. און פאַר זיך טראַכט איך... „דו מיינסט דאָך, אַז איך דאַנק דיר דאָס פאַר'ן רובל, יאַ?"...

יוכבד שרייט מיר אַרויף:

— צום ווידערזעהן, טייערער! — און זי שיקט מיר אַקוש מיט דער האַנד —

— וואַרט אַביסעל, — שריי איך ווידער, און וואַרף אַראָב דעם רובל. דער רובל גיט אַ קלונג אויפ'ן טראָטואַר. יוכבד בלייבט אַ מינוט שטעהן ווי פערגליווערט, נאָכדעם הויבט זי איהם אויף.

— האָסט פערגעסען אַ רובל אויפ'ן טיש! — שריי איך ווידער. — אַ גוטע נאַכט דיר! — און מיין שטימע איז אַזאַ ־והיגע — —

און אַז איך האָב פערמאַכט דעם פענסטער, נאָכדעם אַז איך האָב שוין נישט געזעהען יוכבד'ן דורך איהם, בין איך אַוועק־ עגאַנגען זוכען אין די ביינק פערבליבענע זעמעל.

— אויף וואָס האָט איהר זיך אַזוי פערקוקט?

דאָס פרעגט מיך דער בעל-הבית. נאָך איהם געהען שוין די קינדערלעך, איינער טראָגט צוריק דעם אָנבייסען, וואָס ער האָט נישט אויפגעגעסען אין שולע, אַ שאָד!

דער בעל-הבית פרעגט מיך ווייטער:

— איהר האָט דאָ געוואַרט ביז די קינדער וועלען זיך צוגעהן? איהר קאָנט קומען פריהער אויך, איהר קאָנט זיצען ביי מיר אין קאַבינעט.

— ניין, — לייקען איך אָב, — איך וואַרט דאָ אויף עמיצען.

דער בעל-הבית גיט מיר די האַנד.

— אַדיע! — זאָג איך, — מיט אַפּעטיט! איהר געהט דאָך מסתמא אויף מיטאָג?

— ניין, — ענטפערט ער, — איך געה נאָך אַריין ערגעץ אין אַנ'אָרט.

— ווען איהר, הייסט עס, ערשט אין אַ שעה אַרום עסען? — פרעג איך זיך נאָך. כ'ווייס אויך נישט צוליעב וואָס.

— אין אַ שעה אַרום. אַדיע! דער בעל-הבית געהט אַוועק.

„אַ מענש האָט דאָס מיטאָג, און אײַלט זיך נישט“, — שמייכעל איך צו זיך אַליין. נו, איצט דאַרף מען אַרויפגעהן. רבונו של עולם, ווי איך בין מיעד. ס'איז שוין אפשר דריי אַ זייגער. אָט דאַרף איך זיך הויבען אויף די טרעפ, ס'איז מיר גאַנץ שווער. וויפיעל האָב איך דאָס טרעפ? זעקס מאָל עלף? זעקס און זעכציג טרעפ! איך הויב זיך אויף פּאַמעליך, אַ טרעפ נאָך אַ טרעפ. אָט איז שוין די טהיר. אַ שליסעל האָב איך אַ בעזונדערען. איך געה אַריין. זעצען זיך אַביסעל אָברוהען? ניין, מען דאַרף געהן אַ זוך טהון.

דער ערל שטעהט און ווישט די שויבען. גוט, טראַכט איך מיר: ער איז פערנומען, איך געה אַריין אין צווייטען צימער, בויג זיך אָן צו דער ערשטער באַנק: ליידיג, צו דער צווייטער — אויך ליידיג, מיר ווערט מיט יעדער גייער באַנק פינסטערער אין די אויגען: ליידיגע בענק, אפילו קיין זכר נישט פון אַ שטיקעל זעמעל.

איך געה אַריין אין צווייטען צימער, אַ שרעקליכער געדאַנק

גיט מיר א בליץ אין מח. נאָר צום ערל זאָג איך רוהיג:

— האָסט שוין אויפגערוימט?

— שוין אויפגערוימט.

— דאָ אויך?

— דאָ אויך, אקעגען וואָס פרעגט איהר?

— כ׳האָב דאָ פערגעסען מיינם א ביבעל. נישט געזעהן?

— א ביבעל, א ביבעל? ווי זעהט דאָס אויס?

— ווי זעהט עס אויס? — — כ׳האָב איהם קיין כח נישט צו ענטפערען. איך לאָז זיך געהן אין קיך אריין. אין הארצען איז נאָך ביי מיר דאָ א האָפנונג.

אין קיך, אין קאסטען פון מיסט, דערזעה איך ליעגען הארבע און גאנצע זעמעל. פון איין זעמעל איז אראָבגעפאלען דער קעז, וואָס איז געלעגען אויף דער פוטער. — א גראָבע שטיק שווייצערישער קעז...

# אַ פֶערְשְׁטֶערְטֶער שַׁבָּת.

(אַ בּילד).

---

ליב שמחה׳ס, — מײַן טאַטע — איז אַ „נאָמן“ בײַ יואל דעם נגיד אין קאַנטאָר. שכירות בעקומט ער גאַנצע זיבען רובל אַ וואָך, נאָר ווײַל פון צײַט צו צײַט, — אַ פּאָר פּסח אַ שטײַנער, — קומט אוים דעם טאַטען געהן צום נגיד בעטען אַ טובה, ער זאָל געבען פאָראוים אַ פּופציגער, דערפאַר בלײַבט אויף לעבען מעהר ניט ווי 5 רובל אַ וואָך; די איבעריגע צוויי צאָהלט מען שטענדיג „וואָכערס“ דעם בעל־הבית אַליין. און פון זינט איך געדיינק זיך, קאָן איך זיך נישט דערמאָהנען, אין אַ זיבען רובעלדיגער וואָך.

דעם פּופציגער, וואָס מען נעהמט פאַר אַ יום־טוב, וועלכען דער טאַטע ברײַנגט אַהײַם שטענדיג אויף דער נאַכט (בײַטאָג וועט מען נישט געהן דולען דעם נגיד אַ קאָפּ), נעהמט די מאַמע איבער צו זיך, זעצט זיך אַוועק בײַם טיש און נעהמט איהם איבערצעהלען, זי צעהלט דרײַערלעך בעזונדער, פינפרובלדיגע בעזונדער, צוטײַלט דאָס געלד אין קופקעלעך, צעהלט איבער יעדע טײַל בעזונדער און רעכענט נאָכדעם צוזאַמען. קײַן פּופציגער ריכטיג קומט אָבער נישט אַרוים: אָדער מעהר אָדער וועניגער. דערזעהט דאָס דער טאַטע, וואָס האָט דערווײַל אויסגעטהון דעם מאַנטעל און האָט איבערגעביטען דאָס היטעל (צום בעל־הבית איז ער געגאַנגען אין דעם שבת׳דיגען זײַדענעם היטעל), און זאָגט.

— האסט ניִשט וואס צו צעהלען. ס'איז ריִכטיג ווי גאלד.

די מאמע גיט א קעהר דעם קאפּ צום טאטען און פֿרעגט איבער:

— קאן איך זיך פֿערלאזען, ליב? האסט גוט איבערגע־צעהלט צוויי מאל?

— יא, יא, קענסט עס פֿערשפּארען, — ענטפֿערט דער טאטע.

און מען „פֿערשפּארט" דאס געלד. דעם שליסעל נעהמט צו זיך דער טאטע (א קליינינקייט, פֿופֿציג רובל), און אז זיי געהען שלאפֿען, ווען זיי ליגען שוין אין די בעטען, געהט נאך ביי זיי אלץ דער אייגענער שמועס וועגען דעם מארגענדיגען איינקויף. איך, וואס שלאף אויף בייכקלעך צוזאמען מיט מיין ברודער, הער ווי די מאמע טענה'ט מיט'ן טאטען:

— איך זאג דיר, אז משה מיט יאסלען מוזען האבען צו דריי העמדלעך!

משה און יאסעל — דאס בין איך מיט מיין ברודער.

דער טאטע ענטפֿערט אב דער מאמען, דערוויבענדיג דעם לעצטען ציגאר פֿאר'ן שלאף:

— משה'ן האסטו ערשט אויף סוכות געמאכט העמדלעך?

— מיש זיך ניט, איך בעט דיך, אין דעם וואס דו ווייסט ניִשט, — מאכט די מאמע מיט כעס.

— טהו וואס דו ווילסט, מאך איהם אפֿילו אכטצעהן העמדלעך, און א ניידענע קאפּאטע מוז איך האבען.

דער טאטע דאווענט אין דער חסידישער קלויז, און אהין קומען אין א קארטענער קאפּאטע איז א בזיון. פֿון דער אלטער זיידענער פֿאלען שוין שטיקלעך.

— וואס-זשע, זאל איך צוליעב דיין קאפּאטע משה'ן קיין העמדעל ניִשט מאכען אויפ'ן לייב? — טענה'ט די מאמע פֿאר מיר.

איך ליעג און הער זיך איין; א שמערצליכער געפֿיהל לאזט מיך ניִשט איינשלאפֿען: איך פֿיהל, אז מיין „גארניטור" אויף פּסח איז א ודאי און בסכנה...

אז איך חאפּ זיך אויף אין דערפֿריה, איז דער טאטע שוין ניִשטא אין דערהיים, דורכ'ן פֿענסטער שיינט ארייין א ליעבע פֿאר־

פסח־זון, און אין שטוב איז אָנגעוואָרפען, די בעטען נישט פער־בעט, אין קיך פאָרעט זיך שוין די מאַמע, און שרייט:

— נחמה (מיין שוועסטער, אַ כלה־מעדעל), נעהם וואַש אויס דאָס טעפעל, ריהר זיך! ווייסט נישט, אַז איך האָב נישט קיין צייט, איך דאַרף געהן אין קלייט?

„איך דאַרף געהן אין קלייט" טראָגט זיך אַ גאַנץ אין דער פריה אַרום אין דער שטוב. „אין קלייט" — טראַכט יעדעס קינד פאַר זיך און חלומ'ט זיך חלומות, די עלטערע וועגען אַ גאַנצען „גאַרניטור", די קלענערע — וועגען אַ פאָר הויזלעך, וועגען אַ קאַפּאָטקעלע... אַרום זייגער צוועלף לעגט די מאַמע אַוועק די אַרבייט און נעהמט זיך אָבוואַשען. בשעת מעשה שרייט זי צו דער שוועסטער נחמה'ן:

— ווייז מיר נאָר דיין שטיקעל כשר זייף, מען דאַרף געהן אין אַ קלייט...

בשעת די מאַמע ווישט זיך אָב און טהוט זיך אָן, רינגלען זי אַלע קינדער אַרום, די גרויסע און די קליינע, און יעדערער דערמאָהנט אין זיך:

— מאַמע, מיר זאָלסטו נעהמען הויזען מיט פאַסקעלעך, וואָס זעהען אויס ווי קאָרט.

— איך וויל אַ גאַנצען גאַרניטור, פון איין קאָליער.

— מאַמע, דו קאָנסט זיך מיך אָבנאַרען, מיר נעהמען טונ־קעלע פאַרלסינע, וואָס זעהט אויס ווי קאָרט, זאָג איך דיר, אַז איך וועל אין קלויז אַריין נישט געהן דאַוונען... — גיב איך, דער עלטערער אינגעל, אָנצוהערען דער מאַמען.

די מאַמע קוקט אַפילו נישט אָן אונז, טהוט זיך זען און זאָגט אָן נחמה'ן:

— זאָלסט דאָ געבען עסען דעם טאַטען אַז ער וועט קו־מען, כ'וואָלט בעסער געוואָלט, זאָלסט געהן מיט מיר אין קלייט, דיר קאָן נאָך נאָכדעם נישט געפעלען וואָס איך וועל פאַר דיר אויסקלייבען. ווייסטו וואָס, איך וועל לאָזען פאַר דיר געלד, וועסטו זיך נאָכדעם אַליין געהן איינקויפען.

דער שוועסטער געפעלט אָבער נישט דער מאַמעס פּלאַן.

— וואָס ס'קאָן שוין בלייבען, אַז דו וועסט אַלץ פריהער איינקויפען...

די מאַמע ענטפֿערט איהר גאָרנישט, און גיט נאָר אַ קוק אויף איהר. און דער קוק זאָגט: „נאַרעלע, טאָכטער מיינע, איך בין דען נישט קיין מאַמע, איך ווייס דען נישט, וואָס אַזאַ מעדעל ווי דו, וואָס האַלט ביי אַ שדוך, דאַרף האָבען. ביים גוטען ווילען, אויף די שונאים געזאָגט געוואָרען, וואָס מען קאָן דיר שוין מאַכען.....

אָנגעטהון זיך, געהט די מאַמע אַרויסנעהמען דאָס געלד; איז נישטאָ דער שליסעל.

— דער שליסעל, דער שליסעל, ווער האָט געזעהן דעם שליסעל? — שרייט די מאַמע.

— דו האָסט דאָך איהם נעכטען אַליין אָבגעגעבען דעם טאַטען בעהאַלטען, — דערמאָהן איך איהר. — בלייבט די מאַמע שטעהן מיט אַנ'אויסדרוק פֿון פֿערצווייפֿלונג. אויפֿ'ן געזיכט:

— וואָס טהו איך איצט? כ'האָב זיך שוין אָנגעטהון, אָבגעוואַשען...

— איך וועל אַ לויף טהון נאָכ'ן שליסעל, — רופֿ איך זיך אָן.

— גיב-זשע אַ געה גיך, איך זיץ דאָ און וואַרט אָנגעטהון. נאָר פֿערליר איהם נישט!

אַז איך קום אין קאָנטאָר צום טאַטען, קאָן איך אַ צייט לאַנג גאָרנישט זאָגען, אַזוי בין איך געלאָפֿען: דער אָטהעם האָט מיר פֿערחאַפּט. דער טאַטע קוקט אויף מיר מיט שרעק און טרייסעלט מיך און קוקט מיר אין די אויגען:

— וואָס איז, זאָג גיכער, עפּעס אין דערהיים?

די אידען וואָס שרייבען אין קאָנטאָר, האָבען אַלע אויפֿגעהויבען די קעפּ און קוקען אויף מיר. איך ווער פֿערשעמט און זאָג קוים אַרויס:

— קום אַרויס.

מיר געהען אַרויס הינטער דער טהיר; דעם טאַטענס געזיכט דריקט אויס שרעק.

— נו, רעד שוין גיכער, — לאָזט ער נישט אַרויס מיין אַקסעל פֿון האַנד.

— די מאַמע האָט געזאָגט, זאָלסט איהר געבען דעם שליסעל פֿונ'ם געלד...

— א בייזער חלום אויף איהר קאָפּ — זידעלט דער טאַטע די מאַמע — צוליעב'ן שליסעל דאַרף מען אַזוי יאָגען אַ קינד און מיך אַזוי איבערשרעקען!

ביי מיר ווערט פלוצלונג אָן דעם גאַנצען חן דער „גאַרניטור“, וואָס די מאַמע דאַרף מיר ברייננגען, — נאָכדעם ווי דער טאַטע האָט אַזוי גראָב אויסגעזידעלט די מאַמע.

— נאַ, — מאַכט דער טאַטע צו מיר. — נאָר פערליער איהם נישט...

אָפגעהענדיג אַ שטיקעל וועג, הער איך, ווי דער טאַטע רופט מיך צוריק:

— זאָג דער מאַמען, אַז זי זאָל נישט פערגעסען מיר נעה־מען אַ ווייזענע קאַפּאָטע, כ'וועל איהר מאָרגען אָדער איבערמאָרגען צוגעבען נאָך צעהן קערבלעך, וועט זי נאָכדעם דערנעהמען די העמדלעך.

— כ'וועל זאָגען. — זאָג איך אונטער דער נאָז, און געה אַ וועק. איך לויף שוין נישט. מיר ווייזט זיך אויס, אַז די מאַמע וועט דערקענען פון מיין פּנים, ווי דער טאַטע האָט זי געזידעלט, איך גיב אָב דער מאַמען דעם שליסעל און זאָג גאָרנישט.

אָנגעהויבען האָט זיך דאָס באַלד אויף דער נאַכט, אַז דער טאַטע איז געקומען פון קאַנטאָר. אויפ'ן טיש זענען געווען צו־לעגט די סחורות, וואָס די מאַמע האָט געבראַכט, און מיר אַלע זענען געשטאַנען אַרום טיש, יעדערער האָט זיך געהאַלטען זיין סחורה אין האַנד און בעקוקט עס.

— איך וויל נישט די הויזען. איך זאָל שטאַרבען, אויב איך וועל זיי אפילו איינמאָל אָנטהון! — שרייט מיין ברודער אברהם.

— נישט קשה, וועסט בעסער ווערען, — שרעקט זיך נישט די מאַמע.

די שוועסטער נחמה רעדט ברוגז:

— האָסט שוין קיין בעסערען סיטץ נישט געקאָנט אויס־קלייבען?

— ביי פערל'ן אין קלייט איז נישט געווען קיין שענערער, — פערענטפערט זיך די מאַמע.

— געהט מען אריין אין אַנ'אַנדער קלייט.

— האָסט פערגעסען, אַז איך בין פערל'ן שולדיג נאָך פון

פאר צוויי יאהרען? ווי געהט מען אין אנ אנדער קלייט?

דא קומט אן דער טאטע, גיט א גיבען קוק אויפ'ן טיש, און זאגט שוין אין כעס צו דער מאמען:

— קיין קאפאטע טאקי נישט גענומען?

— האסט מיר געגעבען געלד אויף א קאפאטע?

— כ'האב דאך דיר געזאגט, אז איך וועל דיר געבען נאך צעהן קערבלעך!

— האסט מיר גארנישט געזאגט, און קאנסט איצט אויך געבען, וועל איך דיר מארגען געהן נעהמען.

— כ'האב דיר שוין גארנישט געזאגט? — איז אין כעס דער טאטע, — דו דארפסט עפעס האבען, איך זאל געהן ווי א מענש!

— לאז זיין, איך דארף נישט האבען זאלסט געהן ווי א מענש. דו ווילסט זיך שוין קריגען...

— קריגען וויל איך זיך, — ווערט דער טאטע אויפגעבראכט, — א גאנצע טאג זיך אנגעהארעוועט ווי א הונד, און איצט בין איך זיך געקומען קריגען מיט דיר?

עס ווערט א ברוגז.

עסען צום טיש דערלאנגט שוין נחמה. די מאמע שטעהט ביי'ם אויווען און וויינט...

דער ברוגז דויערט ביז פרייטאג.

קומענדיג פרייטאג פון באד, געהט דער טאטע דורך די קיך, און הויבט אן דער ערשטער צו רעדען:

— דער סאמאוואר איז שוין פארטיג?..

די מאמע קוקט נישט צו איהם, איהר פלאמענדעס געזיכט ליגט אין אויווען, און שרייט:

— נחמה, דער סאמאוואר איז שוין פארטיג?..

דער טאטע זעצט זיך טרינקען טהיי, טרינקט אויס איין גלאז, צוויי, דריי, און גיעסט אן די פיערטע א האלבע...

— שרה, — זאגט ער פלוצלונג צו דער מאמען — געה טרינק שוין אויך א מאל א גלאז טהיי, גענוג זיך שוין דיר פארען..

— באלד, איך וועל נאר אבשמירען דעם פריפיטשאק — לאזט זיך די מאמע איבערבעטען.

אז מען דארף געהן דאווענען, טהוט דער טאטע אן די אל-

טע, צוריסענע זיידענע קאפאטע. ער גארטעלט זיך ארום, די מאמע שטעהט דערביי, און זאגט וויי:

— כ'וועל דערוויל די פעררייבטען, נאך שבת, אם ירצה השם, וועסטו דו זיך נעהמען א נייע.

דער טאטע קוועטשט מיט די פלייצעס:

— מארגען א קידוש, ווי געהט מען עם צווישען פרעמדע מענשען אזוי...

דער פרייטאג צו נאכט איז א ליכטיגער, א שלום'דיגער. נאכ'ן עסען קנאקט דער טאטע קערענדלעך און קוקט אריין אין „יוסיפון". די מאמע זיצט און דרימעלט. זי איז מיעד פונ'ם שבת־מאכען.

פונ'ם „קידוש" קומט דער טאטע א צערייצטער. דער פנים זיינער איז רויט.

— א גוט שבת, — זאגט ער צו די ווענד. די מאמע, ווי מיר, קינדער, פערשטעהט שוין.

— וועסט זיך באלד וואשען? — פרעגט די מאמע.

— אויף וואס דען וועל איך ווארטען, שוין קארג שפעט? — וואס קנייטשסט דו דעם חומש! — חאפט מיין ברודער אברהם א סטוסאק. דאס איז דער ערשטער סימן.

דאס ברודערעל צוויינט זיך, די מאמע האלט זיך נאך איין.

— געה וואש זיך בעסער, מילא, ער וועט נישט אויפעסען דעם חומש.

— דו ווייסט! — רעדט שוין מיט כעס דער טאטע, — פון דיינעטוועגען מעג אלץ זיין צוריסען. די קאפאטע א שטייגער. ס'האט מיר היינט געפלאמט דאס פנים פאר בזיון.

— נו געה וואש זיך שוין א מאל, — זאגט נאך אלץ וויי די מאמע. איך שטעה געבען איהר און הער ווי זי זאגט פאר זיך:

— שוין א ביסעל בראנפען גענומען...

— וואס זאגסט דו דארטען אזוינס, וואס דו האסט מורא זאגען הויך?..

די מאמע ווערט גאר שטיל. און מיר, קינדער, אויך.

ביי'ם טיש נעהמט דער טאטע נאך א ביסעל בראנפען. די „פעטשא" געפעלט איהם נישט.

— וואָס זשאַלעוועסט דו אַ ביסעל עסיג? מען קאָן אין מויל נישט נעהמען.

— כ'האָב, מיר דאַכט זיך, גענוג עסיג פערקאַכט — פערענטפערט זיך די מאַמע.

— וואָס דען, אַז מען ווייסט, אַז איך האָב ליעב זויערע „פּעטשאַ“, מאַכט מען פערקעהרט.

דאָ ווערט די מאַמע אויפגעבראַכט.

— פערמאַך דאָס מויל דיינס, — שרייט דער טאַטע.

— פערמאַך אַליין, שרייט צוריק די מאַמע, — ביזט אַ שכור, האָסט זיך אָנגעטרונקען.

אויף אונז, קינדער, פאַלט אַן'אימה. די קלענערע צווייגען זיך, די גרעסערע געהען אוועק פון טיש.

איך געה אַריין אין צווייטען צימער.

אין אַ פּאָר מינוט אַרום קומט די מאַמע אויך אַריין אַהין, נעהמט זיך אָנטהון און וויינט.

איך געה אַריין צוריק צום טאַטען. ער עסט.

— וואָס טהוט זי דאָרט? — פרעגט ער מיך.

— זי געהט אוועק.

דער טאַטע הויבט אָן וואַרפען אַנ'אויג אין צווייטען צימער אַריין, וואו די מאַמע איז. אַ ווײַלע איז שטיל, דער טאַטע אַליין קײַט.

— וואָס עסט איהר נישט?... — זאָגט ער צו אונז.

עמיצער פון אונז פּרובט עסען. ס'קריכט אָבער אין האַלז נישט. דער טאַטע נעהמט דעם „יוסיפון“ און קוקט אַריין עסענדיג. עס הערט זיך פון צווייטען צימער ווי די מאַמע פּאַרעט זיך אין שראַנק פון ספרים; בײַ מיר גיט אַ בליץ אַ געדאַנק, וואָס יאָגט מיר אַרויס דעם שווייס אויפ'ן פּנים:

— דאָס זוכט זי דעם טאַטענס בײַטעלע, דער טאַטע באַהאַלט אויף שבת דאָס בײַטעלע צווישען די ספרים. דער טאַטע הויבט פּלוצלונג אויף דעם קאָפּ: ער האָט דאָס אַפּנים אויך פערשטאַנען. ער געהט אַריין אין צווייטען צימער. איך געה איהם נאָך. די איבעריגע קינדער בלײַבען פון שרעק צוגעקאָוועט צו זייערע ערטער.

— האָסט עפּעס אַרויסגענומען? — זאָגט דער טאַטע.

— די מאַמע שווייגט . דער טאַטע גיהט צו צו די ספרים און זוכט ליגען אויבען אן דאס בייטעלע . פון כעס פערגעסט ער אין שבת, עפענט עס אויף, גיט אַקוק, און גיט אַ געשריי צו דער מאַמען :

— לעג שוין אַריין צוריק די פינף קערבלעך, וואס די האסט אַרויסגענומען !

— וועסט וואַרטען אַ ביסעל . כ'מוז דיך אָנלערנען , אַי... פאָהרען אויף אַ חודש צו אַ קרובה , וועסט דו נאָכדעם וויסען , ווי מאַכען אַ פערשטערטען שבת .

— דו לעגסט אַוועק ? — דער טאַטע ווערט רויטער פון כעס .

— וועסט וואַרטען אַ ביסעל ,— רייצט זיך די מאַמע , וואס , וועסט מיך שלאָגען ?

און דער טאַטע אין דער זיידענער קאַפּאָטע, האט זיך אַ לאָז געטהון אויף דער מאַמען ! — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — —

פאַרנאַכט איז דער טאַטע אויפגעשטאַנען פונ'ם שלאָף , האט געטרונקען אַ גלאָז וואַסער מיט אַ שטיקעל קיכעל . איך בין געזעסען ביי'ם טיש און האָב אַריינגעקוקט אין אַ ספר .

— די מאַמע איז נאָך נישט געקומען ? — האט ער מיך געפרעגט אין דער שטיל, אַזוי ווי פערשעמט...

# בּרעגמאַן.

---

ער איז אַ נידעריגער און זעהט אויס יונגער פון די זעקס און צוואַנציג יאָהר, וואָס ער איז אַלט. די ווינקלען פונ'ם שטערען ווערען איהם וואָס אַ חדש גרעסער און אין מיטען קאָפּ זעהט זיך שוין ביי איהם אַ ווייס שטיקעלע, וואָס שטעהט אויך נישט אויף איין אָרט. מיט אַ יאָהר צוויי צוריק, אַז די האָר האָבען זיך איהם אָנגעהויבען שיטען, פלעגט ער האָבען גרויס עגמת־נפש פון דעם. קומענדיג איינמאָל אין יענער צייט צו דעם איין און איינציגען בעקאַנטען מעדעל, וואָס ער פערמאָגט, האָט ער געמוזט זיך אַליין ווייזען שטאַרקייט און האָט אַ זאָג געטהון דעם מעדעל מיט אַ גלייכגילטיגען טאָן און מיט אַ שמייכעל:

— וואָס זאָגט איהר אויף אַזאַ זאַך — מיר האָבען אָנגעהויבען אַרויספאַלען די האָר...

ער בויגט אָן דעם קאָפּ. דער פנים זיינער, וואָס איז גענייגט צו דער ערד, האַלט נאָך אין שמייכלען. און ער זאָגט דעם מעדעל:

— איהר זעהט?...

ער וויל מיט זיין גלייכגילטיגקייט מאַכען אויפ'ן מעדעל עפּעס אַ ווירקונג. זי קאָן אַ שטייגער אַ טראַכט טהון: „אַזאַ יונגער מענש, ס'פאַלען איהם אַרויס די האָר, און ער שמייכעלט דאָך, ער איז עפּעס העכער פונ'ם לעבען", דאָס מעדעל אָבער קוקט אויף איהם ווי אַלע מאָל און זאָגט:

— איהר מוזט עפּעס זעהן טהון: דעמאָלט וועט איהר שוין גאָר טויגען אויף כפּרות, אַז די האָר וועלען אייך אויספאַלען. —

ברעגמאַן פערלירט זיין שטאַרקייט און פיהלט אויך, אַז ער

װעט דעמאָלט טאַקע אויף גאָר שוין נישט טויגען. — װי ס'איז, האָט ער דעמאָלט געהאַט פּאַר װעמען דאָס האַרץ אויסצורעדען: דעם שכן זײַנעם, װאָס ער האָט מיט איהם געװאָהנט צוזאַמען, פּלעגט ער טרעפען אויף דער נאַכט איבער אַ עקסטערן־ביכעל. און ברעגמאַן פּלעגט די ערשטע מינוטען אַרומדרעהען זיך איבער'ן צימער (דער שכן — אַ געזונדטער און אַ נאַרישער בחור, װאָס גרייט זיך צום עקזאַמען אויף זעקס קלאַסען — פּלעגט קײנמאָל נישט אָנהויבען דער ערשטער רעדען) און אָנהויבען אַזוי:

— איהר לערנט?

— הם, — ענטפערט דער בחור, קײַענדיג ברויט מיט פּו־טער און נישט אויפהויבענדיג דעם קאָפּ.

— מען װאָלט זיך אויך געדאַרפט זעצען עפּעס טהון. מען מוז האָבען דעם אַטעסטאַט!

דער בחור שװייגט, אָבער ברעגמאַנ'ען אַרט עס נישט. ער רעדט זיך װייטער:

— מען איז אַ גוטער גאַסט אין דער געזעלשאַפט כל זמן — איהר פערשטעהט? אַז מען איז װאָס מען איז. אָבער אַז מען הויבט אָן װערען אַ קאָנקורענט, איז — היט זיך.

דער בחור הויבט אויף דעם קאָפּ. שטעלט אָן די שמאָלע שװאַרצע אויגען אויף ברעגמאַנ'ען און זאָגט:

— איך פערשטעה נישט...

— איהר פערשטעהט נישט, װאָס הייסט קאָנקורענטען? — און ברעגמאַנ'ס פּנים שמייכעלט, װי אײנער זאָגט: דאָס איז גאָר אַ בהמה. — דער בחור לאָזט צוריק אַראָב דעם קאָפּ און שװייגט; ברעגמאַן הויבט אָן פּײַפען אַ ניגון מיט אַ צופריעדען פּנים און נעהמט זיך צו ביכלעך. —

ס'געהט אַװעק אַ צעהן מינוט. ברעגמאַן רויכערט שוין דעם צװייטען פּאַפּיראָס פון זינט ער איז געקומען און דרעהט זיך װיע־דער אַרום.

— בערמאַן, — רופט ער דעם שכן.

— — װאָס? — דער בחור הויבט נישט אויף דעם קאָפּ.

ברעגמאַן ענטפערט נישט אַ װײַלע, נאָכדעם הויבט ער אָן:

— כ'בין הײַנט געגאַנגען אין גאַס און האָב געטראַכט: װאָס לויפט מען עס, װאָס לויף איך? איך לויף, לויף אַהײַם,

כ'דאַרף אַנ'אַטעסטאַט ! וואָס ?! און וואָס לויפען אַלע ? וואָס ווילט איהר , אַ שטיינער , איבער'ן ביכעל און חזר'ט און חזרט ? אַ ?

דער פּנים זיינער דריקט אויס צופריעדענהייט פון אַ מענ-
שען , וואָס האָט גוט אויסגעדריקט אַ שווערען , פערפלאָנטערטען
געדאַנק . — דער בחור הויבט דאָס מאָל נישט אויף דעם קאָפּ און
זאָגט גאָרנישט . ברעגמאַן דערוויבערט דעם פּאַפּיראָס און בויגט
זיך אָן איבער'ן ביכעל .

נאָר שוין אַ מאָנאַט , אַז דער שכן זיינער האָט זיך ארויס-
געקליבען : ברעגמאַן איז איהם זעהר געפעלען , ער האַלט איהם
פאַר אַ טיעפען מענשען , ער שלאָפט אָבער נישט גאַנצע נעכט
(שוין אַ פּאָר יאָהר , אַז ברעגמאַן ליידט פון נישט קאָנען שלאָ-
פען) , און דערפאַר האָט זיך דער געזונדטער בחור געמוזט זוכען
אַ נייע קוואַטיר , איז ברעגמאַן געבליבען אַליין אין צימער און
האָט זיך נישט געזוכט קיין נייעם שכן . ווייל ס'געהט די צייט פון
עקזאַמענעם , איז בעסער וואָהנען אַליין . אַביסעל איז ברעגמאַן
צופריעדען , וואָס ער איז געבליבען אַליין אין צימער . ס'הייסט ,
אַז ער איז איצט אינגאַנצען אָבגעשניטען פון'ם לעבען . לעקציע-
האָט ברעגמאַן גראָד געווג , ער האָט אויף צו לעבען , און ביי זיך
אין די אויגען קומט ער אויס אַ מענש , וואָס האַלט נישט שטאַרק
פון'ם לעבען , און דערפאַר חבר'ט ער זיך מיט קיינעם נישט .
מילא , וואָס ער דאַרף — אַ שטיינער , עסען און טרינקען , אַנ-
אָנשטענדיגע קוואַטיר — אַ בעזונדערע קוואַטיר — דאָס מוז ער
שוין נעהמען פון'ם לעבען , און ווייטער וויל ער נישט . . .

האָט ער שוין קיין שכן נישט און האָט נישט מיט וועמען
צו רעדען : טראַכט ער אַליין פאַר זיך . בעגעגענט ער אָבער
אַמאָל אַ האַלב בעקאַנטע מעדעל (מיט יונגע-לייט איז ער איינ-
געהאַלטען) , גיט ער איהר די האַנד און געהט מיט איהר צוזאַמען ,
מאַכענדיג זיינע קליינע גיכע טריט . ער לויפט אַלע מאָל אָב
פאָראויס , און דעם מעדעל קומט אויס אַלע מאָל איהם רופען
צוריק :

— ברעגמאַן , איהר געהט אַוועק ?

ברעגמאַן שטעלט זיך אָב , וואַרט ביז דאָס מעדעל גלייכט
זיך אויס מיט איהם און געהט מיט איהר אַ צייט שווייגענדיג .
פלוצלונג זאָגט ער :

— מען דארף ארבייטען, שוין באלד די עקזאמענעס. — זאָגט דאָס מעדעל, כדי עפּעס צו זאָגען, פרעגט איהם.

— לערענט איהר איצט.

— אַט אָ דאָס דאַרף מען דאָך טאַקע. אָבער אַז דאָס לע־בען לאָזט נישט. איך בין אַלט זעקס און־צוואַנציג יאָהר און יע־דע זאַך מוז זיין אין דער ריכטיגער צייט, און אַז איך לערען איצט, איז — —

ברענמאַן ווערט אַנטשוויגען מיט אַ שמייכעל. דאָס מעדעל פערשטעהט נישט און שווייגט אויך.

— וואָס זשע מאַכט איהר? — פרעגט פּלוצלונג ברענמאַן לעבעדיג און מיט אַ הויך קול, — איהר שלאָפט?

— וואָס איז דען? — חידוש'ט זיך דאָס מעדעל.

— איך שלאָף נישט.

— איהר קאָנט נישט שלאָפען? — פרעגט דאָס מעדעל און קוקט זיך איין אין זיינע אויגען, איבער וועלכע עס איז איבערגעצויגען ווי אַ הייטעל.

— כ'שלאָף נישט, כ'לעג זיך אַלע טאָג זייגער פינף.

— לעגט מען זיך פריהער, — רעדט שוין דאָס מעדעל מיט רחמנות.

— איהר מיינט, דאָס אַרט מיך? — זאָגט ברענמאַן מיט זיין שמייכעל און מאַכט מיט די הענד, — אַלע מענשען מוזען עס זיין גלייך, אַפילו מיט'ן שלאָפען? לעג איך זיך פינף אַ זייגער!

דאָס מעדעל פערשטעהט ווידער נישט און ווייסט נישט וואָס צו רעדען. —

איינמאָל געהט ברענמאַן אַ היים אין אָוועַנד. ס'איז נאָך אַ צייט פאַר פסח, אָבער דער ערשטער שוואַכער אָטהעם פונ'ם פריה־לינג האָט שוין אָנ־געיהרט די גרויסע שטאָדט: דער הימעל האָט זיך אויסגעשטערענט, דאָס ווינטעל איז ווייך און בלאָזט פאַמעליך־פאַמעליך און זאָגט עפּעס צו. אין די דורכגעהער פיהלט מען אויך עפּעס אַ נייע לעבעדיגקייט: ס'זעהען זיך אָפטער געזיכטער וואָס שמייכלען, אָפטער זעהט מען יונגע פּאָרעלעך אונטער דער האַנד. ברענמאַן דערפיהלט, ווי אַלע אין דעם אָווענד, אַ חשק צו לעבען, און לאָזט זיך אַוועק אויף די שענע גאַסען שפּאַצי־רען. דאָרטען געהען אויף די טראָטואַרען שורות־ווייז, שורות־ווייז

שפּאַצירענדע, ווײַל קײנער קאָן זיך נישט אײַלען צוליעב דער ענגשאַפט. ברעגמאַן לאָזט זיך אַרײַן אין שטראָם מענשען, רײַבּט זיך אין מעדלעך, שטעלט אָב די אויגען אויף אײנער, אויף אַ שענער, קוקט זיך אײַן אין איהרע ליפּען, אויב זי געהט איהם אַנ׳קעגען, און שטעלט זיך פאָר ווי ער נעהמט אַ דאָס מעדעל און ציהט זי פאַמעליך צו צו זיך, אַזוי אַז ער זאָל פיהלען, ווי וואָס אַמאָל מעהר, וואָס אַמאָל מעהר דריקט זיך צו איהר ברוסט צו זײַן האַרץ; ער האַלט דעם קאָפּ איהרען צווישען בײדע הענד, און פאַמעליך לעגט ער אַרויף זײַנע ליפּען אויף איהרע.

און ברעגמאַן גיט פערטראַכט ערהײד אַ מאַך מיט די ליפּען און גיט אַ קוש די לופט, אַזוי אַז מען קוקט זיך אום אויף איהם.—

אומגערן וואַרפט אויף איהם אַ בליק. אַ שלאַנקע מעדעל מיט שוואַרצע אויגען און שוואַרצע האָר, וואָס ליגען איהר חנ׳עוודיג און תמימות׳דיג איבער די אויערען. ברעגמאַן זאָגט זיך אַליין: „לאָמיך איצט אַביסעל פאַנטאַזירען“ — ער געהט מיט אָפּענע אויגען און זעהט פאַר זיך ווי דורך אַ נעבעל די מעדעלשע גענױבּטער, און שטעלט זיך פאָר, אַז ער האָט אַ פאַלאַץ און אין פאַלאַץ איז דאָ אונטען אַ קעלער, וואָס קײנער ווײסט פון איהם נישט, אַ חוץ איהם מיט זײַנע דינער. בײַנאַכט (אָדער אַמאָל אין אַ הײסען זומער-טאָג) לאָזט ער זיך אַראָב אין קעלער, לעגט זיך דאָרט אַוועק אויף אַ שענער, ווײכער סאָפאַ, אין אַ האַלב-בעלויכטענעם צימער, און וואַרט ביז מען וועט איהם אַרײַנפיהרען אַ מעדעל. ער בלײַבּט אַליין מיט דער מעדעל, נעהמט זי פאַמעליך אויסטהון, ביז זי בלײַבּט נאַקעט; נאָכדעם לעגט ער זי אַוועק בײַ זיך אויף די קניה, נעהמט אַ שאַרפען מעסער אין האַנד און הויבּט איהר אָן פאַמעליך — פאַמעליך שנײַדען דעם האַלז, אַזוי, אַז די ברוסט און די פיס זאָלען ציטערען — —

פון דער פאַנטאַזיע ווערט ברעגמאַנ׳ען הײס, און ער הויבּט פלוצלונג אָן געהן גיך, צושטופּט אַרום זיך די שפּאַצירענדע; מען הויבּט אָן קוקען אויף איהם פון אַלע זײַטען, אַנ׳דערע זידלען איהם אויס. ער הויבּט אָן פערשטעהן וואָס עס טהוט זיך מיט איהם און גנב׳ט זיך אַראָב פונ׳ם טראָטואַר און לאָזט זיך געהן מיט גיכע טריט אין מיטען גאַס — אַ הײם.

ער געהט אָב אַ גאַס און צוויי, און בערוהיגט זיך. ס׳איז

שוין שפעט, מענשען זענען דא וועניגער אויף די גאסען, נאר דאס ווינטעל איז נאך מחיה'דיגער ווי פריהער, און די שטערען קוקען אראב היימליך פונ'ם הימעל. „מען דארף לעבען, מען מוז לעבען, איך בין דאך עפעס יונג. מען טאר נישט ווארטען ביז נאכין עקומען, מען דארף שוין אנהויבען לעבען. פון היינט אויף דער נאכט אן”. — אזוי טראכט זיך ברעגמאן און בעגעגענט א בעקאנטען און שטעלט איהם אב.

— וואוהין געהט איהר עס? — פרעגט ברעגמאן.

— א היים.

— קומט צו מיר.

— צו אייך? אזוי שפעט?

— כ'וועל מאכען טיי, ביי מיר איז ריין און ליכטיג, מיר קאנען נאך זיצען א פאר שעה. — רעדט ברעגמאן איין דעם בעקאנטען. יענער וואונדערט זיך:

— וואס וועל איך ביי אייך טהון אזוי שפעט? נאדיר גאר אוועקגעהן זייגער עלף אויף א פאר שעה!

ברעגמאן קוקט זיך איין אין בעקאנטען'ס פנים מיט זיין שטענדיגען שמייכעל, און זאגט:

— אט האב איך ערשט שפאצירט און געטראכט: וועלען מיר נעהמען א בוכהאלטער, וואס דארף זיין גאנץ לעבען אבזיצען אין קאנטאר, וועט ער בשום אופן ניט חתונה האבען אז ער איז פערליעבט. גיב איהם א פאלאץ, וועט ער חתונה האבען. אנדערש לוינט איהם נישט. א ניט וויל ער גארנישט חתונה האבען.

— וואס קעהר זיך דאס אן? — לאכט דער בעקאנטער.

— אזוי איז אין אלצדינג. מענשען לאזען אוועק א שטיקעל גליק אדער פערגניגען, אז עס בעגעגענט זיי זיך שוין. אזוי איז אין אלצדינג. — און ברעגמאן קוקט מיט זיין שמייכעל דעם בעקאנטען אין די אויגען.

— נו, נו... — שמייכעלט דער בעקאנטער, געזעגענט זיך אב און טראכט פאר זיך: א ווילדער מענש!

ברעגמאן געהט זיך ווייטער און דער שמייכעל בלייבט נאך א צייט אויף זיין פנים. ער קויפט זיך א פונט צוקער און אנ-אבטעל טהיי, געהט ארויף צו זיך אויפ'ן פיערטען שטאק און

טרעפט ליענען ווייסע וועש, וואס די וועשערין האט אהן איהם געבראכט. דורכקוקענדיג די וועש, איז ער אין א גוטער שטימונג און פייפט א ליעדעל; אויף זיין איינענער מאשינקע קאכט זיך טיי, ער וואשט אליין אוים די גלאז און טראכט זיך, אז ער וועט באלד פערקאכען א גאנץ לעפעלע טיי און וועט הנאה האבען פון א פיין גלעזעל טיי.

עס פאלט איהם אריין א געדאנק, לעגען א נייעם, ווייסען טישטוך אויפ'ן טיש. אז ער שטעלט אוועק די ריינע גלאז אויפ'ן פרישען טישטוך, וואס בלאנקיערט פון ווייסקייט, ווערט איהם אויפ'ן הארצען נאך בעסער, און ער גיעסט זיך פאמעליך אן א שטארקע גלאז טיי. לאזט זי אויסקיהלען און דרעהט זיך דערוויילע ארום איבער'ן צימער. איהם פערווילט זיך פלוצלונג א עפען טהון דאס פענסטער און א קוק טהון אין דרויסען ארוים. ער רוקט פארזיכטיג אב אביסעל דאס טישעל מיט דער גלאז טיי, כדי ער זאל זיך קאנען שטעלען ביים פענסטער, עפענט אויף האלב דאס פענסטער, און אז ער אטהעמט א פאר מאל אריין די פרישע לופט און גיט א קוק אויפ'ן הימעל מיט די שטערען, טראכט זיך ביי איהם אזא מין געדאנק.

— וואס איז מיר שלעכט, — איך לעב דען נישט? וואס? נאר אז מען קושט זיך מיט מעדלעך און אז מען הוליעט, האט מען פערגניגען? מען קאן אזוי אויך, אליין אין א צימער ביינאכט, מען דארף נאר די וועלט צו זיך צוציהען מיט פאנטאזיע — —

ער קאן אליין נישט ענדיגען דעם געדאנק און ער זאגט זיך:

„איך פערשטעה, איך פערשטעה, אזוי איז דאס".

דערביי פערמאכט ער דעם פענסטער, גיט זיך א שלעכטען דרעה און קעהרט איבער די גלאז טיי; אויפ'ן טישטוך צושפרייט זיך א געלער פלעק.

ברעגמאן קוקט אויפ'ן פערפלעקטען טישטוך, און די גוטע שטימונג זיינע וועבט זיך אוים. עס טראכט זיך איהם:

„עח, ס'לעבט נישט, ס'איז נישט דאס".

ער דערמאהנט זיך פלוצלונג, אז ס'פאלען איהם ארוים די

האר

# ליעבע פון בענקשאפט.

(נאָוועלע)

---

קיינער ווייסט נישט, וואו דער הימעל קושט די ערד; קיינער פיהלט נישט, ווען עס גיעסט זיך ביי איהם אין נשמה צוזאמען טרויער מיט פרייד. —

מיר טרעפט אמאל, אז איך טרינק דעם בעכער פון פערגניגען, — און פלוצלונג בלייבען אויף מיינע ליפען הענגען די זיסע טראָפּענס און איך גיעב פערוואונדערט א קוק אין מיין אייגענע נשמה, — איך בין טרויעריג. א פליהענדער פויגעל איז די פרייד. אט האלט איך איהם אין האנד, און אט האט ער זיך שוין ארויסגעריסען, פליהט איבער מיין קאָפּ, און איך קוק איהם נאך מיט בענקשאפט.

אין אזוינע שעה'ן שעם איך זיך פאר מענשען: מיר זוכען די פרייד, כדי אנצוטהון און פערדעקען אונזער נאַקעטע טרויעריגע נשמה; פערלאָזט מיך אבער פלוצלונג די פרייד, איז ביי מיר א נעפּיהל, ווי איך וואלט זיך געלעגט שלאָפען אונטער א בוים און זיך אויפגעכאפּט און נישט געפונען צוקאָפּענס מיינע קליידער.

דערפאר בין איך איצטער איינער אליין און זיץ און שרייב. איך שרייב און בענק נאך מיינע שענע קליידער.

---

פון מיין פענסטער האב איך געזעהן, ווי די גאס לעבט און רוישט; כ'האב לאנג ארויסגעקוקט פונ'ם פענסטער. אז איך האב אראבגעלאזט די אויגען — אויפ'ן טיש, נעבען וועלכען איך בין געזעסען, האב איך געזעהן דעם האלבען רובל, וואס איך האב פערמאגט; אז איך האב וויעדער אויפגעהויבען די אויגען, האב איך געזעהן דעם בלאהען פארנאכטיגען הימעל.

זאל איך געהן?

דער אריינגאנג קאסט 25 קאפיקעס; נאך אזוי פיעל וועט מיר בלייבען. דארט וועט שפיעלען מוזיק, ס'וועלען זיין א סך מענשען, א סך מעדלעך — שענע ווארשעווער מעדלעך — וועלען זיך דרעהען צווישען די בוימער; די יונגע ברוסטען, די רויטע לעמפעלעך און די תאוה'דיגע מוזיק וועלען זיך אויסמישען אין איין געזאנג; איבער אלץ וועט קוקען א בלאסע לבנה. — זאל איך געהן? א פאר מאל האב איך זיך ארומגעדרעהט איבער'ן צימער; מיין בליק האט זיך אבגעשטעלט אויף א קליין, שווארץ בעשעפעניש, וואס איז געקראכען אויף דער וואנד. מיין צימער איז מיר געווארען נמאס; כ'וועל לאזען איינער אליין די בעשעפעניש. כ'וועל געהן.

ביים טויער בין איך געבליבען שטעהן. דראזשקעס לויפען אהין און אהער, דער סטרוזש פונ'ם הויז שטעהט אויך אין טויער. ער נעהמט פאר מיר אראב דאס היטעל. ס'איז אפשר קינדעריש, נאר אזא קליינינקייט האט אין מיר דאך דערוועקט א מאדנעם געפיהל. בין איך שטאלץ מיט דעם, וואס ער האט פאר מיר אראבגענומען דאס היטעל? כ'האב זיך דאך אויסגעלאכט.

כ'שטעה אין טויער. דראזשקעס לויפען אהין און אהער; אפשר נעהמען א דראזשקע? דער שטאדט-גארטען איז וויט. וואס וועל איך עסען? ס'איז א נארישקייט, כ'וועל בלייבען אהן א גראשען.

וואס ווארט איך? נאר אט שטעלט זיך אב א דראזשקע פאר'ן טויער. א שען געקליידעטער הער שפרינגט ארויס, שטעקט אריין א מטבע דעם פוהרמאן, דער דאזיגער גיט א הויב דאס היטעל. אט דאס הייסט זיין יונג און נישט בערעכענט! כ'לאז זיך געהן צו דער דראזשקע. שטעהענדיג אויף איין פוס אויף דער ערד, גיב איך א זאג — צום שטאדט-גארטען! — די רעדער קלאפען

אויף די שטיינער. וואס האב איך געטהון, וואס וועל איך עסען? כ'וועל אויף זיך אליין אין כעס: אבגעטהון — פערפאלען. גענוג, כ'וועל מעהר נישט טראכטען, אז עס בלייבען ביי מיר נאר קאפיקעס. ס'וועט מיר דער גאנצער אויף דער-נאכט נישט איינגעהן. אט אזוי: כ'וועל קוקען ארום זיך. אויף די גאסען, אויף די מענשען. וויפיעל מענשען! אט הויבט אויף פארביי געהענדיג א מעדעל אויף מיר די אויגען. מיר קוקען זיך איין איינער אין אנדערן. וואס האבען מיר געזאגט מיט די בליקען איינער דעם אנדערען? כ'וועל אפשר ביינאכט אויפ'ן געלעגער טראכטען וועגען דעם. דאס מעדעל איז שוין דערווייל ווייט. —

כ'פאהר דורך א סך גאסען; זיי הויבען מיר אן ווערען גלייכגילטיג; און די מענשען אויך, כ'וויל שוין גיכער קומען אין גארטען, זיך אנהויבען ארומדרעהען אין די אלעען און קוקען. אט איז שוין דער גארטען. א קיהל ווינטעל גיט מיר א גלעט אין געזיכט; איך שפרינג ארויס און בעצאהל דעם פוהרמאן; ער בעט ביי מיר נאך א פינף קאפיקעס? כ'פאהר דאך הוליען. כ'גיב איהם און בלייב נאר מיט געלד אויף א בילעט. מילא.

אז כ'געה אריין אין גארטען, נעהמט מיך ארום די קיהלע לופט, און צוויי שורות רויטליכע לעמפלעך ווינקען מיר אין דער בלאסער אווענד-לופט.

---

צוויי אדער דריי מאל האב איך זיך שוין פערקליבען אין א בעהאלטען ווינקעל אין גארטען, וואו אונטער מיינע פיס איז געווען פריש גרינס און וואו איך האב געהערט ווי א פארעל האט זיך געסוד'עט, אפשר האב איך געהערט קושען זיך אויך, אדער אפשר האבען זיך נאר די בוימער געשאקעלט. דורך די צווייגען האבען דורכגעווינקט די רויטע לעמפלעך און עס האט זזרכגעשפרונגען דאס ברומען פון דער מאסע. די מוזיק האט געשוויגען. פון צייט צו צייט האט דערמאנט אן זיך די גרויסע רוישענדע שטאדט. — איך האב געהערט, ווי דראשקעס האבען געקלאפט אויף די שטיינער, ווי עס האט געקלונגען דער גלאק פונ'ם טראמוויי.

עס חאפט זיך אויף די מוזיק און הויבט מיך. די מאסע

ווערט לעבעדיגער; אַ שטיל ווינטעל ברענגט מיר דעם ריח פֿון מערעלשע ברוסטען. איך גיב אײַן רגע אַ ציטער און בלײַב זיצען, לעבט אײַך דאָרט. פֿון דער ווײַטען האָב איך אַ שען בילד. מיר איז דאָ גוט וואו איך זיץ. נעבען מיר געהט אַ יונגער מענש, שטופּט זיך דורך אײַנגעבויגען דורך די ביימער. ער זעהט מיך ניט און זאָגט עמיצען, וואָס גנב'עט זיך נאָך איהם:

— אַהער, דאָ איז פֿינסטער.

זײַן קול איז תאווה'דיג און זיבער. מ'סתּם וואַרט ער נישט אויף דעם ערשטען קוש. איך הער, ווי עס שלעפּט זיך אַ קלײד איבער'ן גראָז, איך זעה אין דער האַלב פֿינסטערניש איהרע שוואַרצע אויגען. אונזערע בליקען בעגעגענען זיך. זי לויפֿט ניך איבער פֿאַר מיר, דעריאָגט איהם און זאָגט איהם עפּעס. אין אַ מינוט אַרום ווערט מײַן ווינקעל צוריק פּוסט.

איך הער זיך אײַן. זיי זאָלען זיך געווען זעצען אויפֿ'ן נאָהענטען בײַנקעל, וואָלט איך עפּעס געהערט. תאווה'דיגע ווערטער צושווימען זיך אין דער לופֿט אין אַזאַ היציגער נאַכט. איך הער גאָרנישט. מסתּמא זענען זיי אַוועק ווײַטער. איך הער אויף טראַכטען וועגען זיי.

די מוזיק קײַקעלט זיך חוואַליעס־ווײַז איבער מײַן קאָפּ; אַז עס גיט זיך אַ שאָקעל דער אַקאַציע־בוים, וואָס איך זיץ אונטער איהם, פֿאַלט אויף מיר אַראָב אַ ווײַס בלימעלע. ס'איז פֿריהלינג און די אַקאַציע שטעהט אָנגעטהון אין ווײַסען. לײַכטע ווײַסע חלומות, ווי די בלימעלעך אויף דער אַקאַציע, הויבען זיך אָן דרעהען אַרום מיר. גיב איך אַ דרעה מיט'ן קאָפּ, צופֿליהען זיי זיך אין דער פֿינסטערניש. ס'איז פֿריהלינג און עס חלומ'ט זיך. כ'זאָל האָבען אַ שען מעדעל, וואָלט איך איהר געקושט די אויגען, וואָס פֿאַר אַ מעדעל וואָלט איך געוואָלט איצט האָבען נעבען מיר? אַזאַ ווי דאָס מעדעל וואָס איז פֿריהער דורכגעלויפֿען נעבען מיר. איהר געשטאַלט געדענק איך, דעם יונגען מאַנ'ס נישט. זי איז געגאַנגען אָנגעטהון אין ווײַסען, די האָר און די אויגען זענען געווען שוואַרץ. איבערלויפֿענדיג איז איהר פֿיגור געווען גראַציעז אײַנגעבויגען, זי איז געווים שלאַנק און מוז האָבען גרויסע שוואַרצע אויגען.

איך טראַכט שוין ווידער נישט וועגען איהר. כ'זאָל האָבען

אַזאַ מערעל, וואָלט איך זי מיט אײַן האַנד אַרומגענומען בײַ דער טאַליע און פּאַמעליך צוגעצויגען צו זיך; ס'וואָלט מעהר נישט געווען ווי אַ ווײַסער לײַכטער חלום, ווי דאָס בלימעלע פֿון דער אַקאַציע, וואָס איז מיר איצט געפֿאַלען אין געזיכט. אַט רינגלען מיך ווידער אַרום גאַנצע מחנות פֿון לײַכטע חלומות. איך שפּאַר אונטער די קאָפּ און זיי דרעהען זיך אַרום מיר. איך זיץ לאַנג אַזוי, איך חלום ס'איז פֿריהלינג. כ'ווייס נישט, צי ס'האָט געדויערט. אַ גערויש וועקט מיך אויף. איך הויב אויף די קאָפּ און זעה דאָס פֿריהעריגע פּאָרעל; זיי געהען איבער פֿאַר מיר און רעדען עפּעס ערנסט. זיי קוקען נישט צו מיר. וואָס איז מיר געוואָרען פּלוצלונג טרויעריג? מײַנע חלומות זענען זיך צופֿלויגען ווי זומער-פֿויגעלעך. איך הויב זיך אויף און לאָז זיך אַרײַן אין דער מאַסע.

---

איך בין געוואָרען מיעד פֿונ'ם תּאוה'דיגען גערויש, פֿון דער מוזיק און פֿונ'ם ריח פֿון די פֿרויען. איך בין אַרײַן אין אַ זײַטיגע אַלעע און האָב זיך אַראָבגעלאָזט אויף אַ בענקעל. איך האָב אַרײַנגעצויגען אין זיך די פֿרישע לופֿט און זיך אַרומגעקוקט. נעבען מיר אויפֿ'ן בענקעל זענען געזעסען צוויי מערלעך און אַ יונגער מאַן. זיי האָבען גערעדט שטיל און צײַטענווײַז שטיל געלאַכט. אין אַ ווײַלע אַרום האָב איך נאָכאַמאָל געוואָרפֿען אַ בליק צו מײַנע שכנים. איינע פֿון די מערלעך איז געווען יענע, וואָס איז פֿריהער דורכגעלאָפֿען מיט'ן יונגען מאַן אין דער פֿינסטערער אַלעע. זי איז געזעסען נעבען מיר.

איך האָב זיך צוגעהערט וואָס זיי רעדען. ס'איז שוין געווען שפּעט און די מוזיק האָט ווידער געשפּילט און די מערלעך האָבען אַלע מאָל לײַכט געזיפֿצט, גלײַך ווי זיי וואָלטען געווען מיעד פֿון דער נאַכט. איך האָב זיך צוגעהערט וואָס זיי רעדען.

אַ לײַכט ווינטעל האָט אונז אַלע אַ גלעט געטהון.

— דאָס ווינטעל איז אַ מחיה, — זאָגט איינע.

— ס'איז שוין שפּעט, — ענטפֿערט די צווייטע.

— מיר וועלען באַלד געהן אַ היים.

דאָס זאָגט דאָס מערעל, וועלכע איך קען. אין אַ ווײַלע אַרום גיט זי אַ בויג דעם קאָפּ צום יונגען מאַן:

— איהר װעט באלד געהן?

— אפילו באלד, אידא.

דו הײסט אידא, שענע מעדעל מיט די סאמעטענע אויגען. אין דער האלב-פינסטערניש בעמערקט זי נישט, װי איך קוק אויף איהר טאליע.

ס'איז א װײַלע שטיל. מיר האבען אלע הנאה פון'ם װינטעל. איך קוק אויף די שטערען, װאס קוקען דורך די צװײַגען.

װער איז דער יונגער מאן, װאס האט נאכגעצויגען נאך זיך צום בעהאלטענעם בײַנקעל דאס שענע מעדעל מיט די שװארצע האר, װאס ליגען איהר אויפ'ן קאפ װי א קרױן? איך האב נישט אזא מעדעל, איך זאל האבען דאס מעדעל, װאלט איך זי געקושט הײסער און אין אזא נאכט װאלט איך איהר נישט געלאזען זיך לאנגװײַלען.

— האסט הנאה געהאט פון'ם אװענד? — פרעגט אײנע בײַ אידא'ן.

װאס הער איך זיך אזוי צו? ס'קלאפט מיר אביסעל שטארקער דאס הארץ.

— נײן, — און זי קלאפט א פוס צו א פוס, און דרעהט זיך אויפ'ן בײַנקעל. איך גיב א ציטער. זי האט מיך אנגעריהרט מיט איהר האנד.

— פארדאן. —

א רגע שטעלען זיך אב אויף מיר איהרע גרױסע סאמעטענע אויגען.

די צװײ מעדלעך מיט'ן יונגען מאן רעדען שטיל צװישען זיך; אידא שפארט אונטער דעם קאפ און קוקט אויפ'ן גראז. איך קוק אויף איהר פון דער זײַט די מוזיק שפיעלט שטילער און תאוה'דיגער; די בוימער שאקלען זיך איבער אונז און איך פערמאך די אויגען און טראכט, אז איך זאל מיט אידא'ן זײַן בעקאנט, װאלט איך איהר איצט עפעס שטיל און תאוה-דיג געזאגט. איך עפען אויף די אויגען; די מעדלעך שטעהען און מאכען צורעכט די האר. איך קוק װי אידא שטעהט און װארט אויף איהרע בעקאנטע, און ציטערט אביסעל פון דער נאכט קעלט. װי קומט עס, װאס זי האט אויף מיר אקוק געגעבען? מסתמא גלאט אזוי זיך. איך מאך זיך, װי איך אינטערעסיר זיך גארנישט מיט זײ;

אבער איך טראכט, אז אידא מוז זיין א מעדעל נישט ווי אלע מעדלעך.

ס'איז געווים שולדיג אין דעם די פריהלינג־נאכט, וואס איך טראכט עס.

איך בין געבליבען איינער אליין. איך וועל שוין אויך געהן, איך געה ארוים אין א ליכטיגע אלעע, ארום און ארום מיר איז די מאסע נאך געדיכט. און איך שטופ זיך דורך מיט מיה דורך איהר, וואהין געה איך? כ'וויים אליין נישט. א מאדנער צופאל: אט געהען זיי, די דריי מעדלעך מיט'ן יונגען מאן. דאס איז אידא. זי איז שלאנק און די האר ליעגען איהר אונטען שען. איך האב הנאה אז איך קוק אויף איהר. כ'געה זיי נאך און קוק אויף איהר. מיר געהען ארוים פונ'ם גארטען, מיר געהען דורך גאסען, — און אידא'ס פיגור שוועבט פאר מיר און ווייזט מיר דעם וועג. דאס איז די פריהלינג־נאכט שולדיג געווען, וואס איך בין ווי פער'כשופ'ט נאכגעגאנגען א פרעמד מעדעל.

אז אידא האט זיך אבגעשטעלט און זיך געזעגענט, האב איך בעמערקט, אז מיר וואהנען ביידע אין איין הויז.

---

עס קאפעט א רעגען. איך דרעה זיך ארום שוין א גאנצע שעה איבער מיינע צימערען, וואס זענען לחלוטין לעדיג און פערלאזט, וויל די בעלי־בתים וואהנען שוין א חדש אויף א זומער־וואהנונג. ס'ווערט מיר נמאס ארומצושפאנען, און איך לעג זיך אוועק אויף דער ערד. קיין בעטעל האב איך נישט; דער דריטער צימער פונ'ם וואהנונג, וואו עס שטעהען דעם בעל הבית'ס בעטען, איז פערשלאסען. איך ליעג און בייגק. נאך וואס און נאך וועמען בייגק איך? מיר איז גוט. איך בין אין גאנצען אלט צוויי און צוואנציג יאהר, מיינע האר זענען ווייך און גלאנצען. מעדלעך האבען ליעב גלעטען א זוינע האר; איך דערמאהן זיך איצט, ווי איך האב מיר אמאל געשפיעלט מיט זעהר א שען דיענסט מעדעל א האלבע שעה; נאכדעם האב איך געוואלט אוועקגעהן. ס'איז מיר פלוצלונג געווארען נישט גוט אויפ'ן הארצען; האט מיך דאס מעדעל אלץ נישט געלאזט און געבעטען זיך ביי מיר:

— זיצט נאך אביסעל. כ׳וועל אייך נאר די האר גלעטען.

ס׳איז געווען פריהער מיט א יאהר. איצט בין איך פריי און געזונד ווי דאמאלס. נאר כ׳האב קיינעם נישט אויף דער וועלט. איך עס טרוקען ברויט און קאן זיך בשום אופ׳ן נישט אויסמאהלען מיין צוקונפט. וואס זשע איז, — מיר ווייזט זיך אוים, אז אלע וואס לעבען ארום מיר, אלע יונגע יודען, געהען אויף די שפיץ פינגער. וואס־זשע בענק איך?

כ׳שטעל זיך ביי׳ם פענסטער פונ׳ם קיך און קוק אריבער צו אידא׳ס פענסטער. מיר זענען שוין בעקאנט, און אז איך הויב אן זינגען, — איך האב א שען תאוה׳דיג קול, — קומט זי אלע מאל צו צום פענסטער. איך שטעל זיך ביי מיין פענסטער און זעה איהר חנ׳עוודיגען קאפ מיט די צוויי שווארצע צעפ, וואס פאלען איהר אויפ׳ן ברוסט; איך שמייכעל און גיב א שאקעל מיט מיין בעוואקסענעם שענעם קאפ.

— זינגט, — שרייט זי מיר אריבער.

איך געה אוועק פון פענסטער און זינג; כ׳פערגעס אן איהר און זינג לאנג. איך טראכט נישט וועגען איהר און געה גלאט צו צים קיך־פענסטער. איך זעה פערוואונדערט, אז אידא שטעהט נאך נעבען איהר פענסטער. זי מאכט מיר מיט דער האנד.

— ארויסגעהן? — שריי איך צו איהר.

זי שאקעלט מיט׳ן קאפ אויף יא. איך געה ארוים און מיר בעגעגענען זיך ביי דער טהיר פון זייער וואהנונג.

— קומט ארײן — לעגט זי מיר פאר — צו אונז.

— צו אייך קאן איך נישט געהן.

— פארוואס?

— ווייל איך געה אנגעטהון אין א שלעכטען קאסטיום.

זי בעקוקט מיך א רגע. אבער איך פיהל זיך נישט שלעכט, און איך זאג:

— איך וועל אריינגעהן צו אייך, נאר מיט א תנאי, איהר זאלט מיר זאגען, ווער איז געווען דער יונגערמאן, מיט וועלכען איהר זענט דאמאלס געזעסען אין גארטען אויף דער באנק?

— מיינער א חתן, נו, גוט? קומט ארײן!

און זי שלעפט מיך ביים האנד. מיר געהען ארײן, און איך בעמערק, אז די שטוב איז א רייכע. אין עס־צימער איז קיינער

ניִשטאָ, און אידאַ הויבט מיר אָן ווייזען איהרע אַנזיכטס-קאַרטען. איך קוק און זאָג מבינות, און אַזוי געהט איבער אַ האַלבע שעה.

ס'קומט אַריין אידאַ'ס מוטער, און איך ווער פֿאַרגעשטעלט; נאָכדעם קומט עפּעס אַ גאַסט, אַ ווייבעל אין אַ הויכען הוט. איך מיט אידאַ'ן זיצען מיר ביי אַ קליין טישעל. מיר איז די זאַך שוין באַלד נמאָס. פּלוצלונג געהט צו די מוטער מיט אַ טאַץ מיט פֿער־שיעדענע געבעקסען. איך וויל נעהמען עפּעס און וואַרף אַראָב עטליכע שטיקלעך.

איך זאָג:

— איהר זעהט, אידאַ, דאָ מאַכען מיר נאָר אָן צרות, קומט אין אַנ'אַנדער צימער.

מיר געהען אַריין צו אידאַ'ן אין צימער. אויפֿ'ן טיש ליעגט „הונגער" פֿון קנוט האַמסאָן. איך זאָג:

— איהר ווייסט, איך בין אַביסעל ווי דער העלד פֿון „הונגער": איך הונגער און בין אַשטיקעל שרייבער דערצו.

— איך ווייס — זאָגט זי — וואָס שרייבט איהר?

איך האָב ניִשט ליעב רעדען מיט קיינעם פֿון מיין שריי־בען, ווייל ביי מיר איז אַ געפֿיהל, אַז מען לאַכט פֿון מיר אַביסעל אפילו ווען מען לויבט מיך. איך הויב אָן רעדען וועגען אַנ־אַנדער זאַך:

— קומט טאַנצען, אידאַ.

— מען זעהט — אַ פּאָעט — זאָגט זי.

נאָר צום סוף לאָזט זי זיך, און מיר טאַנצען. דריי מינוט געדויערט עס, און פֿאַר דער צייט טראַכט איך איבער:

— וואָס איז אידאַ? אַ שענע מיט אַ שענער נשמה. פֿון וואַנען קאָן איך איהר שענע נשמה? פֿון איהרע סאַמעטענע אויגען און פֿון איהר רעדען. נאָר איך וואָלט זיך אין איהר ניִשט פֿער־ליעבט.

נאָכ'ן טאַנצען רעדען מיר און זענען פֿרעהליך. אַז איך געה אַוועק, זאָג איך אידאַ'ן:

— קומט אַמאָל אַריין צו מיר.

זי ענטפֿערט מיר:

— אַז איהר וועט מיר לייענען וואָס איהר שרייבט.

מיר וויזט זיך אוים, ווי אלע מאל, אז מען לאכט פון מיר, און איך זאג:

— ניין.

און איך שמייכעל. אידא שמייכעלט אויך און בעגלייט מיך ביז דער טהיר. שטעהענדיג אויפ'ן שוועל, זאג איך און שמייכעל:

— איך געפעל אייך?

— יא — ענטפערט מיר אידא.

איך וויל זעהן, וואס איהרע אויגען רעדען, איז אבער טונקעל ביי דער טהיר. און איך זעה גארנישט.

— קומט אריין אמאל — זאג איך נאך אמאל און געה אוועק.

צוויי מאל איז שוין געוועזען ביי מיר אידא. איצט קאפעט דער רעגען און איך דרעה זיך ארום, שטעל זיך אלע מאל ביים פענסטער און קוק, אבער אידא געהט נישט צו. ציי בענק איך נאך איהר? אפשר. איצט, אז עס קאפעט דער רעגען, וואלט מיר געוועזען גאנץ גוט, ווען אידא זאל זיצען ביי מיר.

---

מיין וואהנונג האט א באלקאן.

כ'האב זיך דעם פארנאכט ארומגעדרעהט אין שטאדט-גארטען. אויף א באנק האב איך אנגעהויבען מאכען א בעקאנטשאפט מיט א בלאס מעדעל, וואס האט אלע מאל געריסען די אויגען ארויף און געשאקעלט מיט די פולע ברוסטען. פלוצלונג איז מיר געווארען טרויעריג אויף דער נשמה. ס'טרעפט אמאל, אז עס איז א ליכטיגער טאג, די גרינע בלעטער פון די בוימער ריהרען זיך נישט און גלאנצען אקעגען דער זון, און פלוצלונג גיט א בלאז א ווינטעל, — און א אומעט פערשפרייט זיך איבער דער וועלט און די בוימער שאקלען זיך פאמעליך און טרויעריג.

כ'האב זיך געלאזט געהן א היים; געהענדיג האב איך געמאסט, אז אין דערהייםווארט אויף מיר די איינזאמקייט, און מיט איהר שטעהט איהר בלאסע שוועסטער — די בייגקשאפט. כ'בין אריין אין שטוב און בין גלייך ארוים אויפ'ן באלקאן און זיך באלד אליין איבערגעגעבען דער בייגקשאפט אין די הענד.

איך קוק צו אידא'ס פענסטער. פון מיין באלקאן קומט ער אוים אן א זייט און גלאנצט אקעגען דער פערגעהענדער זון. כ'וואלט נישט געוואלט, אז אידא זאל זיך איצט ווייזען אין פענסטער. אין מינוטען פון בייסקשאפט רעד איך ווענינ און בין אנדערע לאנגווייליג. פאר פרויען האב איך זיך קיינמאל נישט געוואלט ווייזען א בייסקענדער.

איינער פון די לעצטע שטראהלען פון דער זון קוקט מיר אריין אין די אויגען. איך ווייס נישט, צי איך דערצעהל דעם שטראהל, אדער איך זאג זיך אליין אוים דעם אמת פון מיין לעבען: איך בין איינזאם אויף דער וועלט, ווי א קליינע חוואליע, וואס א שטיפעריש ווינטעל האט אויפגעבלאזען אויפ'ן טייך אין א רוהיגען פריה־מארגען; איך האב נישט די איינציגע טרייסט, וואס אזוינע מענשען ווי איך האבען: איך גלויב נישט, אז די שטימע פון מיין נשמה וועט מיך איבערלעבען. איך האב מורא זיך אויסדרעהען און קוקען אויף דעם וואס איז געוועזן; און פאר מיר איז א תהום.

און איך בייסק. ס'איז נישטא אויף דער וועלט אזא זאך, וואס איך זאל זי שטארק וועלען, ווייל איך פערמאג גארנישט. וואס־זשע בייסק איך?

דער ערשטער שטערען פונ'ם אוועגד איז היינט פון נייעם גאלד. די בייסקשאפט זארגט אלע מאל פאר איהרע געטרייע און מאכט זיי גאלדענער די שטערען און זילבערנער די לבנה; מיין בייסקשאפט האט מיר היינט אבגעזילבערט אידא'ס פענסטער. איך פערקוק זיך אויף איהם. זאל איצט אידא זיצען מיט מיר אויפ'ן באלקאן, וואלט איך איהר געגלעט די האר, וואס וואלטען געגלאנצט אקעגען דער לבנה, כ'וואלט איהר געקושט די אויגען, און מיר וואלטען ביידע געבייסקט, ווי מענשען, וואס זענען גליקליך און ווילען נאך מעהר גליק.

איך ווער פערזונקען אין לייכטע, קיהלע זומערדיגע נאכטגעדאנקען. פלוצלונג חאפ איך זיך אויף: כ'האב א ציטער געטהון פונ'ם קיהלען אוועגד־ווינד און פון א געדאנק. כ'געה אריין אין צימער, צינד אן א ליכט און שרייב אן:

„אידא! איך האב אייך ליעב! איך קאן אהן אייך לעבען; אבער דאמאלס וועל איך, — א יונגער, א געזונדטער, א פרישער

ווי איהר, וואס רעכענט זיך פאר א בן־יחיד ביים לעבען, — דאן וועל איך אבגעהן אין א זייטיגען איינזאמען וועג, אויף וועלכען עס שלעפען זיך די בייַנקענדע, די צוּבראכענע, מיט קנאה אין די בליקען אָדער מיט פערלאָשענע אויגען. מיט אייך וועל איך ווע־רען פרישער; מיט אייך וועל איך זיך אויסשמידען אזא לעבען, וואס ביז איצט פלעג איך עס קאָנען נאר אויס׳חלומ׳ען פאר פרעמדע."

„קום אריין צו מיר נאך היינט, איך וואַרט אויף דיר, אידא."

„אידא. אידא, אידא."

איך געה ארום אין הויף, היים דעם וועכטער, ער זאל עס איבערגעבען אידא׳ן, און אליין געה איך אריין צוריק צו זיך. איך זעץ זיך צוריק אוועק אויפ׳ן באלקאָן.

אין א שעה ארום עפען איך אידא׳ן די טהיר און בעשיט איהר פנים מיט קושען אין דער פינסטער.

---

אידע זיצט ביי מיר אויף די קניע; איך קוש איהר אין די ליפען און זאג:

— כ׳האב דיך ליעב. דו, אידא?

זי נעהמט אן מיט ביידע הענד מיין קאפ און קוקט מיר א ווייַלע אריין אין די אויגען; איך פיהל, ווי א הייסע חוואליע בריהט מיר אָב דאס הארץ. איך זאג שטיל:

— איך ווייס, אידא, אז דו האסט מיך ליעב אזוי, ווי עס זאגען אמאל אויגען צו אויגען. נא, קוש מיך וויפיעל דו ווילסט, איך בין דיינער.

און איך פערמאך די אויגען. אויף מיין געזיכט צוגיסט זיך א רעגען פון קושען; אז ער קומט צו מיינע ליפען, הויבט ער אן פאלען פאמעליך; די קושען ווערען לענגער און שטילער. מיט מיה עפען איך אויף די אויגען און זאג:

— גוט אזוי; איצט וועל איך דיר געבען עפעס אויס־טרינקען.

און איך קוש זי. פריהער גלעטען מיינע ליפען איהרע האר, נאכדעם ריהרען זיי אן שטילערהייד איהר שטערן; אויפ׳ן געזיכט

קוש איך זי מיט לייכטע ווארעמע קושען, דערנאך פיהר איך אי־בער מיינע ליפען איבער איהר האלז; זי שמייכעלט מיט פער־מאכטע אויגען. א מינוט הער איך זי אויף קושען. קוק אויף איהר שטילערהייד, און פיהל, אז די הייסע חוואליע בריהט מיר נאך אמאל אב דאס הארץ. און איך נעהם זי קושען אין די ליפען.

מיינע קושען זענען שטארקע און לאנגע; זי ריהרט זיך נישט און ווערט בלאסער; מיין הארץ קלאפט שטארקער.

— אידא!

זי ענטפערט נישט.

— אידא — זאג איך שטילערהייד.

זי ענטפערט נישט. איך פיהר איבער מיין האנד איבער איהר ברוסט. זי גיט א ציטער און עפענט אויף איהרע סאמעטענע טיעפע אויגען.

— האסט מיך ליעב?

זי פרעגט. און איך ענטפער גארנישט און גיב איהר א שטילען לאנגען גלעט איבער די האר. איך פיהל, ווי איהרע הענד נעהמען ארום מיין האלז און איהרע ליפען בריהען אב מיינע. איהרע אויגען פערמאכען זיך צוריק.

איך זאג נאך אמאל:

— אידא!

זי ענטפערט נישט. איך הויב איהר אן גלעטען די ברוסט.

---

איך און אידא זיצען מיר אויפ'ן באלקאן. זי האלט מיין האנד און גיט מיר אלע מאל א גלעט איבער די האר. מיר גיבען מיט איין מאל ביידע א קוק צו איהר פענסטער, און זי זאגט:

— מיין מאמע ווייסט שוין, אז איך האב דיך ליעב.

איך וויל האבען פערגניגען, און איך פרעג:

— אידא, זאלסט דארפען שטארבען צוליעב מיר?

זי ענטפערט נישט און קוקט אויף מיר. און איך פיהל ווי־דער, ווי א הייסע חוואליע בריהט אב מיין הארץ.

זי האלט מיין האנד און מיר שווייגען. עס געדויערט לאנג. איך טראכט גארנישט; מיין הארץ וויעגט זיך שטילערהייד, און איך ווייס נישט, צי אין ליעבע, צי אין דער שיין פון די שטערען.

די נאַכט איז אַ טיפֿע און אַ סאַמעטענע, ווי אידאַ׳ס אויגען. איך הויב אָן בײנקען, פאַמעליך, פאַמעליך ווערט עס, גלײך ווי די בײנקשאַפֿט מאַכט איך זאָל זיך פֿערקוקען לאַנג אויף דער לבנה און אַלײן גנב׳ען זי זיך דערוויַיל צו צו מיר.

אידאַ דריקט מיר פֿעסטער די האַנד; זי רופֿט מיך:

— דערצעהל מיר עפּעס אַ מעשה, אַ שענע מעשה פֿון ליעבע.

איך קוק אויף דער לבנה. איך פֿיהל, אַז צווישען מיר און אידאַ׳ן שטעהט די בײנקשאַפֿט.

איך דערצעהל איהר:

— מענשען אַרבײטען און מיהען זיך; עס איז געווען אײנער, וואָס פֿלעגט חלום׳ען און בײנקען פֿאַר מענשען; אײנמאָל, אין אַזאַ סאַמעטענע נאַכט, האָט זיך איהם שטאַרק געבײנקט; ער איז געזעסען אײנער אַלײן אויף אַ באַלקאָן אַקעגען די שטערען און ער האָט זיך גענומען דערמאָנען אָן מעדלעך. מעדעלשע געזיכטער, חן׳עוודיגע און שענע, זענען דורכגעלאָפֿען פֿאַר איהם און האָבען זיך ניט אָבגעשטעלט; צום סוף האָט זיך איהם פֿאָרגעשטעלט אײנע אַ מעדעל מיט סאַמעטענע טיפֿע אויגען, און ער האָט בײנקענדיג געטראַכט, אַז ווען די סאַמעטענע טיפֿע אויגען זאָלען אויף איהם קוקען, וואָלט איהם גוט געווען. ער האָט זיך גענומען אײַנרעדען, אַז ער האָט ליעב דאָס מעדעל מיט די סאַמעטענע אויגען. נאָכדעם האָט ער זיך אויפֿגעכאַפּט פֿון זײן בײנקשאַפֿט און האָט געשריבען דעם מעדעל אַ בריעף, אַז ער האָט זי ליעב.

עס ווערט שטיל. איך קוק אויף דער לבנה, גלעט אידאַ׳ס האַנד און דערצעהל:

— און דאָס מעדעל האָט איהם ליעב געהאַט.

עס ווערט שטיל. איך האַלט אידאַ׳ס האַנד און טראַכט, אַז אין אידאַ׳ס הארצען האָט מײן מעשה דערוועקט געפֿיהלען. איך וועל זעהן, ווי שטאַרק עס האָט מיך ליעב איהר הארץ.

איך פֿיהל פּלוצלונג, אַז אידאַ נעהמט אַרויס איהר האַנד פֿון מײַנער. איך האָב טאַקע געוואָרט, זי זאָל מיך פֿרעגען מיט אַ ציטערדיגען קול:

— דו ווערסט מיר איצט זאגען דעם אמת: די מעשה האט זיך געטראפען מיט דיר?

ארום אונז איז פינסטער. איך ענטפער און ציה אויס די ווערטער:

— יא, אידא, מיין ליעבע איז געבארען געווארען אין א שעה פון בענקשאפט.

אידא שטעהט אויף. איך הער, ווי זי געהט אריין אין צימער. עס ווערט שטיל. איך זיץ און קוק אויף דער לבנה און טראכט וועגען אידא'ן. זי האט מיך אזוי ליעב. זי שטעהט איצט אין דער פינסטער און טראכט וועגען מיר. איהר קלעמט איצט דאס הארץ, מיר טהוט עס אביסעל הנאה.

עס געדויערט. עס גיט א בלאז דער נאכטיגער ווינד און עס ווערט מיר קאלט. עס ווילט זיך מיר געבען אידא'ן א קוש. איך געה אריין אין פינסטערען צימער און רוף:

— אידא!

ס'איז שטיל. איך רוף נאך אמאל. קיינער ענטפערט נישט.

---

איך שרייב איצט פאר זיך אליין. אידא'ן האב איך שוין לאנג נישט געזעהן. זי איז אוועקגעפאהרען און האט מיר גארנישט געשריבען. איך האב געטרונקען פונ'ם בעכער פון פערגניגען און ס'האט איהם עמיצער פלוצלונג ארויסגעריסען ביי מיר פון די הענד. אויף מיינע ליפען פיהל איך נאך די זיסע טראפענס.

# די טרויעריגע ליעבע.

(א לירישעס פאעמא).

---

כ'בין נאך יונג; איך האב דעם בעכער פון פערגעניגען
ביז'ן גרונד נישט אויסגעטרונקען; מיינע אויגען
האבען זיך אין גאט'ס וועלט נאך נישט אנגעזעטיגט;
מיין נשמה איז נאך נישט צוריקגעקומען
פון איהר פליהען אין שענע טרוימען-וועלטען;
כ'האב מיין יוגענד-טרוים נאך וועבען נישט געענדיגט,
ס'איז מיין בלוט דאס הייסע נאך נישט קאלט געווארען,
כ'האב מיין יונגען קאפ נאך נישט אראבגעלאזען
אונטער שווערער ארבייט, אונטער'ן אלטען טרויער, —
נאר איך טראג אין זיך א טרויער אהן א נאמען.
וואס איך האב פון מיינע עלטערען גע'ירש'ענט;
נאר איך פיהל מיך אפטמאל אלט און אבגעלעבט שוין,
ווי מיין פאלק דאס אלטע און דאס אבגעלעבטע.

כ'שטעהען אויף פאר מיר געשטאלטען
ליעבע, טייערע, — און לאכען
מיט א קול פון א געליעבטער,
נוט און זיס צו מיר; —

ווייטער קומט איהר מיך דערמאהנען
ליעבע־טעג און ליעבע־אָווענדס.
ווייטער זאָל איך זעהן דאָס מיידעל
אין איהר גאנצען חן.

שטעה פאר מיר, מיין שענעס מיידעל!
מיר אליין דערצעהל איך טרוימען,
ביז דו פליהסט אוועק צוזאמען
מיט דער בלאסער נאכט.

## I.

האָב מיך ליעב, דו שענעס, ריינעס יודיש מיידעל!

שטילערהייד קום איך צו דיר אויף דער נאכט,
לאנג וועל איך שטעהן פאר דיין פענסטער אין שאָטען
פון דער אקאציע. וואָס וואקסט פאר דיין פענסטער;
ס'וועט מיין נשמה אריינדרינגען שטיל
דורך די פערהאנגענע שויבען צו דיר.
וועט לאנג ארומפליהען איבער דיין קאָפּ,
וועט דיינע סאמעט־האָר קושען און וועט זיך
דרעהען לאנג פאר דיינע ליכטיגע אויגען.
ווי ארום ליכט פליהט א זומער־פויגעלע לאנג;
צוטוליען וועט זי זיך דאן צו דיין הארץ.
און וואָס דיין הארץ רעדט פון מיר. — וועט זי הערען,
נאָכדעם וועט קומען צוריק זי צו מיר,
וועט מיר דערצעהלען די בשורה די גוטע:
דיין איז איהר הארץ און עס איז נאָך געשלאָסען.
עפענען וועט עס זיך דיר און דיין ליעבע. —
באלד געה איך דאן און קלאפּ אן אין דיין טהיר.

כ'וועל דיך בעגריסען; און דו, האלב פערשעמט,
וועסט צו מיר שמייכלען ווי ס'שמייכעלט א שוועסטער.
ריין, ווי דיין הארץ, וועט דיין צימער דאָס שטילעס
ברייננען אויך פריערען צו מיר אין נשמה.

שטיל וועל איך ריידען, און גאָלדענע נעצען
וועל איך פֿערשפּרייטען פֿאַמעליך פֿאַר דיר,
ריידענדיג וועל איך אַ וועלט פֿון חלומות
אויסוועבען, אויסציערען זיי מיט די פּערלען.
וועלכע עס האָט יעדעס האַרץ. וואָס וויל ליעבען
שטיל וועסטו הערען. דיין קינדערשער בליק
וועט אַ פֿערוואונדערטער קוקען אויף מיך
און אויף מיין שענע פֿער׳כשוף׳טע וועלט.
אָבער דיין ברוסט וועט זיך הויבען, און קלאַפּען
וועט דאַן דיין האַרץ, ווי אַ גליקליכע בשורה
וואָלט איך דיר אָנזאָגען. אָדער ווי פּלוצלונג
וואָלסטו געפֿונען די זאַך. וואָס געבענקט
האָסטו דיין יוגענד די גאַנצע נאָך איהר. —
און ביז די שפּעטע נאַכט וועט מיר דיין טהיר
עפֿענען לאַנגזאַם, — וועלען מיר ביידע
איינער דעם אַנדערען וועלען דערצעהלען
עפּעס אַ טייערען גליקליכען סוד;
און ווען אַליין וועסטו בלייבען אין צימער,
וועסטו לאַנג שטעהן, זיך ניט ריהרען און טראַכטען
פֿיהלענדיג, אַז אין דיין צימער שוועבט עפּעס
פֿון מיין פֿער׳כשוף׳טער גאָלדענער וועלט,
און וועסט נישט וויסען, אַז דאָס איז מיין מלאך.
וועלכער איז איינער אַליין מיר געבליבען
פֿון מיין פֿערגאַנגענער קינדהייט, און וועלכער
געהט מיר בעגלייטען, אַז כ׳געה צו דיר, שענע!

האָב מיך ליעב. דו שענעס, ריינעס יודיש מיידעל!

ס׳וועט דיר מיין מלאך די אויגען פֿערמאַכען,
אָבער דיין קינדערשער שלאָף וועט נישט קומען;
וועסט זיך נישט ריהרען און ליגען פֿער׳כשוף׳ט:
מחנות־וויזז וועלען געשטאַלטען ערשיינען,
פֿליהען אַרום דיין געלעגער דעם ריינעם,
אַט וועט אַ קינדיש געזיכט צו דיר שמייכלען,

קוקען אויף דיר מיט פער׳חלומ׳טע אויגען,
וועסט אבער זעהן אין זיי טרויער אהן סוף:
גלייך ווי דאס הארץ פונ׳ם קינד זאל שוין פיהלען,
וואס ס׳איז א קינדהייט אהן שפיעלען און לאבען,
אין א פערשימעלטען גלויבען פון אלטע,
צווישען פער׳חושך׳טע בייזע געזיכטער.
מיט א פערשטויבטער נשמה, וואס קיינמאל
גיט נישט די זון זי א ווארם און א ווינדטעל
גיט נישט א בלאז אין איהר. —
מיין קינדהייט איז דאס.
זעהן וועסטו נאכדעם א בלאס־יונגען פנים
מיט א געדאנק אויפ׳ן שטערן און אויגען,
וואס קוקען ווייט מיט פערלאנגען אין בייינקשאפט.
ניך פליהט די ריינקייט אוועק מיט דער קינדהייט:
ס׳ווייסט שוין פערלאנגען דאס הארץ פון דעם יונגעל.
צי א פערבלאנדזשעטער שטראהל פון דער זון,
צי א גע׳גנב׳עטעס שפיעל אויף דער לאנקע,
אדער דער איינציגער בוים פאר׳ן פענסטער,
וואס טהוט אין ווייסען זיך אן אנהויב זומער,
האט איהם דער סוד פונ׳ם לעבען דערצעהלט?
אבער אליין איז ער ווידער געבליבען.
מעהר האט די זון נישט געוואלט זיך איהם ווייזען,
שפיעלען זיך האט ער געקאנט נאר מיט ספרים.
טריקענען האט אויך דער בוים באלד גענומען,—
איינער אליין איז דאס יונגעל געזעסען
אין דעם פער׳חושך׳טען קלויז און גע׳חלומ׳ט.
שטיל קוקט די ווינטער־נאכט דורך די צוועלף פענסטער
אינ׳ם בית־מדרש דעם פוסטען אריין;
שטיל איז אין קלויז און עס ריהרט זיך קיין זאך נישט:
ס׳דרימעלט דער עמוד, די פלאם פון נר־תמיד,
אונטער דעם פרוכת שלאפט גאט און זיין תורה,
ס׳שלאפט אויך זיין גלויבען אין הארץ ביי דעם יונגעל;
באלד וועט אויך ער, אויך דער לעצטער אנטלויפען,
ווייסטו, וואוהין דו ווילסט פליהען, יונג הארץ?

ווער וועט דיך שיצען אין טומעל פון לעבען?
וועסט ניזוט דיין פאטערס גאט נעהמען מיט זיך,
מיטנעהמען וועסטו זיין הייליגקייט ניט.
בפלר אויף דער שוועל פון דעם קלויז וועלען לאזען
איינער אליין דיך די גוטע מלאכים;
מיטשלעפען וועסטו מיט זיך נאר א טרויער,
וואס האט קיין סוף ניט און האט ניט קיין נאמען,
וועסט וועלען אכלעבען פאר אלע דורות,
זאט וועט ניט ווערען דיין הארץ און דיין בייזער
אונרוהיג־קראנקער געדאנק וועט דיך שלעפען
איבער דער ערד, — און וועסט גליקליך ניט זיין.
ס'שמייכלען די ליפען: אהין, ווייט פון דאנען,
ווייט, ווייט אהין. —

דאס בין איך און מיין יוגענד.

וועסט נאכדעם זעהן א געשטאלט א בעקאנטע:
אויגען מיט לוסט צו דעם לעבען און ליפען
מיט א פערביטערטען שמייכעל, וואס לאכען
זיך אליין אוים און די וועלט וואס ארום זיי.
טייער וועט זיין די געשטאלט דיר: ווי פלוצלונג
וואלט פון א ווייט לאנד א טייערער ברודער
צו דיר געקומען; דו וועסט דאן ווי ווארטען,
ס'זאל דיר דיין ברודער די האנד זיינע געבען
און דיך אוועקפיהרען ווייט, ווייט פון דאנען —
פיהרען וואוהין ער נאר ווייסט און ער וויל.

האב מיך ליעב, דו שענעם, רייגעם יודיש מיידעל!

כ'וועל אין דערפריה צו דיר געהן, פון דערווייטען
וועט ווי א גאלדען אויג שיינען דיין פענסטער
און מיט א גאלדענער בשורה מיר ווינקען.
אנגעטהון אין א ווייס קלייד אין א לייכטעם
וועסטו שטעהן, ווארטען אויף מיר. איבער גאסען
רוישענדע וועל איך דיך פיהרען, און קליגגען
יום־טוב'דיג וועט אונז דער גאסען־גערויש. —

אָבער איך וועל דיך אינ'ם פרייע פעלד ברייננגען,
אויסציהען וועל איך מיט דיר אויפ'ן גראָז מיך,
און כ'וועל מיין בליק שיקען בלאָנדזשען אין הימעל.
איבער די בלאָה-קליינע בלימעלעך. איבער
דיין שענעם בליהענדען קערפער, און רוהען
וועט מיין בליק נאָכדעם ביי דיר אין די אויגען.
דו וועסט מיך אָנקוקען צאַרט און וועסט זוכען
אין מיינע אויגען מיין יונגע נשמה, —
אָבער דו וועסט נישט געפינען זי. שענע:
דאָרט וואו דער אָדלער פליהט איינער אליין
און היט די איינזאַמקייט צווישען די בערג,
דאָרט האָט מיין יונגע נשמה פערבלאָנדזשעט;
גליק איז געגאַנגען זי זוכען, וואו בלאָהער
ברייטען די הימלען זיך אויס און די זון
וועבט אוים פון גאָלד ביים פערגעהן אין ביים אויפגעהן
אויף יעדער שניי-וויימער ברוסט פון די ריינע
אייביגע בערג — איהרע צייכען און סודות.
אָבער פערבלאָנדזשעט האָט דאָרט מיין נשמה,
האָט נישט געזוכט זיך קיין אויסגאַנג. וויל גאָרנישט
האָט זי צוריק צו דער ערד נישט געצויגען.
קיינער האָט דאָס נישט געוואוסט. נאָר דער שטן
האָט מיט נקמה געלאַכט און געפרעהט זיך.
דיין האַרץ איז אונשולדיג נאָך און עס האָבען
דיך נישט פערלאָזען נאָך אַלע מלאָכים,
וועלכע בעגלייטען די קינדהייט די גוטע, —
כ'הער זייער שירה ביי דיר אין דיין האַרצען:
ביז מיין פערשטויסענע נשמה וועט ציהען
זייער געזאַנג און וועט רופען צוריק זי. —
וואַרט אויף איהר, שענע: זי קומט מיט דער פרישקייט
פון די פערשנייעטע, איינזאַמע בערג.
האָב מיך ליעב, דו שענעס, ריינעס יודיש מיידעל!

## II.

ס'קוקט די לבנה ארײַן אין דײַן צימער,
שטילערהײד שאָקעלט דער בוים זיך בײַם פֿענסטער,
ס'ווינקט דורך די צווײַגען אַ גאָלדענער שטערן,
ווײַט ערגעץ זינגט מען מיט טרויער אַ ניגון;
באַלד גיט אַ ווינדטעל אַ בלאָז, — און עס שאָקלען
מיט אַ גערויש זיך די בלעטער און דעקען
צו די לבנה, און כ'זעה אַ מינוט נישט
פֿינקלען דעם שטערן, און ס'רײַסט זיך אַ ווײַלע
איבער דער ניגון, — איך קוש דיך דאַן, שענע.

צינד נישט קײן פֿײַער אָן: הערסט, ס'קלאַפּט דער װעכטער,
האַלבע נאַכט איז שוין און ס'שלאָפֿען שוין אַלע.
לאָז די גאַרדינע אַראָב: כ'וויל זײַן גליקליך
אײנער אַלײן אין דער שטיל, אין דער פֿינסטער.
כ'האָב אין מײַן יוגענד אַ סך שוין געליטען...
כ'בין מיט אַ האַרץ, וואָס פֿערלאַנגט הײסעם לעבען,
כ'האָב מײַן פֿערלאַנגען צום האַר געוואָלט מאַכען,—
אָבער מײַן גורל האָט אויסגעלאַכט באַלד מיך.
הונגעריג בין איך צו ברויט געוועזען, אײנזאַם
פֿלעג איך די טעג אַלע בלאָנדזשען און זוכען
אײנפּאַכעס ברויט, שוואַרצעס ברויט,—און זײַן ריח
פֿלעגט מיך אומזיסט פֿון אײן פֿענסטער צום צווײטען
ציהען און שלעפען; פֿערמאַטערט, מיט שנאה
פֿלעג איך די זאַטע געזיכטער בעקוקען;...
אויסלאַכען פֿלעגט מיך דער רעש פֿון די גאַסען,
גלײַכגילטיג אָנקוקען פֿלעגט מיך דער הימעל,
ס'פֿלעגט זיך די זון דרעהען, שײַנען ווי שטענדיג,
ביז זי פֿלעגט אונטערגעהן אונטער די הײַזער,
ביז ס'פֿלעגט מײַן הונגער אַלײן זיך דערשטיקען.
כ'פֿלעג זיך אַוועקשלעפּען מיעד אין מײַן ווינקעל...
ס'קומט מיט איהר צויבער די נאַכט און צוקאָכט מיר
אין יעדען אָדער מײַן בלוט; פֿון דער פֿינסטער

קריכען ארויס שעגע, נאקעטע פריזען,
טאנצען ארום מיין געלעגער דעם מיאוס'ען,
זעצען זיך אויס נעבען מיר, און די שענסטע
גלעט מיר דעם שטערן דעם הייסען, און זינגט מיר
שטילערהייד זיסע געזאנגען, און קושט מיך
אויף די פערטריקענטע ליפען, — ביז פלוצלונג
יאגט א גערויש זיי אוועק, די געשטאלטען, —
און איך ליג ווידער ווי פריהער אויף שמאטעס,
הער, ווי עס רוישען די גאסען, ווי ס'קלאגט זיך
איבער מיין צימער א פידעל, ווי ס'ברעכט אויס
ערגעץ נישט ווייט א געלעכטער, — און כ'טראכט מיר:
אך, וואלט איך דאמאלס א גאט געהאט, וועלכען
כ'זאל געוועזען גלויבען און דינען געטריי איהם...
גיכער צוגעהט נישט דער שנעע אנהויב פריהלינג,
ווי ס'איז אוועק מיין געירש'נטער גלויבען;
ברויט-הונגער האט מיך געפייניגט ביי טאג,
הונגער צו גאט האט ביינאכט מיך געמאטערט.
וואלט איך א גאט געהאט, — כ'וואלט איהם געבויט
פון מיינע שענסטע חלומות א טעמפעל,
כ'וואלט פאר זיין טעמפעל געלעגט די מתנות
אלע די גאלדענע, וואס כ'האב בעהאלטען
פאר מיין געליעבטע, און אויפהייגען וואלט איך
ביי איהם אין טעמפעל די קרוין, וואס געפלאכטען
האב איך פאר זיך אין די נעכט, ווען בעשאפען
זענען געווארען די טרוים-וועלטען מיינע.
כ'וואלט איהם זיין טעמפעל בעציערט מיט דער ריינקייט,
וואס ס'האט מיין פאטער געלאזט מיר בירושה,
און כ'וואלט מיין קינדערשען מלאך דעם לעצטען
אין זיינעם הייליגען ארון בעהאלטען, —
אבער איך האב מיר קיין גאט נישט געפונען,
און איהם בעשאפען אליין נישט געקאנט.
ביז כ'האב איהם אויפגעהערט זוכען. און פלוצלונג —
כ'האב דיך געפונען, מיין גאט, מיין געליעבטע,
לאז די גארדינע אראב: אין דער פינסטער

חיל איך מיין גליק און מיין גאט איצטער האבען,
ווי ב'פלעג דער נאכט נאר דערצעהלען מיין ליידען.

קוש שטארק און לאנג מיינע ליפען און זויג אויס
פון זיי דאס גיפט און דעם ביטערען שמייכעל;
גים דורכ'ן קוש מיר אריין אין נשמה
האפנונג און פריעדען און קינדערשען גלויבען.
קוש מיר מיין שטערן, עס זאל מיין געדאנק איצט
אויפהערען רייסען זיך ווילד אין די ווייטע
וויסטע פערוואָרפענע וועלטען, און קוש מיר
שטיל ביידע אויגען: פון איצט זאל מיין בליק שוין
מעהר אין דער ווייט מיט א בייגקשאפט נישט קוקען,
זוכען אומזיסט דארט א פרייד אהן א נאמען;
דיין הארץ דריק-צו צו מיין הארץ, און זאל רוהיג
ווערען מיין איינזאמעס הארץ, און פערשוויגען
זאל אין איהם ווערען זיין נארישע בייגקשאפט;
און בויג זיך אן אויף מיין אויער און זאג מיר
שטילערהייד צו, אז אין ביטערע שעה'ן,
ווען אהן א גאט, אהן א פאלק וועל איך ליידען;
ווען איך וועל וועלען דערשטיקען צוזאמען
מיט דעם געשטארבענעם גייסט פון מיין אומה
אויך מיין נשמה די אייגענע, — וועסטו
דאמאלס מיין הארץ קאנען נעהמען פערוויגען
און מיט א צויבער-האנד לעשען זיין פייער.

ס'ציטערט דיין האנד — צי דו שרעקסט דיך, געליעבטע?
שרעקען די שאטענס דיך, אדער דיך לאזען
געהן אין מיין וועג האסטו מורא און ציטערסט?
שיינק מיר דיין קינדערשעס הארץ; כ'וועל עס היטען.
ווייט פון דעם פלאץ, וואו עס קעמפפען די מענשען,
וועל איך א ליעבע-געצעלט פאר אונז מאכען;
וועסט דארט נישט הערען, ווי ס'קרעכצען די שוואכע,
וועסט דארט נישט הערען, ווי ס'הוליען די שטארקע;
כ'וועל דיין געצעלט דיר בעציערען מיט בלומען,
ס'וועלען די טעג אלע זיין פאר דיר בלומען,

וועלכע דו וועסט רוהיג שמעקען און ווארפען
באַ'ד אין א זייט, כדי צו נעהמען די פרישע:
כ'וויל דיינע נעכט מאַכען זיס: אין דער פינסטער
וועל איך דעם בעכער פון תענוג דיר געבען;
יעדע נאַכט וועל איך אַ יונגענד אַ גאַנצע
אויף דיינע ליפען אין קושען פערברענען;
ס'וועט דיין הארץ ליגען אויף מיינעם, און ביידע
וועלען זיך סוד'ען פון גליק. —

## ס'וועלען קומען

נאָך די פער'שיכור'טע נעכט צום פערהוליען
יום־טוב'דיג ליכטיגע טעג; איבער פעלדער
וועל איך אַרומפיהרען דיך און דיך לערנען
גראָזען פערשטעהן, ווען זיי רעדען, און בלומען,
חן'עוודיג־קליינע, פערשעמטע, פערליעבטע.
אַבבלאַנדזשען וועלען מיר לאַנג און זיך לעגען
אויף פרישען גרינס, און אוועקשיקען בלאַנדזשען
אונזערע בליקען צום הימעל, ביז שטיל וועט
אונזער בלוט פליעסען, ווי ס'פליעסט אין די גראָזען
שטיל זייער לעבענס זאַפט. פרישע און שטילע
וועלען מיר לאָזען זיך געהן אין אַ וועלדעל;
שטילערהייד רוישענדיג וועלען די בוימער
ריידען מיט אונז, — ווי מיט ברידער מיט גלייכע;
אויסלערנען וועסטו פערשטעהן, וואָס עס סוד'עט
איין בוים דעם צווייטען איין. —

## און אַז אַ שטורם

וועט אויף דעם וואַלד זיך אַ וואָרף טהון און רייסען
מיט אַ פערגניגען אַ ביינען די צווייגען,
ווען אויף דעם פעלד וועלען גראָזען און בלומען
טוליען זיך, ווי די דערשראָקענע קינדער;
ווען אין דער לופט וועלען בליצען זיך שפּיעלען,
דונערען וועלען אַרומלויפען איבער
דעם שווער־פערוואָלקענטען הימעל, און טאַנצען

װעלען אין טײך װילד די הװאַליעס די שװאַרצע, —
װעסטו דיך צוטוליען דאַן צו מײַן האַרצען,
און װי עס קלאַפּט װעסטו הערען און ס'רײַסט זיך,
כ'װאַרף דאַן אַװעק דאָס געצעלט און איך נעהם דיך,
כ'פֿיהר דיך אַװעק אין'ם אַנדערען שטורם.
װאָס דרעהט די מענשען און רײַסט זײ און װאַרפֿט זײ
אײנער צום צװײטען, װאָס ביגט אײַן די שװאַכע,
רױשט איבער זײ מיט אַ בײזען פֿערגניגען
און טוליעט אײנער צום צװײטען זײ צו, —
דאָרט װעסטו זעהן, װי עס טאַנצען די שטאַרקע
אױף די געפֿאַלענע שװאַכע און יאָגען
אײנער דעם צװײטען און װערען צוטראָטען,
זינגענדיג נאָך דעם געזאַנג פֿון נצחון;
כ'װעל אין'ם שטורם דיך פֿיהרען און לערנען
יענץ גרױס געזאַנג, װאָס איך האָב אין מײַן יוגענד
גוט שױן געקענט, װאָס דער מענש האָט געשריבען
איבער דער ערד מיט זײַן אײגענעם בלוט.

III.

אונטער'ן בױם אױף דער באַנק װעל איך קושען
טױזענד מאָל דײַנע פֿער'חלום'טע אױגען.
גוט אַזױ: זעץ דיך און נעהם מיר אַרום
מיט בײדע הענד דײַנע װײכע מײַן האַלז;
טוליע דײַן ברוסט צו מײַן האַרץ צו און קוק מיך
שװײַגענדיג אָן מיט דײַן קינדערשען בליק.
כ'װיל בײַ דעם שײַן פֿון דער בלאַסער לבנה
לײענען בײַ דיר אין די אױגען דײַן גרױסען,
טײַערען, אײנציגען סוד: איך בין גליקליך;
כ'װיל אין דער שטיל, אין פֿערשלאָפֿענעם גאָרטען
הערען דערצעהלען דײַן האַרץ זײַן פֿערלאַנגען
זײַ מיט מיר, קוש מיך און האַלז מיך, געליבטער.

הערסט, װי עס סוד'ען די בױמער זיך טרױריג,

זעהסט, ווי עס ריהרען זיך שאטענס ארום אונז?
ס'נעהמט מיך א טרויער ארום, און איך ווייס נישט
וואס ס'ציהט מיין בליק זיך אהין, צו די ווייטע
פינסטערע וועגען פון גארטען; — שא, זעהסטו:
ביי יעדען בוים שטעהט א מלאך א שווארצער;
זעה, ווי זיי ריהרען זיך אלע פאמעליך, —
דריק דיך, מיין טייערע, צו צו מיר פעסטער, —
הערסט, וואס זיי זינגען?

עס איילען די ווינדען
פון אלע פיר זייטען,
און וועלען צוטראגען
דיין ליעבעס-געצעלט;

און וועסטו בעהאלטען
זיך געהן אויף אן אינזעל,
און וועסטו אנטלויפען
אין עק-וועלט פון זיי;

און אויב אויף די שטיינער
די הויכע און וויסטע,
וואו ס'רוישט און עס קאכט זיך
דער אייביגער ים,

און אויב אין א גרינעם
בעהאלטענעם וועלדעל
וועט איינזאם זיין גליקליך
דיין בענקענדעס הארץ, —

דיך אומעטום וועלען
די ווינדען געפינען,
און וועלען פערטראגען
אויף אייביג דיין גליק.

און ווען דו וועסט דיין מיידעל
מיט דיר אין א שיפעל
אריינזעצען, — וועט זיך
צושטורמען דער טייך;

און ווען דו וועסט דיין מיידעל
א בלומען־קראנץ טראגען, —
ארויסרייסען וועט עס
דער ווינד פון דיין האנד.

עס קאן דיך בעהאלטען
דער טייך נאר דער טיעפער,
דער אייביגקייט'ס־פליגעל,
דער פליגעל פון טרוים.

נעהם לאז דיין געליעבטע
און גיב דיך אונז איבער;
מיר טראגען און ברענגען
אין אונזער וועלט דיך:

שען איז ווי דיין שענע,
און זיס ווי דיין יוגענד,
און רייך ווי דיין חלום,
די לופטיגע וועלט:

מיר האבען דארט שלעסער
געמאכטע פון וואלקענס
געפוצטע מיט זילבער,
בעציערטע מיט גאלד, —

וואס ס'שיינקט אונז ביים אויפגעהן
די זון און אין אוועגד,
וואס ס'שיינקט אונז די בלאסע
לבנה ביי נאכט.

דו וועסט מיט אונז פליהען
און שוועבען אין חוואליעס
פון ליכט, און וועסט קוקען
אהן ביינקשאפט אראב.

וואו ס'פיינינען אלע
זיך עלענד, און זוכען
אומזיסט זיך פערגניגען,
אומזיסט זיך א פרייד.

און וועט דיר דערעסען
אין ליבטינקייט שוועבען,
מיר וועלען דיך ברייננען
צו אונז אין א שלאס.

דארט זיצען די גייסטער
און וועבען די טרוימען
די שענע פאר ווייטע
און אנדערע טעג;

דארט שפינען די גייסטער
דאס גליק פאר די צוקונפט,
וואס ס'האלט אין איהר אוצר
פערשלאסען די צייט;

זיי פלעכטען די קראנצען
פאר גרויסע נשמות.
וואס ליגען בעהאלטען
נאך אונטער גאט'ס-שטוהל;

מיט טייערע שטיינער
בעזעצען די קרוין זיי,
וואס ס'וועט אמאל טראגען
דער מענש אויף דער ערד.

נעהם לאָז דײַן געליעבטע
און גיב דיך אונז איבער;
פיר טראָגען און ברײַנגען
און אונזער װעלט דיך:

עס קאָן דיך בעהאַלטען
דער טײַך נור דער טיעפער
דער אײביגקײַט'ס-פליעגעל,
דער פליעגעל פון טרוים.

— — — — — — — — —

— — — — — — — ניִשט ציטער, עס זענען
אַלע געשטאַלטען פערשװאונדען געװאָרען;
שטילערהײד שלאָפען די בױמער; עס ריהרט זיך
מעהר שױן קײַן שאָטען ניִשט; קוש מיך איצט שטאַרקער!
כ'װיל אין אײן נאַכט מײַן נְשָׁמָה פערלעבען,
אָפגעבען װיל איך אין אײן נאַכט מײַן יוגענד.
אונטער'ן בױם װיל איך לאָזען מײַן חלום,
כ'װיל אין דער פינסטער צװאַרפען די פערלען.
װאָס כ'טראָג אין הארצען בײַ מיר נאָך פערשלאָסען
כ'װיל אַלע גאָלדענע האָפנונגען מײַנע
איבער דעם גאָרטען צושפרײטען, און אַלע
װעלען זײ גלאַנצען ביז טאָג אינ'ם גראָז;
כ'װעל ביז בעגינען דיך קושען — ביז מאָרגען
לאָז מײַן נשמה אַ לײדיגע װערען.

# בּ'לעב ווי גראָזען אויפ'ן פעלד...

אײנער זיפצט און אײנער לאַכט,
אײנער קוקט גלאַט אין די װעלט;
איך האָב זומער ליעב דאָס גרינס,
ב'האָב הנאה פון דער קעלט.

ב'לעב ווי גראָזען אויפ'ן פעלד,
ווי די חוואַליעס אויפ'ן טײך;
ב'ווײס, ווי זײ, נישט פון אַ ציעל,
ב'ווײס, אַז אונזער סוף איז גלײך.

אָבער איך האָב נאָך דערצו
אַ נשמה; גרויס צי קלײן,
ווײסט נישט קײנער אויף דער ערד,
און איך ווײס עס נישט אַלײן.

איך האָב שטיקלעך נאָר פון איהר
אין געזאַנגען אײנגעוועבט;
ס'וועט זיך אויסזוכען אַמאָל
יעדעס שטיקעל וואו עס לעבט.

און עס וועט אַ ווײַטער דור
זי נאָך היטען אויף פּאַפּיער, —
אָבער טויזענד מאָל נאָך מעהר
וועט פערלאָרען געהן מיט מיר.

בלײַב דערפאַר ווי גראָז אין פעלד,
[illegible] די חוואַליעס אויפ'ן טײַך;
[illegible]ם, ווי זיי, נישט פון אַ ציעל,
[illegible]ם, אַז אונזער סוף איז גלײַך.

# פְרֵייד.

כ׳הער, ווי ס׳וויינט דיין קינדיש הארץ,
ס׳קלאָגט זיך שטיל פאַר מיר דיין בליק;
„האָסט געזאָגט מיר, אַז פאַר אונז
האָסטו גאַנצע אוצרות גליק.״ — —

כ׳האָב דיר צוגעזאָגט און קאָן
מיין הבטחה נישט דערפילען:
קאָן דען מאַכען גאָט אליין
ווי עס איז זיין גוטער ווילען?

אַז ער האָט די וועלט בעשאַפען
האָט ער גליק פאַר איהר געטרוימט;
ס׳איז דער וועג צום גליק געבליבען
אויף דער ערד ביז היינט פערצוימט.

אין די ערשטע טעג פון ליעבע, —
ווען מען ווערט אַ גאָט אַ פרייער, —
האָב איך אויך אַ וועלט בעשאַפען
פונ׳ם ערשטען תאוה־פייער.

זיעבען ווייטע בריימע הימלען
האָט פערמאָגט מיין נייע וועלט;
אינ׳ם זיעבעטען דעם לעצטען
האָב איך דיר דיין שטול געשטעלט.

ס'האָבען דיך בעדינענט מלאָכים,
שטערען האָבען דיר געשיינט;
די מלאָכים און די שטערען
פליהען, שיינען נאָך ביז היינט.

נאָר דאָס שטיקעל גליק דאָס זיסע
וואָס מיר זענען ביידע ווערט,
קאָן נישט מיך, נישט דיך געפינען,
ווייסט נישט ווען ס'איז בעשערט.

און דערווייל איז מיר און דיר
אין די זיעבען הימלען קאַלט;
ס'שיינען שטערען אונז אַ סך,
און ס'טהוט באַנג, אַז איינער פאַלט.

ס'זינגען מחנות'ווייז מלאָכים
אַרום אונז, און ס'טהוט אונז באַנג,
אַז ס'שיידט אָב פון אונז זיך איינער,
ווייל ס'ווערט שטילער דאָס געזאַנג.

שטילער, שטילער... און דו בלייבסט באַלד
אָהן מלאָכים, אָהן בעגלייטער.
כ'טראָג אַוועק דיין שטול פון דאַנען
כ'שטעל זי אין אַ וועלט אַ צווייטער.

כ'האָב בעשאַפען זי פון בייַנקשאַפט
נאָכ'ן שטיקעל גליק דעם זיעסען;
ס'וועט איין מלאך, נאָר די זיעבען
נייע הימלען דיינע וויסען.

ס'איז דעם מלאך'ס נאָמען: ת א ו ה,
ס'גליהט דער בליק פון זיינע אויגען,
כ'האָב די וועלט געשיקט איהם אויסזוכען,
אומעטום איז ער געפלויגען;

און פון אומעטום געבראַכט מיר
האָט ער בשורות פון פערגניגען:
טויזענד קליינע זיסע פריידען
קאָנען נאָך אין הארץ פערוויגען.

ס'איז נישטאָ קײן גרױסע טרױער,
און געשטאָרבען איז די בײנקשאַפט
אין די שטעדט פון שטײן און אײַזען,
אינ'ם טומעל, אין דער ענגשאַפט.

אויב עס צאַפּעלט נאָך אַ בײנקשאַפט
אין אַ קעלער פון אַ מױער,
אויב עס װאַלגערט זיך נאָך ערגעץ
אויף אַ בוידעם־שטאָק אַ טרױער, —

װעלען זײ נישט זײן געװוג דיר
פאַר דײן הארץ אויף לאַנגע צײַטען;
נאָר די פרײד פון טױזענד קװאַלען
פליעסט צו דיר פון אַלע זײַטען:

צװישען גראָזען אויף די פעלדער
שלאָגען פרישע קװאַלען פרײד,
ס'שיט זיך פרײד מיט שנײ צוזאַמען
פונ'ם הימעל שטילערהײד;

אויף די פליגעל טראָגען אָדלערס
איבער פרײד פון שטײן צו שטײן;
װינטער אין די װײַסע װעלדער
שװעבט די פרײד אַרום אַלײן;

אַז דו שיפסט זיך אויפ'ן װאַסער
אין דער שטילער אָװענד־צײַט, —
קוק: אין גאָלד, אין מלכות־פורפור
גלאַנצט די פרײד אין מערב־זײַט. ——

מיר דערצעהלט אַזױ מײַן מלאָך,
אַז איך זיץ מיט דיר צוזאַמען;
דיר דערצעהל איך אוים אין קושען
פון מײַן הארץ מיט מײַנע פלאַמען.

נישט דו צינדסט זײ אָן אין מיר איצט,
װײַל דו ביזט איצט מײַן פערלאַנגען;
און נישט דו װעסט זײ פערלעשען
מיט אײן הײסען קוש אַ לאַנגען.

פון א ווייטער וועלט א פרעמדער
האב איך זיי מיט זיך געבראכט,
און דיין תאוה'דיגער אטהעם
וועט זיי לעשען נישט איין נאכט;

נאר זיי וועלען ווייטער ברענען
ביז מיין לעצטען שלאף דעם שטילען,
ביז דער קבר וועט בעהאלטען
מיינע תאות און מיין ווילען.

און דערווייל וועל איך בעגיעסען
מיט פערגניגען און מיט פריידען
מיינע פלאמען, וואס איך קאן זיך
קיינמאל נישט מיט זיי צושיידען.

קום, די וועלט פערמאגט הנאה!
ס'קאנען הערצער נאך פערגעסען,
אז די וועלט פערמאגט קיין גליק נישט,
אז דאס לעבען קאן דערעסען.

1907.



# אין אַ שליטען.

דאָס וועט זיין היינט אַ שפּאַציער:
וויים די ערד, דער הימעל בלאָה;
ס'קריצט דער שניי און ס'שניידט די לופט;
וואָס מיר קעלט — די זון איז דאָ!

ס'שטעהט אַ שליטען פאַר דער טהיר,
ס'קלינגט דאָס גלעקעל: דין־דין־דין...
קום מיר זעצען זיך אַריין, —
פיהר אונז, פוהרמאַן, גיך אהין, —

זעהסט, דאָרט שטעהט דאָס לעצטע הויז,
נאָכדעם ציהט דאָס פעלד זיך וויים;
פיהר אַהין אונז, יאָג די פערד, —
גיך, מיר זענען יונגע לייט.

אָט אַזוי: עס פליהט די גאַס,
חייסער, ריינער ווערט דער שניי;
דריק זיך, מעדעל, צו צו מיר, —
און דו, פוהרמאַן, פאָהר, נישט שטעה!

אויסגעלאַזטער ווערט דער ווינד,
און עס גלאַנצט דער שניי און בליצט,
און דער שליטען קריצט און רוישט, —
כ'וועל א קוש דיר געבען איצט.

וואס? דאס האָט דער ווינד געפייפט.
כ'האב א סוד און שווייג דערוויל,
ביז נאך ברייטער ווערט דאס פעלד, —
פוהרמאן, יאג דעם שליטען, איל!

ס'רייצט דער ווינד זיך שוין פערשייט
און בעשיט אונז אלע מאל
מיט א זילבער-ווייסען שטויב
און מיט פונקען אהן א צאהל.

וויפיעל ליכטיגקייט ארום!
טויזענד קליינע שטיקלעך ליכט
ליגען, גלאַנצען אויפ'ן שניי,
טאַנצען, פליהען אין געזיכט;

ווי א גרויסע קאלטע זון
האט צוקלאַפּט גאָט אין דערפריה
אין א זילבער-ווייסען שטויב,
און געזאָגט איהם: געה און פליה!

און ער פליהט און בליצט און גלאַנצט —
כ'האב דיך ליעב, ווי כ'ליעב די שיין;
נעהם און מאך די אויגען צו,
ביז עס וויעגט דער ווינד דיך איין.

שמייכעלסט... כ'האב עס נישט געטהון:
ס'האט דער ווינד געקושט דיך שטיל;
אז איך קוש דיך — קוש איך היים,
ווייל מיין בלוט איז נאך נישט קיהל.

אַט אַזוי איז הײַם מײַן קוש — —
שײַנק דײַן הארץ מיר, נישט געטראַכט,
ווײַל כ'האָב פײַער אין מײַן בלוט,
און מײַן האַנד האַלט דיך מיט מאַכט.

לאָז, איך רײַץ דײַן בלוט דיר אויף,
און דו רעד נישט און נישט זאָג,
ווײַל אויך איך האָב, נישט געטראַכט,
זיך געשײַנקט דעם ווינטער-טאָג.

ס'לויפט דער שליטען ווי א פײַל — — —
שטענדיג פרעהליך איז די וועלט:
פרעה זיך זומער מיט'ן גרינם,
הוליע ווינטער אין דער קעלט.

ס'טראָגט דער ווינד אַוועק דײַן וואָרט..!
מאָרגען? טראַכט נישט וואָס עס געהט:
ס'איז דער מ אָ ר ג ע ן נאָך נישטאָ,
ס'איז דער נ ע כ ט ע ן שוין צווײַט.

רײַן ווי שנײ איז מײַן האַרץ:
כ'ליעב דײַן שמײכעל, כ'ליעב דײַן חן;
כ'האָב א טרויער אָהן אַ סוף,
ס'וועט א פרוי איהם נישט פערשטעהן;

כ'האָב געלאָזט אין דערהײם
אין פאַפירען צווישען שטויב,
גאַנצע וועלטען האָב איך דאָרט
און איך דאַרף זײ גאָרנישט, גלויב.

שנײ און הימעל, ליכט און קעלט — —
איז אַ טאָג מיר שען און זיס,
יענע וועלטען אַלע, קינד,
גיב איך אָב פאַר איהם געוויס.

אין מיין ליעד, וואס איז נאך יונג,
וועט מיין אומעט לעבען לאנג
פאר'ן דור, וואס קומט נאך מיר, —
איך וויל לעבען אין געזאנג.

גיך ווי שניי צוגעהט די לוסט,
און די תאוה גיט א ברען...
ב'זעט מיין בלוט אן און מיין בליק,
כ'פרעג נישט, וואו און פרעג נישט, ווען.

איצט איז יונג און הייס מיין בלוט
און מיין תאוה איז א פלאם;
ב'פרעג נישט. פיהר אונז, פוהרמאן, ווייט
אויפ'ן זילבער=ווייסען ים.

1907.

משה סטאווסקי.

# אידיליען און בילדער

(א זאמלונג)

פערלאג
„וועלט-ביבליאטעק",
ווארשא
תרס"ט.

## אינהאלט:


| | |
|---|---|
| לבן הארמי . . . . . . | 3—28 |
| די געלע הוהן . . . . . | 29—36 |
| אַ פּאָר פּאָלק . . . . . | 37—47 |
| פרייטאָג צו נאַכטס . . . . . | 48—52 |
| די באָבע און דער זיידע . . . | 53—65 |
| מילך . . . . . . | 67—74 |
| אַ בהמה . . . . . . | 75—80 |



Типографія Ф. Баумриттера, Красинская пл. № 6.
ВАРШАВА 1911 г.

# לָבָן הָאֲרַמִּי.

(זכרונות פֿון איינעם, וואָס האָט געהאַט אַ טאַטען אַ בעל־עגלה).

---

עס איז געווען אַ קאַלטער און אַ נאַסער נאָך סוכּות, די הימלען זעהען אויס פֿאַרוויינט, טריב און מוטנע, ווי מען וואָלט איבער זיי אַנ׳אַלטע ברודיגע רעדנע איבערצויגען. און אַ דראָבנער רעגעלע קראָפּעט, זימזעט אַזוי שטיל, ווי אַ לאַנגווייליגע איינטאָניגע מעלאָדיע, טאָג ווי נאַכט. קיינער געדיינקט ניט ווען ער האָט אָנגעהויבען און פֿרעג — גלייבט קיינער ניט, אַז ער זאָל אַמאָל אויפֿהערען, ווי עס וואָלט ערגעץ וואו, דאָרט... אַנ׳אַלט שינדעל־דאַך, מיט אַמאָל אָנגעהויבען נעצען, אויגען געעפֿענט און עס גיסט...

קורצע, חמורנע און פֿאַרגנעצטע טעג. עס דערלעבט גאָר ניט זיך אויס צו לייטערען, איז שוין מנחה צייט. דערנאָך איז הימעל און ערד און פֿינסטערניש אין איין שטיק. און אַ בלאָטע, אַ וועג אַ מלאך המות, קומט מען אַ היים מיט אַ גאַנץ פֿערד, מעג מען גומל בענשען. פֿאָהרט מען פֿרייטאָג ערגעץ פֿון שטאָדט אַרויס קאָן מען שוין זיכער זיין, אַז מ׳וועט האַלטען שבת ערגעץ אין וועג, אין דעם ערשטען בעסטען דאָרף, וואָס גאָט וועט צושיקען, מקבל שבת זיין ביי אַ פּויער אין אַ חאַטקע — אָבדרעהענדיג זיך מיט׳ן פּנים פֿון דער איקאָנע מיט דעם רויט לעמפּיל, און

מאַכֿען קדוש אויף ברויט מיט מילך. אין דערהיים איז אַ פֿער־שטערטער שבת, עס גיהען אויס די כוחות, מען דערלעבט שוין קוים דעם נאָך־הבדלה. —

אין גאס חאַפּט מען זיך אָן אַ זייט, קלעטערט מען אויף ווענד מען האַלט זיך אָן ביי אַן׳אָשאַק פֿון אַ פֿענסטער, אָן אַ פּלויט פֿון אַ גאָרטען, מען רייסט פֿון ערגעץ אָב אַ ברעטיל, מ׳זוכט אויף אַ שטיין, עס ווערען קלאָדקעס, און מ׳קומט אַ דורך. פֿאַר קליינ־וואַרג איז דאָס אַ שפּיל. קנעטען זיי, טאַנצען אין דער בלאָטע, קריגען בלאָע אָנגעשוואָלענע הענטלעך, נעזלעך, מיט אויערען ווי בוריקעס. און אַז עס קומט שווער, מען קאָן די שטיוועלעך ניט אַרויסנעמען, הויבט מען אָן צו וויינען, און מ׳וויינט אַזוי לאַנג, ביז עס גיהט ווער אַ דורך, אָדער מען דערהערט וואו אין אַ שטוב, קומט מען צו לויפֿען און מ׳העלפֿט אַרויס.

אַ בעל־עגלה גיהט ביי׳ן זייט ליידיגען וואָגען און שפּאַרט אונטער. טרעפֿט זיך אַ וואַסערזיל שפּרינגט ער אַרויף מיט איין פֿוס אויף אַ שפּיץ פֿון אַ פֿעדערשטען אַקס, גיעט דעם פֿערד קוי־ראַוש — אַ פּאָר גוטע בייטשען. היי, היי, וויאָ, וויאָ... און חאַפּט זיך אַריבער...

נאָך סוכות בין איך צו אַ נייעם תלמוד־תורה־מלמד אָנגע־קומען, וועלכער האָט געקנעלט אויפֿען שוהל־הויף אין דער אונטער־שטער שטיבעל פֿון אַלטען בית המדרש — געלערנט האָט מען עשרים־וארבע — אויף דער נאַכט זענען מיר נאָך ניט געזעסען, דאָס איז געווען אַ היבשער מהלך פֿון אונז. עס אַ דורך דעם גאַנצען מאַרק, און דורך מאיר׳ס גאַס, אין דער בלאָטע האָט מען גע־קאָנט אַ קדוש ווערען...

אז עס פֿלעגט עטוואָס צוטריקענען, חאַפּען אַ פּרעסטיל, פֿלעגט דער טאַטע זיך אַריבערקומען, אָדער פֿאָהרענדיג מיט דער פֿוהר אַראָבחאַפּען זיך און אונז ברענגען אַ היים.

ווען איך בין פֿאַרנאַכט אַ היים געקומען, האָב איך נעבען שטוב אין דעם גרויסען צווישען טאָג און נאַכט, בעמערקט אַ קליין, מאָגער, געפֿלעקט לאָשאַקעל. ער איז געווען אויף אַ שטרי־קעל ביי׳ן האַלז צוגעבונדען צום סלופּ, פֿון דער צוואָרפּענער סוכה, מיט אַ קורצע, רייטליבע גזשיבקע, ווי מיידילש־קליינע צעפּלעך, אַ קורץ עטוואָס בעוואַקסען וויידיל, בעהאַלטען, איינגע־

טולעט אונטער זיך. דער קאָפּ אראָבגעלאָזען, ווי ער וואָלט דאָרטען אונטען עטוואָס געזוכט, צונויפגעקאָרטשעט און טרייסעלט זיך אין גאַנצען ווי אַ בלאַט... איך האָב איהם גוט בעטראַכט, געדרעהט, געגלעט, געפיהרט מיט דער האַנד איבער דעם נאַסען רוקען, געשלאָסען אין דער פינסטער קאַנטשאַפּט און אַריין אין שטוב...

אין שטוב איז שוין געווען שטאַרק דונקעל, נאָר וועגען אָנצינדען אַ לאָמפּ, זעהט אויס, האָט מען נאָך ניט געקלערט. די מאַמע איז געזעסען נעבען דער קאַלטער הרובע, געשיילט קאַרטאָפעל אויף וועטשערע, געווען אין כעס, געשוויגען און זיך געקרימט. צו זעהן איהר איז געווען שווער; נאָר עס האָט זיך געפיהלט אין דעם שיילען, אַז זי איז אין כעס. — אין דעם פערנעבעלטען שטילען בין מנחה-למעריב האָט עפּעס אַ גרויעס—שווערעס אַרומגעשוועבט. דער טאַטע שווייגט, רעדט ניט אַ וואָרט, ווי ער וואָלט זיך פאַר וועמען פערבעהאַלטען. דערנאָך זאָגט ער שטילערהייד אשרי, שטעלט זיך שמנה-עשרה, פאַרקלערט זיך, און בלייבט אַזוי שטעהן שטיל, פאַרגאַפט ווי געלעהמט, אַזוי אַז מ'קאָן זיך אין גאַנצען גאָר פערגעסען, אַז ער געפינט זיך אין שטוב.

מיר ווינקען זיך איבער צווישען זיך, חאַפּען אַ קוק אויף דער מאַמען, צום גאַס, אַ וואונק צום לאָשאַק, צוריק אויף דער מאַמען, און מאַכען אַ שווייג...

די מאַמע רעדט אויך גאָרניט, ווי זי וואָלט אַליין אין צימער געווען, אָדער זי האָט שטייף די ליפּען פאַרביסען, עס זאָל זיך פון מויל ניט וואָס אַרויסרייסען, שיילט זי שנעל די קאַרטאָפעל. עס הערט זיך נאָר אַ פלייסיג שניידען מיט'ן מעסער, אַ פּלוסקע פון דער קאַרטאָפעל אין טאָפּ וואַסער, און ווידער דאָס סיקען פון מעסער, שיילענדיג אַ נייע קאַרטאָפעל. —

דער טאַטע איז פאַרזיכטיג, אויף די שפּיץ פינגער פון דער מזרח-וואַנד אין מיטען שטוב אַריין, שמונה-עשרה אויסגעגאַנגען, ווי ער וואָלט מיט אַמאָל פון סופית אין צימער אַריינגעפאַלען, און איז שטעהן געבליבען. די מאַמע ווי זי וואָלט פּלוצלונג איהם אין שטוב דערפיהלט, האָט זיך מעהר ניט געקאָנט איינהאַלטען, און ווי זי וואָלט אין דער שטילער פינסטערקייט עפּעס אַריינגענאָסען... „אַ מציאה געפּאַקט — זיינע מסחרים, ס'האָט געפעהלט נאָך אַ פגירה אין שטאַל, האָט שוין לאַנג מיט מרדכי מאַנטיל קיין

געשעפטען געהאַט. וועט פֿאַרעסען דאָס פֿערד מיט דער בהמה".
— און ווידער איז שטיל...

דער טאַטע האָט ניט באַלד געענטפֿערט, שטילערהייד געזאָגט „ויאמר־דוד..." „עלינו", ווי ער וואָלט זיך איבערלעגט וואָס זאָל ער זאָגען, און אפשר האָט ער געמיינט גלאַט פֿאַר־רייבען דאָס מיט שווייגען. דערנאָך האָט ער אָנגעהויבען ווייך, פֿאָרזיכטיג: דו ווייסט דאָך ניט וואָס פֿאַר אַ פֿערד דאָס וועט זיין, בעטראַכט נאָר די קנעכעל, די ברוסט — נו איך קאָן ניט. איך ווייס אַליין ניט, איך האָב איהם אין מאַרק דערזעהן בין איך אַ פֿאַרקאָכטער געוואָרען. „זיי" ווייסען וואָס אַ פֿערד איז? מלמדים קאָנען זיי זיין, קינדער דאַרף מען זיי געבען... נו, זאָג אַליין, לאָזט מען אַזעלכעס פֿאַרקויפֿען אויף דער פֿעל?... וואָס האַרט דיר; זאָל ער זיך וואַלגערען, אויף קעסט וועט מען איהם ניט אָנדינגען, די שעפֿלען וואָס דיין בהמה די יחס'נטע שטעלט אָב — מ'וואַרפֿט אַרויס און מ'האָדעוועט אַ וועלט מיט חזירים — וועט פֿאַר איהם גענוג זיין...

מיר האָבען דעם טאַטענס חשבונות ניט פֿערשטאַנען, דער מאַמען גאָרניט געוואָלט פֿערשטעהן. אונז האָט די גאַנצע געשיכטע עפּעס מאָדנע הנאה געטהון. אַ קליין לאָשאַקעל, אונזערס אַנ'אייגענם — ביי אונז אין שטאַל, און אַזאַ שענער — ווייס מיט שוואַרץ. מיר האָבען זיך אַלע אויף דער באַנק, וואָס ביי'ן פֿענסטער צושטעלט, אַרויסגעקוקט דורך דער פֿאַרנעבעלטער שויב אין גאַס אַריין. עס איז שוין נאַכט, און אין דעם נרויען נעבעל טרייסעלט זיך אַ קליין, מאָגער, ליעב נפש'ל. קלאַפּען מיר אונטער איינער דעם אַנדערען מיט דעם עלענבויגען, שמעלצען זיך שטילערהייד פֿאַר שמחה: זעהסט ס'רא קעפּעלע, ס'רא דינינקע פֿיסעלעך, און די אויגען אַזוי גרויס און גראָה ווי ביי יוסף מאיר מיין אַלטען רבי...

דער טאַטע האָט פֿערבויגען דעם מעריב, און באַלד זיך גענומען מאַכען פֿאַר איהם אַנ'אָרט אין שטאַל, משיג גבול געווען אַ ביסעל דער בהמה, דעם פֿערד. און ער איז געבליבען אונזערס.

די מאַמע האָט נאָך אַביסעל געברומט אונטערען נאָז, דערנאָך האָט זי אָבגעווישט די ליפּען און געמאַכט אַ שוויג. זי האָט

פערשטאנען, אז זי וועט זיך צופיל איינעסען, וועט דער טאטע פון די אנלאבליעס ארויסשפרינגען... און אלץ וועט דערנאך אויסגעהן צו איהר קאפ...

---

אז ער איז געווארען אונזערער טאקע אויף אנ'אמת, (אין אנהייב האט זיך אונז ניט געגלייבט, עפעס האט אין אונז געשראקען: ווער ווייס, טאמער...) האט מען אנגעהויבען קלערען וואס פאר א נאמען מ'קאן איהם געבען. עפעס א שענעם, א פאסענדען נאמען... יעדער האט עפעס אנדערש פארגעלייגט — דער ברודער זעליג (ער האט שוין געהאלטען ביי חומש מיט רש"י) האט ארויסגעדרונגען, אז אזוי ווי ער זאל געזונד זיין, איז געפלעקט, און לבן הארמי האט אבגענארט דעם זיידען יעקב אבינו, מיט געפלעקטע, סערע, רויטע און ברוינע שאף, איז דעריבער דארף מען איהם א נאמען געבען לבן הארמי.

— לבן הארמי! האבען אלע אויפגעחאפט.—אי, לבן הארמי. א שענער נאמען טאקע פון חומש — — — דעם טאטען איז ער אויך געפעלען. די ווינטערדיגע סדרות, פלעגט דער טאטע וויסען כמעט אויף אויסען-ווייניג. אלע מעשות: די זיבען מלכים מיט'ן מלך סדום, אין לאנד איז געווען א הונגער, אברם (אזוי האט ער נאך דאן געהייסען) איז אנטלאפען קיין מצרים, האט דער מוטער שרה בעהאלטען אין א „קאסטען”, געמאכט א באגאזש... יצחק האט געבענשט יעקב'ן אנשטאט עשו'ן —אבגענארט דעם אלטען שפאק... יעקב איז אנטלאפען, לבן האט איהם שען אויפגענומען, זיך געקושט, — א גאנצער גאסט — „האט געהאט אלטע מיידען”... האט איהם פערביטען לאה פאר רחל'ן — ציגיינערשע שטיק... דערנאך האט ער איהם געוואלט מאכען א מחק אין די שעפסען, וועלכע ער האט נעבאך כשר פערדינט — פג. אט אזוי טוהט מען אנ'איינגענעם אנ'עלענדען אין דער פרעמד? חברה, שטענדיג איז געווען שווינדעל... און נאך און נאך אזעלכע מעשות.

אין די לאנגע ווינטערדיגע פרייטאג-צונאכטס'ן. פלעגט דער טאטע נאכ'ן עסען אביסעל איבערדרימלען, דערנאך אויפשטעהן אויסרייבען די אויגען און געהן אין אונזער — די קצב'שע — שוהל'כעל, הערען דעם רבי, אלעזר דעם מלמד, חומש זאגען...

אז ער האט דערהערט לבן הארמי, האבען זיך איהם געשטעלט טרערען אין די אויגען. ער האט זיך געוויס אן עפעס דערמאנט. נו, פון מיינעטוועגען, זאל זיין לבן הארמי... און איבער'ן גאנצען פנים האט זיך א צופרידענער, לייכטער שמייכעל צוגאסען — ווען ער זאל זיך ניט שעמען, וואלט ער געהאפט און אונז אלעמען פאר פרייד אויסגעקושט...

---

פון יענעם טאג האט זיך אנגעהויבען א סדרה לבן-הארמי, לבן הארמי געגעסען, לבן הארמי געטרונקען, לבן ארמי — לבן ארמי.

— וועה איז מיר, ווי אן טויט פארגעסען. פון אין דערפריה, שטעהט לבן אהן א טרונק! —... אלע מינוט ברענגט מען איהם עפעס אנדערש: דער א שטיקעל ברויט, אביסעל געקעכטס, קרופניק, בארשץ, א שטיקעל בייגעל פון מיט-זיך. יעדער האט איהם געגלעט, געבארשט, געקעמט. און ער האט זיך אזוי צוגעוויינט צו אונז, אז ער פלעגט עסען פון האנד. פריהער שמעקען, בעטראכטען, איבערקלויבען מיט די ליפען, פראפ... פלאפ... פלאפ... ווי ער וואלט ווערעמדיגען ארבעס געקליבען, דערנאך א חאפ ארייך, פאר ז׳שמורעט מיט איין אייג׳ל, און ער קייט שוין...

מיר האבען איהם אלע שטארק ליעב געקריעגען; וואו א ליידיגע מינוט, האט מען פערבראכט אין שטאל, זיך געשפילט, געשמועסט מיט איהם ווי מיט אונזער'ס א גלייכען. מיר זענען געווארען אזוי צוגעבונדען צו איהם. דער עיקר דער טאטע. ער שטעהט נאר אויף אין דער פריה, גיעט ער אריין איבער די אויגען, און נאך פאר נעגעל-וואסער — ער איז שוין אין שטאל. מיר דאכט זיך, אז ווען ער זאל זיך ניט שעמען און עס זאל זיך ווענדען אן איהם, וואלט ער אין בענשען ביי „אותי ואת אשתי ואת זרעי” צו געשטעלט „ואת לבן הארמי”, זאל זיך האלטען און געזונד זיין...

---

אין גאַם האָט מען אָנגעהויבען פֿיעל רעדען וועגען איהם; לייט האָבען געזאָגט, אַז ביי אונז אין שטאַל וואַקסט אַן עשירות, אַ ק"ן רובלדיגער פֿערד... אַנדערע האָבען ניט פֿערגונען, געשאָלטען; „אַ מזל! געקויפֿט אַ פּגירה, פֿאַר אַ האַלבען רובל, און וועט אויסהאָדעווען מיט אַ גאָרניט — אַ שאָלעכטס פֿון אַ קאַרטאָפֿעל, אַ לעפֿיל קרופּניק — און עס וועט אויסוואַקסען אַ פֿאַרמעג מיט געלד!"

געזעהן האָט איהם דעם גאַנצען ווינטער קיינער ניט. דער טאַטע האָט אין שטאַל קיינעם ניט אַריינגעלאָזען, געהיטען דעם טוּער — אַריינגעגאַנגען און באַלד נאָך זיך צוגעמאַכט, ווי ער וואָלט מורא געהאַט פֿאַר אַ צוג-ווינט'ל. נאָר עס האָט זיך געפֿיהלט, אַז דאָרט — אינעווייניג איז אַ טיעפֿער סוד באַהאַלטען, וועלכער איז פֿאַר אונז, אַזוי נאָהנט און טייער. און ניט וועלענדיג פֿלעגט דער סוד דורך די וועגד פֿון שטאַל אַ דורך-דרינגען, און אין גאַס אַריין... און פֿערבייגעהענדיג פֿערקלענערט מען אונגערען דעם טראָט. מען הערט זיך צו צום שטאַל. די שטומע וועגד רוימען עפּעס איין, דערצעהלען, זאָגען וואָס. קיינער פֿערשטעהט ניט די שפּראַך, און דער סוד ווערט נאָך טיעפֿער, געהיימער, נייגעריגער, ווער ווייס וואָס דאָרט, אויף יענער זייט, טוהט זיך?...

---

אויף זומער איז ער שוין געווען אַ היבש פֿערד'ל. אַ שענע אָנגעוואַקסען גזיבקע, און דער ווידיל, עטוואָס געגרייזעלט, דערלאַנגט אַזש ביז אונטער די קניע... אַז מ'האָט איהם דעם ערשטען מאָל אַרויסגעלאָזען אין דרויסען אין אַ וואַרעמען ליכטיגען פֿריהלינגס טאָג, איז געווען אַזאַ שמחה, פּונקט ווי בעת רבקה'לע האָט אָנגעהויבען אַרומלויפֿען מיט די קליינע, קרומע פֿיסעלעך...

ער האָט געמאַכט אָנשטעלען, געשטיפּט, פֿערריסען דעם עק, און זיך געגעבען אַ ציה אויס איבער'ן גאַס מיטען בויך צו דער ערד, אָט אָט מיינסטו, זעצט ער זיך... און אַ וועק העט ווייט ווייט... באַלד קומט ער צוריק, קוקט זיך אַרום, באַטראַכט אַלעס מיט אַ לייכטען און פֿרייען בליק, וואַרפֿט זיך איבער מיט'ן טאַטען מיט אַ וואונק, ווי ער וואָלט פֿרעגען, הא? וואָס? מ'

קאָן ? ... און בעקומענדיג אַ געוואונשענעם ענטפער, האָט ער זיך ווידער אַ לאָז געטהון, געוואָרפען, געפּיצט מיט דעם קעפּעלע, פריי געהירזשעט, ווי ער וואָלט געמיינט צו זאָגען: קימט! זעהט! ס'ראַ ליכטיגע וועלט אין דרויסען... אַזוי ליכטיג, לופטיג, זאַפטיג און פריי — פריי —.

דער טאַטע האָט געשמאָלצען, אַריינגעקלאַפּט אין פענסטער: „ביילע, ביילע! גיכער קוק נאָר אַרויס, ווֶעסט הנאה האָבען", און געשמייכעלט אַזוי ברייט עפּנענדיג דאָס מויל, און דאָס גאַנצע געזיכט האָט איהם געשיינט פאַר פרייד.

קינד און קייט האָט לבן נאָך זיך אין גאַס אַרויסגערופען. אלע זענען אַרויס, זיין בייז וואונדער זעהן. יעדער האָט עפּעס אַנדערש געזאָגט, גענעסען איהם מיט די אויגען, און וואָס זיי האָבען אין האַרצען געוואונשען... האָט זיי געמוגט האָטש די העלפט געשעהן...

בעלי־עגלות האָבען איהם בעטראַכט, געמאָסטען מיט'ן אויג. זיך גע'מבינ'ט, פאַראויס געזאָגט, געפּייפט און צוגעחוישצעט מיט די ביי צען...

און לבן, פונקט ווי ער וואָלט וועלען ערשט די גאַנצע וועלט איינשלינגען, אַלעם איז איהם ווייניג. ווי ער וואָלט מיט אַמאָל פליגעל בעקומען, און ער וויל פליהען, שוועבען, מיט די קאָפּיטעס די ערד נישט אָנריהרען. און דאָס גאַנצע קונדייסערייַ און ווילדקייט, וואָס דער יונגער, פלינקער און שלאַנקער קערפער האָט דעם גאַנצען ווינטער אין זיך פערבאָרגען, האָט זיך ערשט מיט איינמאָל אַרויסגעריסען און די גרענעצען אריבער.

געענדיגט האָט זיך דאָס אַביסעל קאָמיש און טרויעריג.

לייפענדיג, האָט ער מיט די צייהן אַראָבגעחאַפּט פון פעשע ביילעס פלייט אַ קליין קינדער־קישעלע, וועלכע זי האָט אויפגעהאַנגען צום טריקענען, געוואָרפען מיט דעם קאָפּ, הין און צוריק, אַרויף און אַראָב, ווי ער וואָלט איטעצען אַרויסגערופען: היי! דו יאָלד! וואָס האָסטו זיך דאָרט בעהאַלטען? קום אַרויס וועלען מיר זעהן ווער פון אונז איז שטאַרקער... באַלד איז אין קישעלע אַ לאָך געוואָרען, און די פעדערען האָבען זיך אַזוי לייכט און פריי, איבער'ן גאַס צוטראָגען. האָבען איהם איבערגעיאָגט, און דער הויך צולאָפען — ווי זיי וואָלטען זיך מיט איהם אין אַ

שטיף אַרײַנגעלאָזען — אַ נו, ווער וועט וועמען איבעריאָגען ...

אין גאַס איז געוואָרען אַ טומעל. פּעשע בײַלע ברעכט די הענד, מאַכט גוואַלדען און שעלט שטילערהייד .. אין גאַס וויל מען איהם פֿערהאַלטען, פֿערשטעלט מען איהם די וועג, צו־שפּרייט מען די פּאָלעס — טפּר, טפר, טפּר, מ'לאָזט איהם פֿאַר'ן נאָז אַדורך — און מ'האַלט זיך בײַ די זייטען לאַכענדיג.

און אַז מ'האָט זיך גוט אָנגעמאָרדעוועט, און ער האָט די גאַנצע פֿעדער'ן געהאַט אויסגעזועהט — איז געלונגען איהם אַרײַנ־צו קריגען אין שטאַל ...

---

פֿון דעם טאָג איז ער ווי מיט אַמאָל אויסגעוואַקסען, שוין כמעט אַ פֿערד ... די קינדער האָבען אָנגעהויבען זײַן פֿאָרזיכטיג: געבען אַ שטיקעל בייגעל, קוקען איהם גלײַך אין די אויגען און חאַפּען באַלד צו די האַנד. דער טאַטע האָט איהם אָנגעטהון אַ צײַמיל, וואָס ער האָט אַלײן אויפגענייט פֿון אַלטע לאַבעדריקעס, און אָנגעהויבען פֿיהרען איהם צום ברונעם אָנטרינקען, ווי ער וואָלט זאָגען: איך האָב שוין מעהר קיין כח נישט צו שלעפּען וואַסער פֿאַר דיר אין שטאַל, דו ביסט ניט קלײן אַלײן אַ דורכ־שפּאַצירען זיך צום ברונעם... און לבן פֿלעגט, קאָקעט פֿערדרײסען דעם קאָפּ, זיך אַרומקוקען אין אַלע זייטען, בעטראַכטען וואָס אַרום טוהט זיך, זיך געבען אַ שטעל דיבאָם: אויף די פּאָר הינטערשטע פֿיס, ווי ער וואָלט געקלערט, אַ נו... אויף אַ שציי־קאַוואַסט, ווער איז העכער? דערנאָך גראָבט ער מיט אַ פֿע־דערשטע פֿוס די ערד, וואָס אַרום ברונעם, שפּריצט אַרויף אַ קלײן פֿערגרינט לוזשקע, וועלכע טריקענט קײנמאָל ניט אויס, פֿאַרשפּריצט דעם טאַטען פֿון קאָפּ ביז די פֿיס. טרינקענדיג גריזעט ער דעם עמער, די דושקע, מיט די ווײַסע און שטאַרקע צײן, גיעט איהם אַ הייב אויף אין דער הויך, אַ טרייסיל אין דער לופט און אַ וואָרף אַ הין אַזש אויף יענעם זייט ברונעם, אַז עס בלײַבען פֿון איהם נאָר די קלעפּקעס.

דער טאַטע אַז ער קומט אין שטוב, נאָך דעם ווי ער האָט לבנ'ן אין שטאַל געבראַכט, אויף זײַן אָרט צוגעבונדען, ווישט ער אַרום מיט'ן האַנדטוך דעם פּנים, די זאַכען און קאָן זיך ניט

איינהאַלטען. דערצעלט מיט פערגעניגען: — דו ווייסט, לבן האָט אויסגעטרונקען אַ גאַנץ עמער און נאָך אַביסיל. — „זאָל איהם זיין צו געזונד", ענדיגט די מאַמע.

---

פון טאָג צו טאָג, איז ער געוואָרען גרעסער, שטאַרקער און שענער. אין שטעדטיל האָט מען אָנגעהויבען פיעל ריידען וועגען איהם. מבינים האָבען געזאָגט, אַז ער וועט אריין אין די גדולות. אַ לאַנגער שלאַנקער קערפער — אַ שיך־פאָרמיגער רוקען, הויכע און צאַרטע פיס. די ברייטע געטאָקטע לעבעדיגע האַלז מיט דעם קליינעם פירקאַנטיגען קעפּעלע. געווען שטיפעריש, ריזרעוודיג, אומגעדולדיג און פול מיט לעבען. וועלוועלע יצחק'ס האָט פאָראויס געזאָגט ווי לאַנג און ווי הויך ער וועט אויסוואַקסען, אפילו וואָס פאַר אַ טראָט ער וועט האָבען, און וואָס פאַר אַ נאָמען די פריצים רופען אַזאַ האַלז, אַזא קעפּעלע. דאָס איז אַ פריצים פערד...

איינמאָל אין אַ שענעם ליכטיגען נאָך שבועות פריה־מאָרגען, איז צו אונזער שטוב דער אַלטער גראַף צוגעפאָהרען. אַ נריי גראָהער אַלטער מיט ווייסע באַקען־בערד — אַ גרויסער ליבהאָבער פון פערד. און זיצענדיג אויף דער ברימשקע האָט ער דעם טאַטען פון שטוב אַרויסגערופען: איך האָב געהערט, — זאָגט ער — אַז דו האָסט אַ גוט פערד, וויל איך אַקוק טהון...

ניט געאיילט, מיט קליינע לאַנגזאַמע טריט איז דער טאַטע צום שטאַל אַוועק. ווי ער וואָלט זיך איבערלייגט: וואָס ווייזען איהם? — און אפשר ניט...

אָדער גלאַט, ער איילט זיך ניט: איך האָב צייט, אַז דו ווילסט קאָנסטו צוואַרטען. נישקשה מ'מעג אויף איהם וואַרטען אַביסעל. ער האָט ברייט געעפענט דעם טויער, גענומען לבנ'ן מיט ביידע הענד און אַרויסגעפיהרט אויפ'ן הויף...

דער גראַף איז פון ברימשקע אַראָבגעשפרונגען, איהם אַנטקעגען געלאָפען, ווי ער וואָלט אנ'אַלטען גוטען פריינד, נאָך אַ סך יאָהרען, פּלוצלונג אומגעריכט ערגעץ וואו געטראָפען; האָט מיט דער האַנד פון אויבען אַראָב איבער דער פּלייצע אַ דורכגעפיהרט, מיט ביידע הענד דעם עק אַ ציה געטהון, דערנאָך דאָס

קעפּעלע בעטראַכט, אין די אויגען אַרייַנגעקוקט, דעם האַלז אַרומגענומען און ליעבּליך געגלעט, געפּאַטשט, ווי עס וואָלט אַ פאַרבלאָנדזשעט קינד, וועלכען מ'איז שוין מיעד געוואָרען זוכענדיג, זיך צו איהם צוריקגעקעהרט. און ער נעהמט איהם אַרום, גלעט איהם, און שטראָפט איהם: קינד מיינס, געוואָלט פערגעסען אַן אַלטען, אין אַ צובראָכענעם שאַרבען, אין גאַנצען פון די גערדאַנקען אַרויסגעלאָזען. אַך, דו שטיפער...

דער טאַטע קוקט איהם אָן, רייַטילט זיך, און האָט די אויגען ניט וואו אַ הין צו טהון, ווי ער וואָלט זאָגען: ליעבער גאָט איך בין דיין חסד ניט ווערט, צו פיעל גענאַד האָסטו געטהון מיט דיין קנעכט...

דער גראַף איז פון לבנ'ן אַביסיל אָבגעגאַנגען, ווי ער וואָלט זיך וועלען אין איהם אייַנשפּיגלען, איז צוריק צוגעקומען, ענטציקט געדרעהט מיט דער קאָפּ. דערנאָך האָט ער זיך געווענדעט צום טאַטען: ווילסט איהם אפשר פערקויפען? קאָן איך דיר אָבציילען פאַר איהם צוויי יעקאַטערינעס.

ער האָט דעם טאַטען טיעף אָנגעקוקט און איז געבליבען וואַרטען...

דער טאַטע איז געוואָרען צעטומעלט, בלייַך, די הענד האָבען איהם אָנגעהויבען ציטערען, אַז ער האָט קוים דאָס צייַטיל אייַנגעהאַלטען — דאָס וואָרט צוויי יעקאַטערינעס האָט איהם איבעררוּשט, פון די געדאַנקען אַראָבגעשלאָגען.

דער יצר-הרע שטופּט: פערקויף, פערקויף, האַלט ניט אַזעלכע פערד אין שטאַל. אַ יוד טאָר ניט. דו קאָנסט פאַר דעם געלד דריי-פיער פערד קויפען מיט געשפּאַנען, וועסט שמייסער'ס צו נעהמען, אָננעמען דעם פאָדראַד צו שטעלען זאַמד מיט שטיינער צום שאָסיי, אין אַ פּאָר יאָהר ווערסטו אַ נגיד, קומסט צו געלד, זעהסט, אַז דיר שיקעוועט זיך דעם בעל-עגלה'שען פעלציל אַראָבוואַרפען, און ווערען אַ מענש, אַ בעל-הבית מיט לייַטען גלייַך, גאָט ווייס וואָס מאָרגען וועט זיין. אַלע ווייסען, אַז דו האָסט אַזאַ פערד אין שטאַל. שונאים בייסען זי די פינגער אָב, לייַט האָבען אַזעלכע גרויסע אויגען, זאָל זיי נאָר אַרויסקריכען, מ'וועט איהם מיט די אויגען אויפעסען...

און דער גוטער מלאך רעדט אַזוי ווייך און הערצליך: פער-

קיין ניט! א רחמנות, נאך אזוי יונג, די מילך אויף די ליפען, ווער ווייס וואוהין ער פאלט אריין, און די שטאל וועט זיין ליידיג... וועסט זיך קיין ארט געפינען, די גאל זיך אויסעסען, אזא ציערונג פערטריבען פון שטאל..

ווילסט איהם דוקא פערקויפען, נו גוט, וועסט דאך ניט פערשפעטיגען, א פערד ווערט דאך ערשט טייערער ניט וועלוועלער. א גרויסע זאך. האסט ניט געזעהן, אז מ'נעהמט פאר א פערד דריי-פיער און פינף הונדערט — וואס, זאג אליין, ניט אמת? —

לבן איז צושראקען פון דעם גרויסען עולם, וואס האט זיך ארומגעקליבען, הוידעט, רייסט זיך, קאפעט מיט די פים, שטעלט אן די אויערען, ווי ער וואלט זיך צו עפעס צוגעהערט. קוקט שטרענג און בייז ארום זיך — בעמערקט דעם טאטען ווי ער שטעהט דעם קאפ אראבגעלאזען, גראבט אין איהם טיעף די בלי־קען איין, פונקט ווי ער זעהט איהם צום ערשטען מאל, אדער ער וויל איהם פרעגען: הא, וואס? דאס איז די גאנצע ליעבע? פאר צוויי יעקאטערינעם איז ביי דיר רעכט דער טייוועל ווייס וועמען אוועק צו געבען.

דער טאטע האט זיך געמאכט מוט, אויפגעהויבען דעם קאפ, און ווי ער וואלט פון דער ערד ווערטער אנגעשעפט האט ער ארויסגעזאגט.

ניין! איך וועל איהם ניט פערקויפען. זאל ער געזונד זיין און זאל ער זיך וואלגער'ן. אנ'ארט און עסען וועט זיך נאך פאר איהם געפינען...

---

מיט א מאל איז ער אונז געווארען פיעל טייערער — ליעב און נאהענט ווי אנ'אויג אין קאפ. דער טאטע האט אויפגע־הערט נעכטיגען אין שטוב, אויף גיך אבגעגעסען די וועטשערע און אוועק שלאפען אין שטאל. זיך פערריגעלט פון אינעווייניג מיט א ריגעל, פערלייגט א שטארקע, אייזערנע קייט.

אויף ביי טאג, ווען ער דארף פון דער היים אבפאהרען, האט ער געקויפט א גרויסען ענגלישען שלאס פאר אכט גילדען און איהם אויפגעהאנגען אויף דעם שטאל, און באלד נאך מיטאג, ווי די זון הויבט נאר אן אראב צו זעצען זיך ציהט איהם שוין

ווערט ער אומרוהיג און ער אײַלט זיך ביז פֿאַרנאַכט אַנצוציהען אַ היים.

אויף בײַנאַכט פֿאָהרט ער פֿון שטוב ניט אַרויס, מ'זאָל איהם אַפילו אָבגילטען. טאָמער קומט ווער דינגען די פֿוהר אויף בײַנאַכט, דאַכט זיך איהם, אַז דאָס איז אַנ'אָנגעשטעלטע זאַך, חברה ווילען איהם פֿון דערהײם אַרויסנאַרען...

עסען פֿלעגט ער איהם געבען אַלײן. האָט קײנעם ניט צוגעלאָזען: די בעסטע גראַנדאָווע הײ, אין דער פֿריה און אויף דערנאַכט; בײַטאָג אַ האַלב טאָפּ האָבער מיט סיצקע — גוט אַ דורכגעמישט, פֿאָרזיכטיג דורך די פֿינגער אַ דורכגעזיפּט — עס זאָל זיך דאָרט וואָס ניט געפֿינען, צו דער צײַט און דער מינוט, ווי אַ טײַערען חולה די רפֿואות...

און געפֿיהלט האָט מען זיך עפּעס אַזוי פֿעסט און שטאָלץ: דו פֿערמאָגסט דאָך ניט מײַן מיסט — וואָס מײַן לבן, אָהן עין הרע, איז ווערט קויף איך דאָך אַזעלכע דרײַ־פֿיער שפּאַנען, ווי דײַנע מיט פֿערד און וואָגען לײַטער, חאָמאָנטען, אוזוועס — אַפילו מיט די זאַטיצקעס...

---

אויף איבער אַ יאָהר נאָך פּסח, האָט מען אָנגעהויבען לערנען לבנ'ן אין שפּאַן. עס איז בײַ אונז געווען אַזאַ שמחה, ווי ס'וואָלט אַ יונגעל אַ בר־מצוה געוואָרען, און זאָגט די אמת'ע דרשה, אָדער מ'האָט דערלעבט מיט אַ טאָכטער תנאים שרײַבען...

בעל־עגלות פֿון שטעדטיל זענען צונויפֿגעקומען, געהאָלפֿען איהם אָנטהון, אײַנשפּאַנען, געלערנט, געוויזען, גע'עצה'ט, נאָר ניט געשלאָגען, עס הויבט זיך ניט די האַנד. לבנ'ן שלאָגט מען ניט — געגלעט, געלאַשצעט, געשמועסט, אײַנגערעדט. נאָכגעגעבען אַלע משוגעת'ן, קאַפּריזען — ווי אַ משוגע'ן ציטעריג קינד. און אַז ער איז געווען אײַנגעשפּאַנט אין גרויסען בעל־עגלה'שען וואָגען, געשטיפּט, געדרעהט זיך אין די אָגלאָבלעס, האָט ער אַזוי מאָדנע אויסגעזעהן, ווי אַ בילד־שענע גר עפּין האָט פּלוצלונג פֿון דער העלער הויט אַ ספּאָדניצע אָנגעטהון און אַ גרויסע פּויערשע פּאַטשײַלע אויף דעם קאָפּ אַרויפֿגענומען...

דעם גאַנצען זומער האָט מען איהם געלערנט. אַמאָל, אין

א גוטער וועג, צוגעפאהרען אין א דארף נאך א בינדטל היי, צוגעשפאנט צום ארטציק, צו דער אלטער, גרויסער שקאפע, ווי להבדיל, מ'נארט אריין א קינד אין חדר אויף א שעה צוויי ביז מיטאג, ביסלעכווייז, געוויינט עס זיך איין, און עס געהט...

אז עס איז געקומען צו ווינטער, אויף אלץ איז געווארען אזא יקרות, צוויי פערד האלטען איז אונמעגליך, האט דער טאטע ניט געוואוסט וואס צו טהון. פערקויפען? — רייסט דאס הארץ, אזא שענהייט, און אזוי פיעל כוחות אריינגעלעגט אין דעם. לאזען איהם? ווי נעהמט מען אזעלכעס אין גרויסען וואגען אריין: צו די בלאטעס מיט די רעגענס...

דער סוף איז געווען אז מ'האט לבנ'ן אבגעשטעלט. דער אלטער שקאפע האט דער טאטע פערקויפט פאר 12 רובל. (זי האט שוין ניט געהאט קיין ברעקיל פום) — האט פאר די געלד ארויפגעלייגט אויפען בוידעם צוויי גוטע פוהרען גראנדאווע היי — און אויף אנ'אמת געגומען לבנ'ן אין וואגען אריין — — —

אז דער טאטע פלעגט זיך זעצען ערגעץ פאהרען מיט עמיצען, פלעגט איהם באלד בעפאלען א מאדנער חשק. יענער זאל וויסען, מיט וואס פאר א פערד ער פאהרט, און ביי דער ערשטער געלעגענהייט מאכט ער: איהר ווייסט? אט דער העזיל איז דאך נאך קיין דריי יאהר ניט אלט; נאך פאריאהרען האט מען מיר געוואלט פאר איהם צוויי הונדערטער אבציילען, ווי איהר זעהט מיר א יודען, און ער זאל מיר אזוי געזונד זיין. ווי ער וואלט וועלען זאגען: וואס בין איך עפעס א שטייסער יונג, איך פערקויף ניט די נשמה פאר א ביסעל האבראק, פאר א שווארען פון וואגען...

שכנים אין גאס זענען געבליעבען צופריעדען וואס לבן איז ביי אונז, און דער טאטע פאהרט מיט איהם. ווי ער וואלט יעדען א שאד געוועזן, שווער זיך צו שיידען מיט איהם. און גלאט טוהט יעדען הנאה, אז א יוד פאהרט מיט קיין עין הרע א שענעם פערד...

---

פון דער נאטור איז לבן געווען א רוהיגער, אפט א פערקלערטער. שטעלט אן די אויערען, פערגאפט זיך אויף עפעס, ווי ער וואלט זיך וועלען אן וואס דערמאנען...

א גלייכער און א לאנגער טראט, איין פוס אין דער אנדערער, נעהמט ער פון ארט גלייך. פריער אביסעל זיך צוריקגעזעצט, זיך אנגענומען מיט קוראזש, מיט אימפעט, א גאס אן געגעבען די ביידע אויגען, א נעהם פאראויס און אוועק ווי ניט איהם מיינט מען. האט מען געקאנט אנוואליען אין די לייטערס דעם טייוועל אין דער קאפאטע, ס'רא דאגה האט ער, ווילסט וויאלען וויאליע — — — האט קיינמאל ניט גענומען אן אזייט, נישט ארויס פון קאליע, נישט געמאכט קיין העויות, קונצען; נישט געוואוסט פון רייסען, קאפען, ברעכען, סנאסטען — — איז געגאנגען ווי אנ'אלט פערד — — נאר א קאפריזנער, א האנאראווער, ער לאזט זיינס ניט א דורך... א הויך ווארט, אהא, סטאפ —! ער שטעהט שוין, ריהרט זיך ניט פון ארט האטש ברען איהם. ביז מען מוז אראב פון וואגען, איהם א גלעט טהון, איינרעדען, איבערבעטען, צולאסצען איהם. ערשט דעמאלט געהט ער אוועק, האפט יעדעס מאל א קוק אין וואגען, ווי איינער זאגט — זעהסט! מיט גוטען מאכט מען מעהר ווי מיט בייזען...

קיין בייטש האט ער קיינמאל ניט אנגעזעהן. ער ווייס ניט דעם טעם דערפון. לבן האט בטבע פיינד בייטשען... און איינשפאנען פלעגט איהם מוזען שטענדיג דער טאטע, קיין פרעמדען לאזט ער ניט צו...

חברה האבען איהם געוואלט אמאל אריינגנארען, האט וועלוועלע־יצחק'ס גענומען און אנגעטהון דעם טאטענס לייבעל, די היטעל, אויפגעשטעלט דעם קאלנער, אבגעבראכען א שטיק פון דער שבת'דיגער חלה און איז צו איהם צוגעגאנגען — לבן האט געגעסען, זיך צו געחאפט צו דער חלה, זיך געלאזען אנטהון דעם האמאנט, די שלייהעס, אריינפיהרען אין די אגלאבלעס און גענומען שפאנען...

אז ער האט געהאט אויפגעגעסען די חלה האט ער זיך אומגעקוקט און בעמערקט, אז דאס איז א פרעמדער, האט ער געגעבען א פארלייג די אויערען צו דער פלייצע צו, פערזשמורעט ביידע אויגען... א חאפ געטהון מיט די שטארקע ציין פאר איין ארביל, איהם אבגעפליקט — און א לויף ארויס געגעבען פון שפאן...

אין דעם יאָהר האָט זיך אָנגעהויבען דער מיאַטעזש — דאָס גאַנצע שטעדטיל איז געווען אין איין שרעק, יעדען טאָג געזעהן דעם טוידט פאַר די אויגען, געשטאָרבען און תחית־המתים אויפ־געשטאַנען.

ביים גראַף פלעגען יעדע נאַכט זיין פּאָליאַקען, אָננעמען היי, האָבער, עסען, די בעסטע פערד און בריטשקעס — און אַוועק...

דערנאָך ווערט אַ טומעל: „די רוסען געהען!" און באַלד ווייזט זיך פון וואַלד אַרויס אַ ראָטע זעלנער, פערמאַטערט, פער־קאָרושעט. פרעגען דעם ערשטען וועמען זיי טרעפען אין מאַרק — קודאַ?... דער עולם קוועטשט מיט די פּלייצעס, מ'הויבט גאָרניט אָן צו וויסען... אָדער מ'מאַכט זיך ניט פערשטעהן. רייד צו איהם, ענטפערט ער בזידעם... אַ ניט, איז פערביי דאָס שטעדטיל, באַלד קומט אָן דער „רויטער־האָן"... און אַוועק אַלע מיט די טאָרבעס...

אַנדערע זענען גליקליך געוואָרען. אויף חיים דעם שמיר האָט מען געזאָגט, אַז ער פערדינט די פּאָליאַקען זייער געוועהר שיט ער רענדלעך אין פלעשער און פערגראָבט דאָס אין גאָרטען.

מרדכי דעם געהער האָט מען ערגעץ געפּאַקט מיט אַ בריעף, וואָס אַ פּריץ האָט איהם מיטגעגעבען, ווייס מען עד היום ניט, וואו זיין געביין איז אַ הין געקומען — — — ביי סימען דעם סטאַר־שינאַ. האָבען די פּאָליאַקען געוואָלט די דריי־יעהריגע שווערעביצע צונעמען, האָט ער זיך געקרימט — געזאָגט האָט ער גאָרניט, האָבען זיי איהם אַרויסגענומען פון שטוב אין גאָרטען אַריין, צו־געפיהרט און אויפגעהאַנגען אויף אַ יונגען עפּעל־בוים, צוגענומען די שווערעבצע און אַוועק...

אַז די זעלנער קומען, רוהען זיי זיך אַביסעל אויס, חאַפּען פוהרען און יאָגען־נאָך, אין דער זייט וואָס עס ווייזט זיי ווער אָן. מאַנכעס מאָל בלייבען זיי נעכטיגען. צושטעלט זיי ליב דער סאָטסקי אין יעדען שטוב צוויי־דריי — מאַכען זיי סקאַנדאַלען. מיידלעך און יונגע ווייבלעך ווערען ניט, טריקענען מיט אַמאָל אויס. ווערען זיי אַליין בעלי־הבתים, עסען אויף וואו עס איז דאָ אַביסעל וואַרענעס. מאַלענאָווען סאָק, ווישניאַק, אַ טרוקענע באַר. און פרייטיג צונאַכטס עפּענט מען אויף די טשאָלנטען, אין דער

פריה שמײַסט מען אָב אַ פּאָר יודען און מ'לאָזט זיך אין וועגאַרײַן ...

אַז זײ דאַרפען אַוועק פון שטאָדט, נעהמען זײ פוהרען ווײַפיעל מען טרעפט אין גאַס, ווײַטער נעהען זײ פון שטוב צו שטוב, צו בעלי־עגלות, מילנער, בעלי הבתים, וואָס האָבען פערד; הײַכען אײַנשפּאַנען, זעצען זיך אָן וויפיעל דער וואָגען קאָן אָנ'נעהמען, בוכען אין פלײצע, פּאַהאַנײ!!!

אויפען וועג טרעפט מען אַ דורכפאָהרער, אַ בעל־עגלה, אַ פויער, קעהרט מען אַלעם פון וואָגען אַרויס, מען זעצט זיך אָן און מ'הײסט פאָהרען ...

ווער עס האָט אַ יונגען, אַ גאַנצען פערד בעהאַלט איהם; ווער אויפען בוידעם, אין אַלקער, ווער עס פאָהרט אָב מיט איהם ערגעץ וואו אויף אַ פּאָר שעה ... און אין די שטאַלען בלײַבען אַלטע קאַליקעס, וואָס האָבען שוין לאַנג אָן די פּיס פערגעסען ...

לבנ'ן האָט דער טאַטע קײנמאָל ניט געפּרובט בעהאַלטען. אַז זײ דערזעהען איהם לעבט די גאַנצע ראָטע אויף, יעדער קוקט איהם אַרום, לײגט אַרויף אַ האַנד, גלעט איהם, פּאַטשט איהם, אַלע ווײַזען אַרויס ענטציקונג: זעהסט וואָס עס האָט זיך פערוואַלגערט בײַ אַ יודען, דאָס וועט זײַן פאַר דעם נאַטשאַלניק אין בריטשקע אַרײַן ...

נאָר אַז עס קומט צום שפּאַנען, הויבט זיך ניט אָן. ער לאָזט זיך ניט צורירען, רײַסט, פליקט שטיקער פלײש אַרויס. פערלײגט די אויערען, ווי ער וואָלט מײנען צו זאָגען: וואָס ווילט איהר פון מיר? לאָזט מיר צורוה, מײַן דאגה, איך מיש מיך ניט אין פּאָליטיק ...

דער טאַטע זאָגט: איהר זעהט ניט? דאָס איז דאָך אַ הענטשקע, אַ מאַלאָקאָסאָס; נאָך ניט געלערנט אין שפּאַן. די שקאַפּע האָט זיך אָחוואַטצעט, און ערשט נעבטען געפּלאַצט ...

זײ זעהען אַז עס איז ניטאָ וואָס צו מאַכען, לאָזען זײ איהם אָב. ער גיעט זיך אַ ציה אויס אין דער גאַנצער לענג איבער'ן גאַס, פערריסען דעם עק, אַ שנײַד אַ דורך די לופט מיט אַ פּײַף, ווי אַ פײַל וואָלט אַ דורכגעפלויגען און גלײַך אין שטאַל אַרײַן, אָבשטעלענדיג נאָך זיך אין דעם זאַמד — ברײטע, טיפע קאָפּיטעצײכענס — — — —

אין גאס איז מען צופרידען. מ'קוקט איהם נאך, מ'בעגלייט איהם מיט א הורא! לבן הארמי א מענש, ער לאזט זיך ניט ארייני נארען...

---

צו חנוכה האט אנגעהויבען ווערען גליטציג. נעהמט דער טאטע אראב א מאס פון די קאפיטעס, בעשטעלט פאדקאוועס אויף שרייפלעך, מ'זאל ניט דארפען אלע מאל רייסען און טשוועקעס קלאפען, און אוועק מיט איהם צו בערלען אין קוזניע איהם אבשמידען...

איז זיך מיישב לבן, און לאזט זיך ניט צו ריהרען. א פוס, זאגט ער, איז א פוס און שמידען לאז איך זיך ניט. ניט מיט גיטען, ניט מיט בייזען. האפט זיך בייסען, רייסט זיך, חראפעט, ועצט מיט די פיס. און ווען עס געלינגט זיי שוין איהם אן-האפען ביי א פוס, און דער טאטע מיט בערלען נעמען זיך שטארק אן מיט אלע הענד ארום איהר, — הויבט ער אן לאנגזאם צו פיהרען מיט דעם פוס הין און צוריק, ווי ער וואלט וועלען עפעס פענאני דערטרייסלען; דער טאטע מיט בערלען לאזען ניט אב, האלטען שטארק און לויפען נאך מיט דער פוס, ביז ער גיעט מיט אמאל א ציה, א רייס ארויס, און ער בלייבט אומגעשמידט — — —

ווען עס קומט מ'דארף איהם איינשפאנען, ווערט עפעס אזוי שווער. דאס הארץ הייבט אן צו דריקען אנ'אונדייטליכע שרעק, אנ'אומעט. עס ציטער'ן די הענד, אז מ'קאן די אוווועס ניט פערלייגען, און שווייגענדיג קוקט מען זיך איבער צווישען זיך, און אלע מיט לבנ'ן, ווי מ'וואלט פרעגען איינער דעם צווייטען. הא ... וואס? פאהרען? ...

און אלע קוקען אויף לבנ'ן, ווי מ'וואלט זיך וועלען געזעגנען מיט איהם. זאל חאטש זיין אנבליק בלייבען, ווער ווייס צי דאס איז ניט דאס לעצטע מאל — — —

און ביז דער טאטע קומט פון וועג, נעהען די כוחות אוים; מען שטעלט זיך פאר שרעקליכע בילדער, עס האפט א ציטער: גאט ווייס, וואס דארט האט זיך געמאכט אין וועג. מ'שטעלט זיך אין פענסטער, מ'האפט זיך ארויס פאר דער טיהר און גאס אריין, פון וואנען ער דארף אנקומען; מ'הערט זיך צו אין גאס, פיליכט

סור׳עט זיך ווער, דערצעהלט מען עפּעס—יעדע מינוט איז אַ יאָהר...

דערנאָך האָט מען זיך צוגעוויינט, און לבן געהט ניט גע־שמידט בעסער ווי אַנדערע פערד געשמידט. פערקהערט, עס טוט נאָך הנאה: קיין עין הרע אַ פערד אַ גבור, אַ שטאַרקער טראָט — מ׳דאַרף איהם גאַרניט שמירען.

אַז דער טאַטע איז אויפגעראַמט, בערימהמט ער זיך: איהר ווייסט? לבנ׳ס פוס האָט דאָך נאָך קיין פּאָדקאָווע ניט פערזוכט...

ער איז געוואָרען אַלעמען אַזוי נאָהענט היימיש, טייער, יעדען האָט עפּעס הנאה געטהון, אַלע האָבען געשמייכעלט אויף איהם קוקענדיג. און טאָמער איז איהם עפּעס אָבגעגאַנגען, האָבען אַלע מיטגעפיהלט, זיך נאָכגעפרעגט, געבראָכען די הענד.

ניט איין קאַפּיטעל תהלים האָב איך שטילערהייד מיט הארץ געזאָגט, און בשעת מעשה אין זיך געטראַכט: עס זאָל זיין לרפואה שלמה לבן הארמי ער זאָל געזונד זיין, און זיך לאַנג האַלטען...

---

דעם ווינטער בין איך שוין אָנגעקומען צום קאַרגען מלמד, דער גרעסטער מלמד אין תלמוד־תורה; געלערנט אַ בלאַט גמרא מיט תוספות. און אין דער היים האָב איך שוין געקאָנט גוט פאָהרען מיט דער פוהר, געוואוסט און נאָכגעגעבען לבנ׳ן אַלע זיינע משוגע׳ת׳ן, געריטען אויף איהם אונטערשפּרייטענדיג דעם וואַטאָווען פוטער׳ל, צוגעפיהרט איהם צום וואָגען אָדער צו אַ פּליט, זיך אַרויפגעכאַפּט און זיך שטאַרק אָנגעהאַלטען אין דער גזיבע, אָדער אַרומגעהאַלזט איהם מיט ביידע הענד, זיך אויס־ציהענדיג איינגאַנצען אויף זיין קאַרק...

געלערענט זיך איינשפּאַנען, אַרומגעדרעהט די אַסיפּאַנגע אַרום האַנד, פערריסען די פוס צום חאָמעט, זיך איבערגעקעהרט. אויפגעשטאַנען און גענומען פון דאָס ניי — — —

און זיצענדיג אין חדר איז ער מיר ניט אַרויס פון די גע־דאַנקען. אָט שטעהט ער מיר פאַר די אויגען מיט דער ליסענע אויף דעם פּנים, מיט דעם גרויסען ווייסען פלעק אויפען בויך, אויף דער פעדערשטער רעכטער לאָפּיטקע, דער לאַנגער שיפּ־פערמיגער רוקען, די געטאָקטע טעלער־פערמיגע קאָפּיטעס, דאָס קליינע לעבעדיג־רירעווריג קעפּעל, דאָס אַלץ טומעלט, מישט מיר

די געדאַנקען; רײַסט מיר אַוועק פֿון לערנען. איך פֿערגעס וואו מ'האַלט, איך בין דאָ ניטאָ, איך בין ווײַט פֿון דאַנען פֿון דער גמרא, פֿון רבי'ן. ערגעץ דאָרט!... אין שטאַל נעבען לבנ'ן בײַ'ן וואָגען מיט דעם געשפּאַן...

---

צוויי וואָכען פֿאַר פּסח האָב איך אויפֿגעהערט צו געהן אין חדר, נאָך שבועות האָב איך געדאַרפֿט ווערען בר-מצוה, און אויף נאָך פּסח האָט זיך דער טאַטע געקליבען מיר אָבגעבען צו אַ סטאָליאַר...

איך האָב זיך געזעגענט מיט דעם קאַרגען מלמד, מיט'ן חדר, מיט דער גמרא כתובות אויף אײביג, אײביג...

צוזאַמען מיט דעם טאַטען בין איך געפֿאָהרען אויף די יאָדעם, אָנגעטריבען, געהאַלטען די לײַצעס. וויאָ, לבן הארמי! און לבן געהט, פֿאָלגט ווי אַ גרויסען מענשען. אַז דו ווילסט איך זאָל געהן, נו זאָל זײַן אַזוי, מיר איז אַלעם אײנס — — — און אַז ער פֿלעגט אַ הוסט טהון, זאָג איך איהם: אַ געזונד אין דיר, אַ קראַפֿט אין דײַנע בײנער, פּונקט ווי דער אַלטער לײבוש, נאָר הערצליכער, געטרײַער; מיט אַזאַ הייליגער, קינדערשער ליעבע, ווי להבדיל, המפיל, קריאת-שמע פֿאַר'ן שלאָף.

פֿאַר יום טוב האָט דער טאַטע געהאַט אַ סך אַרבײט און גוט פֿערדינט, האָט ער פֿאַר זיך אַ פּאָר שטיוועל בעשטעלט, די קינדער קאָרטענע גאַרניטערלעך און היטעלעך; די מאַמע איז געוועזען שטאַרק פֿערטהון אין שטוב, געוואַשען, געראַוימט אויף יום טוב; דער טיש מיט די בײנק זענען אויף דער גאַס געלעגען. די שטוב פֿריש אויסגעקאַלכט, שטאַרק אָנ'געבלאָה'ט; אויף דעם פּאָל, פֿון וועלכען מ'האָט ערשט פֿאַר אַ גאַנץ יאָהר די בלאָטע אָבגעקראַצט, איז געלעגען אַ באַרג צוזאַמען שטרוי פֿון וואָגען, אויף וועלכע די קינדער האָבען זיך געוואַלגערט, קאָזילקעס געמאַכט. געגעסען האָט מען נעבען טיהר אויף דער דײשע. ווײַטער האָט מען מיט דעם חמץ ניט געשמעקט...

— דו ווײסט וואָס? זאָגט צו מיר דער טאַטע (ער פֿלעגט זיך שוין מיט מיר עצה'נען, געהאַלטען פֿאַר אַ גאַנצען בר דעת) מ'דאַרף לבנ'ען אויף יום טוב אַ ביסעל אויספּוצען, זאָל ער אויך וויסען

פֿון אַ יום טוב. מ'דאַרף איהם, זאָגט ער, די קאָפּיטעס אַרומדרייען, זיי האָבען דאָך קיין פּנים ניט — זעהען אויס ווי צוגאָסענע פּאַמפּישקעס... אַ וואונדער: אַ פֿערד ווייס ניט וואָס אַ פּאַדקאָווע איז — — —

מיר האָט אין הארצען באַלד אַ מצאָחקע געטהון, ווי עס וואָלט זיך דאָרטען עפּעס אָבגעריסען. גאָט ווייס, וואָס מ'קאָן זיך אָנמאַכען, איהם אויספּוצען, ער זעהט אויס דעם פֿאַר יום טוב אַזוי שעהן, מ'האָט זיך שוין די ציינגער פֿון אַקען אויסגערעדט... לייט האָבען אַזעלכע גרויסע אויגען זאָל זיי נאָר אַרויסקריכען, און די ערשטע כּפּרה איז דער פֿערד...

צוריק האָט זיך מיר פֿאַרגעשטעלט: לבן! מיט דער ליסע־נע אויף דעם פּנים, מיט דעם סערען גנבישען קוק, וועט זיין אויף יום טוב ריין אויסגעבאַרשט, צוגעגליכט דעם ווידעל, די גוי־בע פֿערפֿלאָכטען אין צעפּעלעך מיט רויטע בלאָהע סטענגעס, די קאָפּיטעס אַרומגעשניצט, אַרומגעפּיילט, רונד, ווי געטאָקט...

און יום טוב נאָכען עסען. אין דרויסען וועט וואַרעמען די פּסח־דיגע זון, די לופֿט איז פֿריש, זאַפטיג און אַטהעמט מיט פֿריהלינג, די גאַסען זענען טרוקען, ריין אויסגעקעהרט, אויסגעשאָטען מיט געלען זאַמד. קינדער שפּילען זיך, לויפֿען אַרום אין די נייע יום טוב גאַרניטערלעך, גרויסע יודען, ווייבער אין נייע בלוזעס שפּאַ־צירען פֿאַר די הייזער, בעטראַכטען דעם פּלויט וואָס אַרום גערטיל, וועלכען מ'דאַרף באַלד נאָך יום טוב פֿערזייען.

ביי לייזער דעם שוסטער זענען שוין ציבעלעך אויפֿגעגאַנגען, (ער איז שטענדיג פֿון די פֿריהיגע). קוקען זיי פֿון גערטיל אַרויס צו די קינדערלעך, ווי זיי וואָלטען שטילערהייד זיי געוואָהרענט: „קינדער!... אַז מ'עסט אונז אָהן ברויט דאַרף מען מאַכען „בורא פּרי האדמה"...

מעסצאַנעס פֿון אַרויף עק גאַס האָבען אָקסען אין סאַ־כעס, פֿערד מיט באַראַנעס איינגעשפּאַנט און זענען אויף די פֿעלדער אַרויס — — —

טיחאָן האָט דער יונגער גניאַדער שקאַפּע איינגעשפּאַנט, וועל־כע האָט ערשט מיט אַכט־טאָג צוריק אַ ליסען־לאָשאַקעל געבאָרען, האָט איהר אַ פֿוהר מיסט אָנגעלייגט — און פֿאָהרט דורך דער גאַס — און דער קליין לאָשעק מיט דעם גלעקעלע אויף דעם

האָלז, האָט אין גאַס מיט די יודישע קינדער קענטשאַפֿט געשלאָסען, האַפּט מיט זיי אַ שטיף — מישען זיך אוים און פֿליהען אַלע אין איינעם...

און איך וועל געהן אין נייעם גאַרניטור, אין קעשענע אַ ביסעל זאַלץ... וועל זיך מאַכען ניט וויסענדיג, ווי איך מיין גאָרניט, אַריינגעגנב'ט זיך אין שטאַל. פּאָוואָלינקע אָבגעבונדען לבנ'ן, גענומען איהם פֿאַר'ן ציימעל מיט איין האַנד פֿאַר ד״ר מאָרדע און אַ פֿיהר אַרויס אין דרויסען, דורך דער גאַנצער גאַס, אומישנע צו אברהמ'קע דעם מילנערם ברונעם איהם אָנצוטרינקען, נאַט! קוקט...

לבן וועט זיך צוחאַפּען צום טרינקען, איין עמער, אַ צווייטען, דער שאַראַוועל סקריפּעט, ווי ער וואָלט דער גאַנצער וועלט אָנגעזאָגט: יורען! שאַט — לבן הארמי טרינקט...

ער הערט אויף, רוהט זיך אָב, קוקט זיך אַרום, בעטראַכט די גאַס, די קינדער וואָס זענען אָנגעלאָפֿען, די יום־טוב'דיגע ריינע הימלען; זייעט אַדורך דאָס וואַסער, מיט די ווייסע שטאַרקע און יונגע ציין — שאָקעלט צו מיט איין אויער, פֿערקלערט זיך און נעהמט ווידער טרינקען.

איך וועל איהם גלעטען, פֿיהרען איבער איהם מיט דער האַנד, זאָלען אַלע זעהן, אַז איך האָב קיין מורא ניט, צופּייפּען, רעדען צו איהם — און פֿיהרען איהם צוריק פֿאַרויבטיג, ער זאָל מיר דעם נייעם גאַרניטור ניט פֿערסלינען, און אַז ער וועט אַ הוסט געבען, וועל איך זאָגען: אַ געזונד אין דיר, אַ קרעפּט אין דיינע ביינער...

---

אַ טאָג פֿאַר ערב פסח פֿאַרנאַכט. דער טאַטע איז פֿון וועג געקומען האָט אויסגעשפּאַנט, אָוועקגעשטעלט דעם וואָגען אויף זיין אָרט, אויפֿגעהאַנגען דעם חאָמאָנט, די שלעהעס אין שטאַל אויפֿ'ן פֿלעקיל, וואָס איז אַריינגעקלאַפּט אין וואַנד, געגעבען אַ וואונק אויף מיר, און מיר זענען אַ וועק מיט לבנ'ן צו בערלען אין קוזניע...

פֿריהער האָט ער געפּרובט מיט גוטען, געגלעט, געלאַסצעט,

נערעכענט: אפשר האָט ער פערגעסען אָן משוגעת און וועט געבען אַ פוס. — דערנאָך האָט ער גענומען אַ פּאַסטראָנעק, איהם דורכגענומען דורך דער מויל איבער'ן קאָפּ, שטייף צו געבונדען, און איבערגעדרעהט עטליכע מאָל מיט אַ פלעקעל, דאָס גאַנצע מויל איז געוואָרען צוזאַמענגעדריקט, אין די ווינקלען האָט זיך בלוט בעוויזען, און ער שטעהט, ריהרט זיך ניט. ווי ניט איהם מיינט מען, ווי ער וואָלט דאָ גאָרניט געווען, אָדער ער וואָלט זאָגען: אַז איך זאָג ניין — וועט שוין זיין „ניין". קאָנט איהר מיר אַפילו געבען מיט עפּעס איבער'ן קאָפּ, איך וועל קיין פוס ניט געבען...

דערנאָך האָט מען איהם אַריינגענומען אין אַ סטאַנאָק, פון פיער שטאַרקע סלופּעס, פערצאָהמט איהם מיט פלעקלעך, וועלכע זענען צוגעמאַכט צום סטאַנאָק, הויך, שטייף פערריסען דעם קאָפּ און פעסט איינגעבונדען. ער האָט צושראָקען פערוואונדערט געקוקט, זיך איינגעהערט, שטייף אָנגעשטעלט די אויערען, ווי ער וואָלט פרעגען: וואָס וועט דאָ זיין? פאַר וואָס מוטשעט מען מיר אַזוי?...

מ'האָט פערוואָרפען אַ פּעטלע אויף אַ הינטערשטער פוס, אַריבערגענומען איהר איבער אַ פלעקעל און גענומען רייניגען...

לבן האָט זיך צוגעהערט צום קראַצען פון דעם שאַב-מעסער, פון דער פייל; אָנגעשטרענגט אומגעדרעהט דעם קאָפּ, פערקרימט די אויגען, ביז די רויטקייט וואָס אין די ווינקלען, און בייז אָנגעקוקט...

פלוצלונג האָט ער זיך אַ שטאַרקען ריס געגעבען, אַ שפּרונג געטהון, אַ זעץ מיט די פיס אין סטאַנאָק, אַ מגושם'דיגער קלאַפּ, אויסגעמישט מיט אַ ווילדען רעווערייַ — אַלע זיינע פון שרעק אָבגעשפּרונגען און אַנידערגעפאַלען — — —

אַז מ'איז צו זיך געקומען, האָט מען געזעהן — לבן איז געזעסען ווי אַ הונד אויף די הינטערשטע פיס. זיך געשטיקט אויף דער שטריק, געכאָרכעלט, און אַרויסגעשטעקט דעם צונג. באַלד האָט איהם ווער מיט אַ האַק די שטריק איבערגעשניטען — ער האָט אָבגעטעהמט, דעם קאָפּ אַראָבגעלאָזען, און זי אין דער רעכטער זייט צום בויך פערדרעהט; איז געבליבען זיצען ווי פריהער, האָט זיך ניט געריהרט פון אָרט — — —

די רעכטע הינטערשטע פוס איז געווען אויבען איבער דער קניע איבערגעבראכען.

אז דער טאטע איז געוואָר צו זיך געקומען איז ער צוגע־לאָפען, גענומען די פוס אין האנד, בעטראכט, שטייף געקריצט מיט די ציין, געקוקט אויף לבנ'ן, לבן אויף איהם, ווי איינער וואלט דעם צווייטען געפרעגט: נו, וואס? האסט עפעס נאך צו זאגען?...

דער טאטע האט אוואָרף געגעבען דער צוואנג, וואס ער האט איהר ביז אהער פערגעסען פון האנד ארויסלאזען, זיך גע־חאפט מיט ביידע הענד פאר דער קאפ, ווי עס וואלט איהם ווער אומגעריכט פון הינטען מיט עפעס דעם קאפ געפלעט, און אויף אלע פים אוועק א היים...

בעריל דער שמיד האט זיך קוים אויפגעשטעלט. איז גע־בליבען שטעהן פון דער ווייטענס, האט ניט געקאנט זיך פון ארט ריהרען, געטרייסעלט זיך ווי א בלאט, ווי עס וואלט אויף איהם א קדחות אנגעפאלען...

און איך האב איהם געגלעט, געהאלזט, געקושט, געוויינט— לבן... לבן הארמי...

• • • • • • • • • • • • • • • • • •

אין דער מינוט איז די ידיעה דער גאנצער גאס אדורך: לבן הארמי האט א פוס אויסגעבראכען...

אלע האבען אויף אונזער שטוב געקוקט, ווי דארט וואלט א טייערער, דער טייערסטער טייטער געלעגען... דער קאפ פון שטוב, און מ'האט איהם נאך ניט צו גענומען — אדער זיי וואל־טען וועלען זעהן וואס וועט די שטוב טהון... וואס קאן די שטוב זאגען אויף דעם...

ארום קוזנע האט זיך דאס גאנצע שטעדטיל צענויפגעקלי־בען. א גוט אויג, בייזע מיילער. האבען איהם אויפגעגעסען... א יוד א בעל־עגלה פאהרט ניט מיט אזעלכע פערד...

אין דרויסען האָט מיט פֿריהלינג געשמעקט. אַ וואונדערשענע ערב פּסח'דיגע אויסגעשטערנטע קיהלע נאַכט; אַ גרויסע פֿרישע נייגעבאָרענע ערב יום־טוב'דיגע לבנה, איז איבער בלאָהע, ריינע אויסגעצוואָגענע הימלען געשוואומען, זיך בעהאַלטען יעדעס מאָל אונטער אַ וואָלקענד'ל, און ווידער אַרויס, ווי זי וואָלט מיט זיך אַליין געשפּילט...

וואַרפֿט אַנ'אויג אויף דער מידער איינגעשלאָפֿען שטעדטיל, אויף די ביסעל יודישע אָרעמקייט, וואָס וואַלגערט זיך פֿאַר די הייזער אויף מאָרגען צום כשר'ן, ווי זי וואָלט זיך דאָ אויף דער וואַרטע געשטעלט און היט עס יאַל זיי חלילה קיינער קיין שלעכטס ניט טהון...

אַ ליעב דרום־ווינטעל האָט די ביימלעך געוויעגט, געגלעט, און האָט פֿון ערגעץ די בשורה געבראַכט: „הנצנים נראו בארץ". דער פֿריהלינג איז שוין דאָ. דער וויהאַן גרינט שוין, די לאָנקעס וועלען זיך באַלד מיט פּאַשע אָנקליידען, און אין כשוף'דיגע זומערדיגע שטילע נעכט וועט מען מיט די פֿערד אויף „נאָצלעג" אַרויספֿאָהרען...

דער שנע האָט זיך פֿאַר דעם גרוס דערשראָקען און אין זיך אַליין אָנגעהויבען שמעלצען, איבער די גאַסען אין די קאַלעס פֿון די רעדער האָבען זיך שמאָלע רינשטאָקלעך געגאָסען, געפּלוסקעט מיט אַ ווייסען שוים פֿון אויבען; אויפֿען וועג מיט זיך אַ הויפֿען היי פֿערהאַפּט, בולבעס געמאַכט, זיך ערגעץ וואו אָן אַ שטיין פֿערטשעפּעט, איהם אויסגעמיטען, געפֿונען אַנ'אַנדער וועג, און אַוועק ווייטער אַראָב, צום „וויהאַן" צו, מיט אַ לייכטען גערויש, און מיט אַ שטיל שטיל נג'נדיל ווי עס וואָלט וועד פֿון שלאָף געזונגען...

די ערב פּסח'דיגע מידקייט האָט די גאַס אין איהרע אָרעמס אַריינגענומען און זי איינגעשלעפֿערט. די פֿייערלעך האָבען אָנגעהויבען באַלד נאָך בעור־חמץ אויסלעשען, און די קלאָרע גרויסע לבנה האָט זיך אין שטומע, שווארצע שויבען געשפּיגעלט...

ביי אונז האָט נאָך אַ קליין לעמפּעלע געברענט. דער טאַטע מיט דער מאַמען זענען אויף דער ערד געזעסען, און געשוויגען. די קינדער זענען אָהן וועטשערע אויף דעם שטרוי איינגעשלאָפֿען...

איך בין פֿאַר'ן טהיר געשטאַנען, געציטערט פֿון דעם פֿרי־

שען קיהלען פריהלינגס־אווענד, זיך צו דער וואנד געטולעט, און געװארט ביז מ'וועט „איהם" א דורכפיהרען...

באלד האט זיך אנ'אײנגעגעסענע סקריפעריי פון א לאנג ניט געשמירטען וואגען דערהערט. דערנאך האט זיך פון יענער זייט קרעטשמע, ליטמאנס ווייסער פערד געוויזען, נאך איהם א קליין וועגעלע אהן לייטערס, און אויף דעם וועגעלע איז לבן געלעגען אויף א זייט, שטארק מיט שטריק אנגעבונדען...

אט זענען זיי פאר דער שטוב. דער טאטע מיט דער מאמען האבען דאס פאהרען דערהערט, און האבען זיך אין פענסטער געשטעלט...

לבן האט זיך פון וואגען געריסען. צום שטוב זיך געצויגען, געווארפען מיט דעם קאפ, געהירזעט, גערופען. און ווען ער האט געזעהן, אז מ'פאהרט ווייטער, האט ער דעם קאפ צו אונז אויסגעדרעהט, פערוואונדערט אויף דער שטוב געקוקט, און מיט אנ' אונמעכטעגען שטומען בליק האט ער זיך ווי געבעטען: פאר וואס לאזט איהר מיר אליין? קומט ארויס! וואס זיצט איהר אין שטוב?

לאנג, לאנג האב איך איהם נאכגעקוקט. דאס וועגעלע האט ווי פרייער געסקריפעט, געצויגען זיין ווילד מגושם'דיג מעלאדיע, ווי עס וואלט מיט מעסערס געקראצט.

אט האבען זיי זיך אונטער'ן גלח'ס שטוב צום לאנקע פערקעהרט, און מיר האט זיך געדאכט, אז איך האב דעם לעצטען בליק זיינעם געזעהען: בלייבט געזונד, לעבט גליקליך... און באלד איז ער פערשוואונדען פון אויג...

נאך א ביסעל האט זיך דאס סקריפען פון ליטמאנס וועגעלע אין דער נאכט געטראגען — אזוי טרויעריג. יתומ'דיג, עלענד און הארצרייסענד. און ערגעץ וואו אין דער צווייטער זייט, פון דער גוי'אישער גאס האט זיך א הונד צעוואיעט, און א יעמערליכען הינטיש חליפען זיך צוגאסען; האט זיך צוזאמען מיט דעם סקריפען פון וואגען אויסגעמישט, און אין דערנאכט פערשוואונדען...

• • • • • • • • • • • • • • • •

# די געלע הון.

(ערצעהלונג.)

אַ שטאַרקע שנאה האָט זיך געטראָגען בײַ זלמן דעם סטאָליאַר אין שטוב צו דער געלער הון מיט די ראָבע פּליגעל, וועלכע לאה גיטיל האָט נאָך מיט אַ יאָהר צוריק געקויפט בײַ אַ האָדלינער גויה פאַר פינף און פופציג גראָשען...

לאה גיטיל פלעגט נאָר שעלטען די גויה, די מכשפה. עס דאַכט איהר, אַז זי איז געווען אַנ׳אַלטע קלעמפּע: אָהן צײַן, מיט אײַנגעפאַלענע באַקען, מיט אַ שפּיציג מאָרדעלע... — איז דאָס בײַ איהר אַ העגטעלע — זי האָט איהר געמעגט קירצער ווערען!...

און זלמן דער סטאָליאַר איז אַ מענש ניט קיין צוּוואָרפענער. און אַ גילדען, פופציג גראָשען געהען בײַ איהם ניט צופוס, — פלעגט ער שווערען אויף יודישקײַט. אז ווען ער זאָל זיך קאָנען מאַכען אַ האַרץ, וואָלט ער געחאַפּט אַ לײַסט, אַ זעג, אַ האַק, אַ העבעל, געוואָרפען, געפלעט איהר דעם קאָפּ, — און פּטור געוואָרען... אַזאַ שנאה האָט מען געפיהלט צו יזיהר.

---

פײַנד האָט מען זי געהאַט נאָר דערפאַר, וואָס זי איז אַ מזיק, אַ שוואַרץ יאָהר. אַ טײַוועל, זאָל מען אָפּגעהיט ווערען. די שטוב האָט זי קײנמאָל ניט אָנגעזעהן, ווער שטוב, וואָס שטוב.

אַז לאה גיטיל האָט זי געבראַכט פֿון מאַרק, באַלד ווי זי האָט זי געקויפֿט, דאָס איז געווען אין אָנהייב זומער, — האָט זי זי אָבגעבונדען, און ווי איהר שטייגער איז, אַרומגענעהט אַרום דעם רעכטען פֿיסעל אַ שטיקעל רויטע סיץ, אָבגעפֿאַרבט אַ פֿליגעל מיט אַביסעל בלאָהעכטס פֿון גרעט אויף אַ סימן, און אַרומגעדרעט זיבען מאָל אַרום פֿיסיל פֿון טיש און דערביי געזאָגט: „אַזוי ווי דער טיש שטעהט און רירט זיך ניט פֿון אָרט — אַזוי זאָלסט דו זיין צוגעבונדען צו דער שטוב“... צוברעקעלט פֿאַר איהר אַ שטיקעל ברויט און זי אָבגעלאָזען איבער דער שטוב. אַ פּאָר טעג איז זי געווען, דערנאָך האָט ווער געעפֿענט אַ פֿענסטער, האָט זי זיך אַ חאַפּ אַרויס געגעבען, און פֿון יענעם טאָג — אַ פֿרייער פֿויגעל. איז מיט איהר פֿול די גאַנצע וועלט. וואו ערגעץ אַ גאָרטען — צושאַרט זי די בעבלעך, ציבעלעס, פּיקט־אויס די אוגערקעס, האָט מען שוין אין גאַס זיך אָבגעריסען אין האַרצען שרייענדיג: „אַ קייש .. קייש ... קייש“... אָנגעוואוירען די כחות, זיך אַרומיאָגענדיג מיט איהר, נאָכוואַרפֿענדיג איהר אַלע שטיינער וואָס מ׳געפֿינט פֿאַר׳ן אויג — ווינשט מען אַ נבֿפֿה „אַזאַ הון!“ — און די בעלי־הבתים, וואָס האַלטען אַזעלכע הינער ...

ווען זי קומט אַמאָל פֿאַר דער שטוב, זוכט זי אויף אַ ברעקעל, האַפּט זי, וואָס מ׳וואַרפֿט פֿאַר איהר, אַ ניט — טרעפֿט זי אויף דער פּריזבע אַ קינד זיצען מיט אַ שיסעלע קרופּניק אָדער אַ שטיקעל בעשמירט ברויט אין האַנד — חאַפּט זי אַרויס פֿון שיסעלע אַ קאַרטאָפֿעל, אַ פּיק פֿון דעם ברויט, וואָס אין הענטעל. דאָס קינד פֿערגעהט זיך — מאַכט געוואַלדען אין הימעל אַריין, און זי איז שוין ניטאָ ...

וואו זי נעכטיגט, האָט קיינמאָל קיינער ניט געוואוסט. אַלע מאָל אַ ניי אָרט. אַ בוים, אַ פּלויט, אַ דאַך, אַ בוידעם...

קיינמאָל האָט מען ניט געקאָנט דערגעהן, וואו זי לעגט זיך, און וואו זי טוט אַהין די אייער. אָפֿט געפֿינט מען אין גאָרטען שאָלעכטס פֿון אַן איי — שניידט ביי׳ם האַרצען: געוויס האָט זי דאָס אַליין אויסגעטרונקען ...

און ווינטער, ווען רוהיגע הינער זענען אין שטוב אין דער וואַרעם, האָבען עסען און טרינקען, לעגען זיך יעדע אויף איהר אָרט, — נעכטיגט זי אין דרויסען ערגעץ, דער טייוועל ווייס, אַ

וואו. און אין די גרויסע פרעסט, זאוויערובעס, אז עס איז אנ־עברה א משוגענעם הונד אין גאס ארויסטרייבען, שפאצירט זי ארום דרייסט אויף דעם גליטש — טאפעט זיך אין שנע, ווי ניט זי מיינט מען... קומט אין דערפריה פאר דער שטוב, א דורכגעט־לייעטע, מיט אנ'אבגעפרוירען שווארץ קעמעל, ציטערט פאר קעלט, שטעלט זיך פאר דער טיר, — ווארפט מען איהר עפעס ארויס, חאפט זי דאס אויף שנעל אויף, ווארגט זיך שלינגענדיג, קוקט זיך בעז און פארזיבטיג ארום, צי קיינער פערגנב'עט זיך ניט זי צו חאפען...

נארט מען זי אמאל אריין אין שטוב, הויבט זי אן פליהען איבער קעפ, פליקט־אראב א היטעל, א טשיפעק; דראפעט־אויס די אויגען; חאפט זיך ארויף אויף די פאליצע, ווארפט־אראב א טאפ, א טעלער; שלאגט־אויס אים ווינטער א פאר שויבען — און זי איז שוין אין דרויסען...

---

אפטמאל, זומער פארנאכט נאך דער ארבייט, פערגלוסט זיך זלמנ'ען אויף א טשיקאוועסט איהר נאכשפירען, וואו נעכ־טיגט זי?... זוכט ער זי אויף און הייבט איהר אן נאכגעהן פוס־טריט, פערגנב'עט זיך ערגעץ הינטער א שטאל, חאפט א קוק מיט אנ'אויג... איז זי אבער א קלוגע זאך — דערפיהלט זי באלד, אז מ'געהט איהר נאך. הויבט זי זיך אויף און שפרינגט אריבער משה דעם רופא'ס פלויט און איז שוין אין גארטען. קריכט ער איהר נאך, בעהאלט זי זיך צווישען די בייטען. ער לאזט זי ניט אב פון אויג, בעמערקט, וואו עס רוישט דאס גרינס. און געהט זי נאך. עס ווערט שוין טונקעל. עס איז שוין מנחה־צייט. ער רייבט־איבער די הענד מיט אביסעל זאמד, זאגט קטרת, אשרי, — און זי פיהרט איהם גאס־איין, גאס־איים, דורך גערטנער איבער פלויטען, הינטער־געסלעך, שטאלען, מיסט־קאסטענס. דערווייל בעמערקט ער שטערען אויף דעם הימעל, לאזט ער זי אב, גיט א שפיי... לויפט אוועק אין בית־המדרש דאווענען מעריב מיט דעם עולם און שטעהט אב צוויי שמונה־עשרה'ס...

---

מאנכעס מאָל, נאָך אַ גאַנצען אָבענד זוכען, נעפינט מען זי ערגעץ אויף אַ בוידעם אָדער אַבוים זיצען. קריכט ארויף אַ קונדס און נעמט זי אראָב. זי מאַכט אַזעלכע געוואַלדען איבער דער גאַס אין דער נאַכט אריין, ווי מ'וואָלט זי געהרג'עט. אויף איהר ווילד געשריי האַפּט מען זיך ארויס פון די הייזער נאַקעטע, טויט־איבערגעשראָקענע, און אז מ'דערוויסט זיך, וואָס דאָ איז, בטל'ט מען אוים צו איהר קאָפּ, הענד און פיס, און מ'געהט צוריק שלאָפען.

אויפ'ן וועג טראָגען איהר אלע, יעדער לעגט־צו אַ האַנד: „ווייז מיר. ביי דיר וועט זי זיך דאָך ארויסרייסען. דו ווייסט דאָך ניט, ווי מ'האַלט אַ הון"...

פערשפּאַרט מען זי אין שטייג, וואָס אונטער דער הרובע, בּיז זי דאַרף זיך לעגען...

זעצט מען זי ארויף אויף דעם בעט, מ'לעגט אונטער אַ פּאַקלאַד, און מ'דעקט־צו מיט אַ זיפּ — אויף דער זיפּ לעגט מען אָן אַ שווערע זאַך, אַ האַק־מעסער, אַ טייטש־חומש, אַ העבעל פון ווערקשטאַט. אלע שטעהען און וואַרטען: האָטש איין איי וויל מען פון איהר דערלעבען... דערווייל האַלט זיך ווער ניט איין: עס וויל זיך אַ קוק טון, צי שוין...

גיט זי זיך אַ האַפּ־ארויס, גלייך צום שויב, און אלע נאָך איהר.

ווערט אַ געלויף: ז ל מ ן, ל א ה ג י ט ע ל, די קינדער, דאָס האַנד־יונגעל, פרעמדע קינדער פון גאַס. קומט ווער ענטקעגען, וויל ער זי פערהאַלטען, צושפּרייט ער די הענד, צומאַכט די פּאָלעס. — שפרינגט זי איהם איבער'ן קאָפּ אריבער און לויפט ווייטער...

מ'לויפט, מ'איז שוין מיד, עס פערפעלט אָטעם. אלע סאָפּען הא, הא, הא, ... זי איז ווי שכור... די אויגען איבערגעקערט, צושפּרייט די פליגעל, האַלט אָפען דאָס מויל, ארויסגעשטעלט דאָס צינגעל — ניטאָ קיין לופט...

אָט־אָט זעצט זי זיך, אָט פאַלט זי אַנידער, אָט האַלט זי שוין ז ל מ ן מיט דער האַנד, אָט שפּאַרט ער זי צו צו דער וואַנד — אלע קוקען אויף איין פּינטעל, עס וויל זיך פון מויל ארויסרייסען, „געחאַפּט!" — זי גיט זיך אַ גליטש ארויס, און ער ציהט זיך אוים אין דער גאַנצער לענג אויף דער ערד...

אַט איז זי שוין בײַ'ם גלח'ס גאָרטען, אַט חאַפּט זי זיך אַרורך דעם פּלויט, דאָרט בלײַבט זי שוין:

דער גלח וואָלט פאַר דעם גאָרטען, געמטית'ט, הינד האָט ער מזיקים, און דאָס איי איז פערפאַלען...

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

פיל מאָל קומט מען צו אַ בעשלום — אַז דאָס איז ניט קיין הון פאַר אַ שטוב, מ'וועט זי פערקויפען, פּטור ווערען און אַ סוף! איז זי אָבער שטענדיג גרינג, מאָגער, הויט און ביינער — אַ „שוליאַק"... עס איז נאָך ניט געווען דער פאַל, מ'זאָל פאַר איהר קאָנען קריגען דעם קרן, — אַ גילדען, פערציג גראָשען וואָלט מען אפשר פאַר איהר יאָ געקריגען, איז ביז עס קומט צו'ם פערקויפען, געהט דערווײַל דער כּעס אָב, — ווערט דער חשבון אַני דערש: „אַ צוגעוואוינטע הון... פון דער צעהנטער גאָס קומט זי צו דער שטוב, לאָזט זיך ניט אויפחאַפּען פון קיינעם... לעגט זיך אַלע טאָג (אַזוי האָט מען געמיינט)... אָבגעקאָרמעט אַ יאָהר צײַט, און נעם פערקויף זי מיט היזק"...

---

אַ טאָג אַכט נאָך פורים נעמט זי פּלוצלונג, פון דער העלער הויט און ווערט פערפאַלען. באַלד האָט מען זיך ניט אַרומגעזעהן. נאָר אַז עס איז אַוועק עטליכע טעג, און זי איז ניטאָ, האָט מען זיך געשטויסען, אַז דאָ מוז עפּעס זײַן...

זלמן האָט זיך געמאַכט האַרץ, מצדיק געווען דעם דין און געזאָגט: „אַ שענע, ריינע כּפּרה... פערשפּאָרען קאָרמענען אַני אומזיסטע עסערקע"... לאה גיטל'ען טוט וועה דאָס האַרץ אויף דעם שאָדען... פונקט פאַר פּסח. ווען מ'דאַרף אַנ'איי האָבען, נעמט אַ הון פון דער העלער הויט און ווערט פערפאַלען! און זי וואָלט שווערען, אַז די הון האָט זיך ערשט אָנגעהויבען לעגען. זי פלעגט די לעצטע צײַט נאָר אַרומגעהן און זינגען...

האָט זי אַוועקגעוואָרפען אַלע אַרבײַט, און געהט אַרום איבער די גאַסען, קוקט זיך צו צו הינער, רופט „פּוט, פּוט, פּוט"... פרעגט זיך נאָך בײַ שכנים, בײַ בעקאַנטע פון פרעמדע גאַסען, צי האָט ניט עמיץ געזעהן אַ הון אַ געלע מיט ראַבע פליגעלעך, מיט אַנ'אָבגעהאַקטען עק. און טאָמער בעמערקט זיך ערגעץ וואו אַני

ענליבע, לאזט זי איהר ניט אב פון אויג, ביז זי מוז ריכטיג זיך דערוויסען וועמענס זי איז און ווי לאנג מ'האט איהר...

און זלמן איז דאך צופרידען און עס ארט איהם גארניט, איז ווען ער געהט אין בית המדרש און צוריק, קוקט ער זיך צו אויפ'ן וועג. פערגעהט אויף א הויף פערקוקט אין א שטאל: אפשר טרעפט ער איהר ערגעץ...

---

אויפ'ן פינפטען טאג, גאר אומגעריכט, מ'האט זיך שוין באלד מיאש געווען, די פיס אנגעווארען זוכענדיג, — איז זי פלוצלונג נעקומען. אנגעבלאזען, אנגעשטעלט די פעדערן, צו לאזט די פליגעל, קוואקעט, שטעלט זיך פאר דער טיר און בעט, מ'זאל איהר געבען עסען...

און גאם גיט מען איבער איינער דעם אנדער'ן: „די הון האט זיך געפונען", און מ'לאכט...

לאה ניטיל ווארפט איהר באלד עסען (זי וויל ניט די אייער זאלען זיך פערקילען), און שעלט: האט נאך געפעלט האדוליע אויף מיין קאפ...

זי האט שנעל אבגעגעסען — און ניטא...

דערנאך האט זי אנגעהויבען קומען יעדען צווייטען, דריטען טאג. אין דרויסען האט שוין געשמעקט מיט ערב פסח, הינער האט מען שוין אין גאס געלאזען, קלויבען זיי עפעס פון אונטער דעם צוגעגאנגענעם שנע, שארען זיך אין דעם מיסט פאר דער שטוב, און קאקעטירען צו א שכנ'ס האהן...

זי קוקט ניט אין זייער גבול. ווי זי וואלט זיי גארניט געקענט. שטעלט זיך פאר דער טיר, רופט ארויס פון שטוב, גיט מען איהר עפעס, חאפט זי אויף שנעל, און בלייבט נישט...

---

ערב פסח נאך האלבען טאג האט זיך פלוצלונג פון גלח'ס גארטען די געלע הון בעוויזען און מיט איהר א גאנצע מחנה רונדע, ווייכע, געלינקע, פוכיגע הינדעלעך מיט בעויאקסענע פיסעלעך, — און נאך זיי פון דער גאנצער גאס די קינדער מיט א קוויטשעריי, א געלעכטער, ביז אין שטוב אריין...

באלד זענען זיי א דורך דער אפענער טיר מיט א שטורם גלייך אין צימער אריין, און די גערע האט די גאנצע שטוב מיט קוואקעריי אנגעפילט, ווי זי וואלט וועלען זאגען: „זעהט, ניט אומזיסט בין איך דריי וואכען אויסגעדארט געווארען“...

לאהגיטל'ען האט אנגעהויבען פון די הענד פאלען. זי ווייס, אז זיי זענען טויט-הונגעריג, ווארפט זי זיי וואס עס קומט איהר אין האנד — א ביסעל מצה-מעל, א מאנדעל, א צימרינג פון שטייסעל. געחאפט און אבגעבראטען אנ'איי מיט א בלוטיס-טראפען, צוברעקעלט און אויסגעשאטען פאר זיי אויף דער פאדלאגע — פערלעגט די הענד, קוקט און שמעלצט. די הון צוברעקעלט דאס אויף קליינע מאנעלעך, צושארט מיט די פיס און רופט צוזאמען אלע קינדער: „פול—פול—פול“...

די קליינע דערהערען דעם רוף, קומען באלד צולויפען, קוקען אויף איהר און טון איהר פונקט נאך — צושארען מיט די פיסעלעך, יעדעס בעזונדער פאר זיך...

דערנאך לערנט זי זיי עסען, וויזט זי זיי א טאן און הויבט-אן פיקען אין דער פאדלאגע, זיי חאפען באלד אויף דעם טאן, לערנען איהם איין, צוגיסען זיך איבער דער שטוב אין א פיק-פיק-מעלאדיע, אלע אינאיינעם פריינדליך, הילכיג-פלייסיג, שטארקער ביז זיי ווערען אנגעגעסען...

די גרויסע, אז זי האט זיי נאר א וועג געוויזען, שטעהט זי באלד אב, פערגינט זיך ניט מעהר צו עסען, און קוקט זיך איין מיט אזא צארטער, ווייכער מוטער-ליבע.

זלמנ'ען טוט די זאך הנאה — ער ווייסט ניט, וואס ער זאל יעצט פון שמחה פריהער טהון, צעלט ער זיי — און האט אלע מאל א טעות, דאכט זיך פונפצעהן צי פיערצעהן... שיינט אינגאנצען און בעט זיך ביי איהר: „זעה, לאהגיטיל, גיב זיי עפעס... אבער איך האב געוואוסט, אז זי וועט קומען. דער טייוועל וועט ניט פערלוירען געהן“...

אויף דער נאַכט, ווען מ'איז בײַ ז ל מ ן ד ע ם ס ט אָ ל י אַ ר אין שטוב געזעסען אַרום טיש און אָבגעריכט דעם סדר, איז פונקט געגענאיבער, אונטער'ן בעט, אויף אַ פּריש ביסעל היי די געלע הון געזעסען. ברייט צולאָזען די פליגעל, אונטער וועלכע עס האָבען זיך אַלע הינדעלעך געטוליעט, געוואַרעמט, גענורעט זיך איינע צו די אַנדערע און שטיל, שטיל געפּיפּצעט. אָפּט שטעלט וועלכעס דאָס קעפּעלע אַרויס, בעטראַכט גאָט'ס נייע וועלט, און בעהאַלט זיך צוריק.

און ווען בײַ'ם טיש איז שטיל געוואָרען — אַלע זענען מיד איינגעשלאָפען — האָט זיך פון אונטער'ן בעט געטראָגען אַ שטילע, ווייכע, זיסע יום־טוב־מעלאָדיע פון פינף־פירטעל טוץ ריינע, אומשולדיגע, קליינע פּיסקלעך, אזוי ווי וואַרעמע, קלאָרע בוים־אייל־טראָפּענס, זיך צוגאָסען און אָנגעפילט ז ל מ ן ד ע ם ס ט אָ ל־ י אָ ר'ס שטוב...

# אַפּאָר־פֿאָלק.

(ערצעלונג.)

מרדכי דער בעל־עגלה איז שוין אויף דער עלטער, צווײַ מענשען — ער און ביילה...

די קינדער — דרײַ טעכטער — זענען שוין לאַנג אויסגעגעבען און וואָהנען אין דער פֿרעמד. פֿריהער האָט מען גע„דיענט", אָנגעזאַמעלט געלט, אַנ׳אויסשטעהער, געפֿונען זיך זייער גלײַכען — טאַטע מאַמע לרצון, און חתונה געהאַט, אַלע פֿאַר בעלי־עגלות. אַ פּרנסה ניט וועהר קיין גרינגע און אפשר אויך ניט קיין שענע, נאָר מרדכי שעמט זיך נישט מיט איהר. מ׳קאָן אומעדום זײַן אַנ׳עהרליכער מאַן. און די פּרנסה האָט ער גע׳ירש׳נט פֿון טאַטען, זיידען און עלטער־זיידען — זאָל זי אויך בלײַבען בײַ זײַנע קינדער. זיי זענען עהרליכע לײַט און פֿערדינען אַ כשר׳ן רובל...

פֿון דער יונגסטער, זיסיל, האָט ער באמת פֿערגניגען, זי איז אַ ווילע פֿון שטענדיג. דאָס בעסטע קינד. איהר מאַן איז אויך פֿײַנער פֿון די עלטערע. איז ניט קיין גראָבער יונג, קוקט אַרײַן אין אַ ספר, פֿערשטעהט אַ פּרק משניות. זיי וואָהנען נישט ווײַט, אין דער אויעזדנע־שטאָדט. ווען ער פֿאָהרט אַ דורך טרעט ער אָב בײַ זיי. קיין עין הרע, שטיקלעך בעלי־בתים: אַ פּאָר פֿערד, אַ פֿאַיעטאָן, אַ בהמה, עטליכע קינדער...

אָפּטמאָל, אין אַ חול־המועד שפּאַנט דער איידעם אײַן די פּאָר פֿערד אין פֿאַיעטאָן מיט די רעסאָרען, טהוט זיך אָן יום־טובדיג, זעצט אַרויף זיסלען מיט די קינדער און גיט אַ פֿאָהר אַרײַן אין שטעדטיל זיי צו בעזוכען, מיט אַ טומעל, אַז מ׳חאַפּט זיך אַרויס פֿון אַלע הײַזער.

בײַ זײַ זענען די טעג טײַערער פאַר דעם יום-טוב. מרדכי קוקט און קוועלט. ער קאָן זיך ניט אָנזעטיגען. אַ שטאַרקע פאַר פערה, אַ ודאי פון צוויי מאות. דער גרויסער אין די אָנלאָבליעס, איז אַ שטיק, אַ גידול. אַ לענג, אַ גאַנצע מאַבינע. די קינדער זענען ריין יום-טוב'דיג אָנגעטהון. זעהען גוט אויס...

בײַ ביילה'ן שטעלען זיך טרעהרען אין די אויגען. רבונו של עולם! נאָך מיין קאָפּ זאָלען זײַ בלײַבען.

ער בעריהמט זיך, שטאָלצירט שטענדיג מיט זײַנע קינדער. זײַ וואָהנען אין גרויסע שטעדט צווישען מענשען. אָפּטמאָל, אין אַ שמועס, בעציהט ער זיך אויף זײַ. די קינדער שרײַבען אַזוי און אַזוי, די טאָכטער איז געווען אויף יום-טוב, האָט זי דערצעהלט דאָס און דאָס. געגען אַזעלכע ראיות שווייגען אַלע — בלײַבט נישט מעהר וואָס צו זאָגען.

אין נאַטור זענען זײַ מענשען רוהיגע, שטילע — ליעבען אַ רוהיג לעבען. מרדכי איז נישט קיין יאָגער-לויפער, איז נישט פערקאָכט, פערברענט נאָך דעם רובל. רײַסט נישט איין קיין וועלטען. וויעפיל איהם איז אָנגעחתמ'ט וועט פון זײַן האנד נישט אוועק, און וואָס גאָט שיקט צו — איז אַ דאנק זײַן נאָמען...

וויעפיעל דאַרפען צוויי מענשען?...

שטענדיג זוכט ער ערגעץ אַ נאָהענטע יאודע. דאָס רוב חאַפּט ער זיך צו מיט אַ פּאַסאַזשיר צום באַהן. ער וויל פון דער-היים נישט ווײַט פערשלאָגען. אַ פּאָר שעה אַרויסגעפאָהרען און באַלד צוריק. אין וועג האָט ער נישט דעם עסען, דעם אויסרוה וואָס אין דערהיים.

ביילה קען שוין איהם, ווייס זײַן געשמאַק, וואָס ער ליעבט און וואָס נישט, וואָס ער מעג עסען און וואָס ער טאָר נישט. אין דערפריה אַ גלעזעל ציקאָריע מיט אַ שטיקעל קיכעל, צו מיטאָג אַ שטיקעלע פלײַש. זײַ עסען צוזאַמען, ער זיצט אין בעט, זי אויף אַ טאַבורעטקע. זי צושנײַדט דאָס פלײַש אויף ברעקלאַך, קלויבט פאַר איהם אויס דאָס בעסערע, און ווינשט: עס זאָל איהם וואָהל בעקומען...

זײַער דירה איז בײַ יחזקאל דעם שמיד אין אַנ'אַלקיר. דאָרט וואָהנען זײַ שוין פון יאָהרען לאַנג. זײַ האָבען זיך אַזוי צו גע-וואָהנט מיט דער שטוב, מיט דעם אַלקיר, ווי דאָס וואָלט גע-

ווען זייער אייגענס. איין חסרון נאָר וואָס זיי האָבען קיין שטאַל נישט און מוזען האַלטען דאָס פֿערד אין דער פֿרעמד. אַלע מאָל ערגעץ אַנדערש, און פֿרעמדע בהמות זאָלען ביי איהם די היי אויפֿעסען.

ווען ער דאַרף ערגעץ אַרויספֿאָהרען, לאָזט זי איהם נישט פֿון שטוב, ביז ער האָט עפּעס „איבערגעריבען". זי קוקט ווי ער עסט, קוועלט אָן, שמעלצט זיך און ווערט זאַט ווי זי וואָלט אַליין געגעסען, דערנאָך העלפֿט זי איהם אָנטהון דעם פּעלץ, שפּילעט צו, גאַרטעלט איהם אַרום, שטעקט איהם אַריין אין קעשענע אַ שטיקעל קיגיל, וואָס איז געבליבען פֿון שבת — זי האַלט זיך נאָך — און ער איז שוין אַזוי שוואַך, אויסגעמוטשעט: ווייניג איז ער אויסגעפֿאָהרען אין זיין לעבען...

ווען מ'דאַרף דאָס פֿערד איינשפּאַנען, געהען זיי ביידע, פֿיהרען אַרוים דעם וואָגען פֿון שטאַל, טהוען אָן דער שקאַפּע, רופֿען איהר ביים נאָמען, רעדען מיט איהר אויף גויש. זי איז שוין מיט זיי איינגעוואָהנט, פֿערשטעהט די שפּראַך — איז שוין ביי זיי אַ היבש ביסעל יאָהרען, זיסיל איז נאָך אַ קינד געווען — געהט אַריין אין די אָגלאָבליעס, ציהט אויס דעם קאָפּ צום שפּאַנען, ווי זי וואָלט גלייך מיט זיי פֿערשטאַנען: עס וועט נישט העלפֿען, מ'מוז פֿאָהרען...

ביילה זעהט, אויב עס איז קאַלט, ער זאָל באַלד אָנטהון דעם פּלאַשץ—די שלעכטע וועטערן שאַדען איהם באַלד— זי נעהמט אַראָב די פֿאַטשיילע פֿון קאָפּ און בינדט איהם אַרום אויפֿ'ן האַלז. ער זאָגט: „ביילה, זיי געזונד" און זי ענטפֿערט. „פֿאָהר געזונד, קום געזונד — זוים זיך נישט, איך וואַרט אויף דיר מיט דעם מיטאָג", שטילערהייד: „ליבער גאָט עס זאָל חלילה אין וועג מיט איהם נישט וואָס טרעפֿען. טאַטע זיסער! ביידע אין איין טאָג" — — — זי בעגלייט איהם אַ שטיקעל, שטעהט און קוקט ביז ער פֿערדרעהט זיך מיט דעם וואָגען פֿאַר'ן ראָג — אין דער צווייטער גאַס, און איז ניטאָ...

פֿאַרנאַכט ווען ער דאַרף קומען פֿון באַהן ווייס זי שוין די צייט — הייבט זי אָן איהם אויסקוקען, ווערט זי אומרוהיג — שטעלט זיך אין פֿענסטער, חאַפּט זיך אַרויס פֿאַר דער טהיר, טהוט אָן די גרויסע פֿאַטשיילע אוועק אין לייפֿט אין מאַרק אַ קוק

טהון צו דער קאָברינער גאַס, צי עס פאָהרען שוין בעלי־עגלות פון באהן.

אַט קומט ער אָן. פון דער וויטענס דערקענט זי די שקאַ־פע, דעם גאַנג איהרען, זײַן זיצען אין וואָגען אײַנגעוויקעלט אין פלאַשען — זי וואַרט ביז ער לאָזט אראָב די פּאַסאַזשירען און פאָהרט אהיים. זי געהט בײַ'ם זײַט צוהאַלטענדיג זיך בײַ'ם לײַטער. ווען עס איז אַ בלאָטע אין גאַס, זעצט זי זיך אין וואָגען, פרעגט זיך אויס, וואָס ער מאַכט, ווי ער פיהלט זיך, צי האָט ער נישט פערגעסען דאָס שטיקעל קיכעל איבערקײַען, וויפיל האָט ער פערדינט — ביז צום שטאַל.

שפּאַנען זיי אויס דעם פערד, פיהרען אַרײַן דעם וואָגען: היי און האָבער איז צוגעגרייט פון בײַטאָג — דאָס איז שוין איהר אַרבײַט — און געהען אין שטוב — — —

דער אַלקעריל איז רײַן צוגעקליבען. קליין, און שמעקט מיט וואַרעם, זי נעהמט אַרוים פון אויבען אַ קליין טעפּעלע מיט דעם מיטאָג — אַלטע מענשען, וויפיעל דאַרפען זיי — צינדען אָן דאָס לעמפּעל און זעצען זיך צום טיש.

נאָכ'ן עסען געהט ער אין בית־המדרש דאַווענען מנחה און הערען אַ אידיש וואָרט ביז איבער מעריב, זי זוכט אויף עפּעס צו טהון, פערריכטען צי צירעווען. הערט זיך אײַן אַלע מאָל צום גאַס, צי ער געהט שוין און דערלעבט קוים איהם דערזעהן — אײַן אומעט פאַלט אויף איהר אָן ווען זי בלײַבט אַליין אין שטוב...

אויף בײַנאַכט פאָהרט ער ערגעץ נישט. מ'זאָל איהם אפילו די שטוב מיט געלד אָנשיטען.

נישטאָ! שוין אַוועק די יאָהרען...

ער דערזעהט שוין אויך נישט אין וועג, און ווען ער שלאָפט אַ נאַכט נישט אין דער היים, פיהלט ער זיך דערנאָך אַ גאַנצע וואָך צובראָכען, און קאָן צו זיך נישט קומען — דעם מנחה און מעריב וועט ער פאַר קיין פרייז אין דער וועלט נישט פערקויפען. מ'דאַרף שוין אין זינען האָבען, זיך עפּעס צו גרייטען אין וועג־אַרײַן. נישט אײַביג לעבט דער מענש...

דעם לעצטען יאָהר איז מרדכי אינגאַנצען אראָב.

עס איז געוואָרען איהם ניט צו דערקענען. ער פֿיהלט, אַז ער ווערט פֿון טאָג צו טאָג שוואַכער, ווען ניט די האָבער. וואָס מ'דאַרף אַלע טאָג פֿאַר'ן פֿערד, וואָלט ער זיך פֿאַרגונען אויסצורוהען אַ פּאָר וואָכען — פֿאַר זיך וואָלט זיך נאָך געפֿונען: די קינדער וואַרפֿען אויך אַ מאָל עפּעס אַרײַן.

עס איז געווען אַ פֿײַלער סוף־כסלו טאָג, אויף דער נאַכט האָט געזאָלט זײַן די ערשטע ליכטיל. מרדכי'ן איז אַפֿילו אין געדאַנק נישט געווען אײַנצושפּאַנען. דערווײַל האָט זיך אין דערפֿריה געמאַכט אַ גוטע יאַזדע מיט אַ פּריץ. נישט ווײַט אין אַ הויף, אין גאַנצען אַ פּאָר וויאָרסט, איז איהם געווען אַ שאָד אַרויסצולאָזען, די צײַטען זענען שלעכט — בעסער אַ קאָפּיקע פֿון גאָטס האַנד, איידער אַ רובל פֿון אַ מענשען.

ער וועט געוויס צוריק זײַן אַרום האַלבען טאָג, שפּעטסטענס — אַ פּאָר שעה פֿאַר מיטאָג.

ווען זיי זענען אַרויסגעגאַנגען אײַנשפּאַנען האָט געזוימעט אַ דראָבנער און קאַלטער רעגעלע. אין דער לופֿט איז אַ געדיכטער טומאַן געהאַנגען — אַלעס איז געווען, ווי אין אַ וואָלקען אײַנגעטוליעט.

די שקאַפּע איז קוים פֿון שטאַל, עפּעס איז זי פֿויל — און וואַקעלט זיך, די זײַטען אײַנגעפֿאַלען...

עס נעהמט אָן בײַם האַרצען. אין אַזאַ פֿוילע קעלט, אין אַזאַ גזלנ'דיגע וועג, צו טרײַבען אַ פֿערד — אַנ'אַלט אויסגעמוטשעט פֿערד — פֿאַר אַפּאָר גילדען. ער פֿיהלט זיך אַליין אויך עפּעס נישט אין גאַנצען, ווען ביילה וואָלט דאָס וויסען, זי וואָלט איהם נישט געלאָזען פֿאָהרען. נאָר ער מאַכט זיך האַרץ, שפּאַנט דאָס פֿערד, איך ווײַס, אַ געשעפֿט, צו וואָס זאָל ער איהר אָנטהון עגמת־נפש...

איהר געפֿעהלט ניט דער גאַנצער עסק. אַ גוס רעגען און אַ שלעכטע וועג — מ'קאָן פֿון שטאָדט ניט אַרויספֿאָהרען, עס דאַכט זיך איהר, אַז ער איז אויך עפּעס ניט, ווי עס דאַרף צו זײַן. נאָר זי וויל איהם דעם מוט ניט צושלאָגען. לאָזט זי איהם...

זי האָט איהם אָנגעטהון, גוט פֿאַרוויקעלט, אײַנגעבונדען, האָט איהם עפּעס אין קעשענע אַרײַנגעשטעקט. און אַז ער איז אַב־

געפאהרען, האט זי לאנג איהם נאכגעקוקט מיט אזא ליעבע און מיטלייד: אויף די עלטערע יאהרען, מיט א שוואך געזונד, האט זיך שוין געמעגט אביסעל אויסרוהען.

און זייענדיג בעגלייט מיט א שטילער ברכה, איז ער פער-שוואונדען אין נעבעל...

אין שטאדט איז נאך צו דערליידען. וואו ניט וואו זענען אנגעווארפען שטיקלעך ציגעל, לעהם — נאך פון דער גרויסער שרפה — נאר אונטערן שטאדט האט זיך אנגעהויבען די אמת'ע וועג. פראסט דערטרונקען צו ווערען. דאס פערד קוים וואס ער שלעפט ארויס א פוס, אלע מאל שטעלט ער זיך אב, סאפעט, די זייטען הויבען זיך, פאכען, ווי א שמידישער-זאק און שלעפט זיך ווייטער...

ארום איז טוידט, אלעס איז אבגעשטארבען, פוסטע שווארצע פעלדער, טרויעריגע, האבען זיך אין א געדיכטען טומאן איינגעוויקעלט, גלייך ווי די ביימער האבען אויסגעטהון, אראבגעווארפען פון זיך זייער צירונג, ריכטען אב אבלות, זעהען אוים ווי פערוואגעלטע יתומים-קינדער, ציטערן פאר קעלט, וויינען נאך דער מאמע און לאזען זיך ניט איין-נעהמען...

און אויבען ביי די הארטע בלייענע הימלען האט זיך אויך א רחמנות דערוועקט. גיסען זיי מיט טרעהרען, אלץ שטארבט אב, ווערט פאוויאלעט.

דער פריץ האט זיך אין זיין גרויסען פוטער איינגעוויקעלט, זיך אויף דעם שטרוי אויסגעצויגען, דאס געזיכט איבערגעדעקט, ליגט, ריהרט זיך נישט, ווי גאר ניט קיין לעבעדיגער.

מרדכי'ן דריקט דאס הארץ אויף דאס פערד, דער טייוועל האט איהם אנגעטראגען, ער זאל אין אזא וועטער פון דערהיים ארויספאהרען, ער וויל פון וואגען אראב, עס זאל עטוואס גרינגער ווערען, ער פיהלט: עס טהוט איהם אלץ וועה, ער קאן מיט קיין גליד ניט ריהרען...

ווען זיי זענען אין הויף געקומען — האט זיך שוין דער פארנאכט אנגעהויבען אנרוקען, דער פריץ איז פון וואגען אראב, האט זיך אויסגעגלייכט, די ביינער אויסגעצויגען. פוי, דאס איז געוועזען א וועג... ער קוקט מיטליידיג אויף מרדכי'ן, אויף דער אויסגעמוטשעטער שקאפע, צוריק אויף מרדכי'ן.

ער בעצאָהלט איהם ווי מ'איז מושוה געוואָרען — לעגט נאָך צו אויף ביער און אריין אין שטוב...

אין הויף הייבט מען אָן מרדכי'ן איינרעדען ער זאָל אבי סעל אָבּרוהען, צו פאשען דאָס פערד. ער קוקט אויף איהר. עס פערחאפּט איהם בײם הארצען, זי זעהט אוים ווי א שכורה, טרײסעלט זיך, די זײטען אײנגעפאלען, דער קאָפּ אראָב געלאָזען הענגט ביז צו דער ערד.

ער דערמאָנט זיך אָן דער היים, ביילה!.. זי וועט זיך קיין אָרט געפינען, זי וועט פון זינען אראָב... און הײנט איז חנוכה, די ערשטע ליכט'ל. ער לאָזט זיך גאָרניט רעדען, פארקירעוועט דאָס פערד און וואָגען, זאָגט א גוטע נאכט און פאָהרט צוריק...

אין דרויסען האָט די נאכט אָנגעהויבען צו פאלען, און די לופט ווערט אלץ פינסטערער און געדיכטער, ווי עס וואָלטען זיך אײנע נאָך די אנדערע פעסער געדיכטע פינסטערקײט ארײנגעגאָסען און איהר אָנגעפילט.

דאָס פערד ציהט, שלעפּט זיך, קוים וואָס עס שטעלט א פוס, דערנאָך הויבען אָן קומען וויבויען אײנע נאָך די אנדערע, יעדעס מאָל מיט איין אנדער ראָד אין א גרוב. דאָס פערד שטעלט זיך, חאפּט דעם אָטהעם, רוהט זיך אָב, ציהט ארוים, און שלעפּט ווײטער.

און דער טאָג איז אוועק, ערד מיט הימעל ווערען אין איין שווערע בלײענע שטיק צוזאמענגעגאָסען, עס איז נאכט און פינסטער.

דעם וועג זעהט ער שוין נישט, ער לאָזט אָב די לײצעס. זאָל דאָס פערד אליין געהן:

די גריבער הײבען אָן ווערען אלץ אָפטער און אָפטער. אָט וואַרפט איהם פון וואָגען ארוים. דאָס פינסטערניש געדיכט, חאָטש טאפּ אָן מיט דער האנד. א וויבוי נאָך א וויבוי — און דער וואָגען האָט זיך געשטעלט...

ער קריכט אראָב, מיט דעם אלטען דארען רוקען הויבט ער זונטער דעם זײט ויאָגען, מיט דעם לעצטען כח גיעט ער דער שקאפע איין איבפּעט. א פּאָר גוטע בײטשען, הו-וויא! וויא! און איז מיט מזל ארוים — — —

עֶר דראַפּעֶט זיךְ צוריק אויף דעֶם וואָגעֶן און מ'פאָהרט ווייטעֶר ...

וואוהין ? ... ווייס עֶר אַליין נישט . — עֶר האָט שוין אינגאַנצעֶן פעֶרלאָרעֶן דעֶם חשבון , וואו זיי קאָנעֶן עֶרשט זיין , — עֶר פעֶרלאָזט זיךְ אויף גאָט , און אויף דעֶר שקאַפּיץ להבדיל , דעֶם וועֶג אהיים וועֶט זי מן הסתם טרעֶפעֶן .

און ביי'ן האַרצעֶן איז עֶפּעֶס לייִדיג , פּוסט , עֶס ציהט צים חלש'ן , פון דעֶם קיבעֶל וואָס אין טאַש האָט עֶר פעֶרגעֶסעֶן , נישט געֶוועֶן דעֶר קאָפּ דאַצו , עֶרשט איז נישט קיין צייט פון עֶסעֶן . עֶרשט איז שוין צייט צו דאַוונעֶן מעריב , בעֶנשעֶן חנוכה־ליכטלעֶך . מנחה האָט עֶר געֶדאַווענט אין וואָגעֶן — א בעל־עגלה'שעֶר דאַוונעֶן ...

און דאָרט האָבעֶן זיךְ אלעֶ יודעֶן צוזאַמעֶנגעֶקליבעֶן , א גאַנצעֶר עולם — מ'דאַווענט מנחה און מעריב — מ'הערט בעֶנשעֶן חנוכה־ליכטלעֶך , אידעֶן זעֶנעֶן נאָהנט צוזאַמעֶן , עֶס איז אזוי וואַרעֶם , ליכטיג און היימיש — נאָר עֶר אליין איז פעֶרשאָלטעֶן , פעֶרוואָרפעֶן עֶרגעֶץ אין דער נאַכט , צווישעֶן הימעֶל און בלאָטעֶ , פעֶרגעֶסעֶן פון גאָט און פון יודעֶן ...

און וואָס פאַר א שרעֶקליכעֶ נאַכט דאָס איז . שדים פיהרעֶן איהם היינט . דער שטן האָט איהם אָנגעֶרעֶדט צו פאָהרעֶן . וועֶר ווייס , וואָס דאָס איז געֶוועֶן פאַר א פּריץ ...

און עֶס פאַלט איהם איין , אז עֶר מוז זיין פון יעֶנעֶ חברה , עֶר האָט מיט איהם די גאַנצעֶ צייט א וואָרט ניט געֶרעֶדט , עֶר האָט אַפילו זיין פּנים נישט געֶזעֶהן ...

עֶר הייבט אָן אין וואָגעֶן צו טאַפּעֶן , פילייכט געֶפינט זיךְ א ברעֶקעֶל אייזעֶן , וואָלט עֶר דאָס אין קעֶשעֶנעֶ געֶנומעֶן , דעֶרפאַר ציטעֶר'ן „זיי“ . נאָר ווי אויף צו להכעיס נישטאָ , גאָרנישט . תּמיד וואַלגעֶרט זיךְ אין וואָגעֶן א שטיקעֶל פּאָדקאָווע , א צוואָק , א רינג ...

עֶר בעֶטראַכט , טאַפּט די ציצית — צעֶהלט אדורךְ די פּעֶדים — אין איינער איז נאָר זיבעֶן ... עֶר ווערט בייז אויף זיךְ אליין : אַנ'אַלטעֶר בעל־עגלה און פאָהרט אַרום אין וועֶג ווי א אינגעֶל ...

אָט שטעֶלט זיךְ איהם פאַר די היים , זי שטעֶהט פאַר די אויגעֶן : ביילה ... לויפט אַרום ווי א משוגע'נעֶ , עֶר האָט געֶזאָלט קומעֶן נאָךְ בייטאָג און עֶרשט איז שוין שפּעֶט אין אָוועֶנד . זי קוקט אין פעֶנסטעֶר , חאַפּט זיךְ אַרויס אין גאַס , קוממט אַריין און לויפט

ווידער, אין אַלע פֿענסטער איז ליכטיג. די הייליגע ליכטלעך דרינגען אַרײַן, שנײַדען אַדורך די דיקע נאַכט־פֿינסטערקייט — נאָר בײַ איהר איז פֿינסטער, ווי בײַ גוים.

עס פֿאַרשלאָגט איהם דער אָטהעם. אַ היץ זעצט איהם אין פּנים. אין קאָפּ טומעלט, דרעהט זיך אַלעס ווי אַ ווינדמיהל. דער וועג איז לאַנג, שלעפּט זיך, נעהמט גאָר קיין ענדע — און אַ פֿינסטערקייט אַ דיקע און אַ שווערע. אַלעס אַרום איז אויסגעשטאָרבען, נישט צו זעהן קיין לעבעדיגען נפֿש. נישט עס געהט ווער, נישט מ'הערט וועמען פֿאָהרען. נישטאָ קיין ישוב, נישט עס לײַכט זיך וואו, נישט מ'הערט פֿון ערגעץ אַ הונד בילען...

עס הערט זיך נאָר דאָס סאָפּען פֿון פֿערד, וואָס אַרבײַט שוין מיט די לעצטע כּחות, אַ זימזען פֿון דעם רעגעלע, אַ פֿײַפֿערײַ פֿון ווינד, אַ קנעטען אין דער בלאָטע פֿון דעם פֿערד'ס פֿיס און דאָס קלאַפּען פֿון זײַן אייגען האַרץ — — — —

און די צײַט ציהט זיך, זעהט אויס אַזוי לאַנג. — גאַנצע יאָהרען, דוכט איהם, זענען שוין אַדורך, ער שטרענגט זיך אָן. ער וואָלט וועלען וויסען, וואו זײַ געפֿינען זיך ערגעץ, ער קוקט טיעף אין דער פֿינסטער פֿון וואָגען אַראָב, אפֿשר איז דאָ אַ בעקאַנטער שטיין, אַ בוים בײַ'ן זײַט וועג. אפֿשר לײַכט זיך פֿאָרט פֿון ערגעץ. ס'איז גאָרנישט צו זעהן, אַ פֿינסטערער אָבגרונד...

עס מוז שוין אַוודאי זײַן האַלבע נאַכט — ביילה וועט דאָרט משוגע ווערען.

און עס קומען איהם אויפֿ'ן געדאַנק מעשיות — אומעטיגע בעל־עגלה'שע מעשיות: ווער ווייס אויב דאָס איז נישט זײַן לעצטע יאַזדע... ער גיעט אין גאַנצען אַ ציטער פֿון געדאַנק. עס ווערט איהם מאָרנע באַנג און אַ מיטלייד צו ביילה'ן, ער וואָלט זי וועלען זעהן, חאָטש איין מינוט, צום לעצטען מאָל אַ קוק טהון אויף איהר, צו רײדען מיט די קינדער, חאָטש איין וואָרט פֿאַר'ן טויט, ער וואָלט זײַ בעטען — זײַ זאָלען עהרליך האַלטען דער מאַמען. ביילה זאָל בלײַבען בײַ זיסלען, איהר האָט ער ליבער, דער אײדעם איז נישט קיין גראָבער יונג, פֿערשטעהט אַ ספֿר, זײַ וועלען איהר עהרליך האַלטען —

אויפֿ'ן בוידעם אין אַ סטריכע צווישען היי האָט ער אין

איין שמאטע עטליכע רובל פערשטעקט, גראָשענווייז האָט ער דאָס צוזאמענגעקליבען, נישט געוואָלט שטארבען אין פרעמדע תּכריכים — זאָל מען פאר איהם קויפען א שענעם אָרט — — —

דעם פערד און וואָגען און שטוב-זאַכען זאָל מען פערקויפען און אָבנעהמענדיג איהר כתובה, זאָל זי דאָס אַוועקגעבען אויף פראָצענט. נישט אַוועקגעבען קיין קינד פאר'ן לעבען... פאר די איבעריגע זאָל מען דינגען א קדיש און מ'זאָל לערנען משניות...

---

פלוצלונג — סטאָפ! האָט זיך געשטעלט דער פערד, איינ-געגראָזנעט, אריין אין א טיעפען וויבוי — און ריהרט נישט פון אָרט. ער פרובט זיך אראָב פון וואָגען — עס געהט נישט, ער קאָן מיט קיין גליעד נישט ריהרען, ווי עס וואָלט איהם אלעס אָבגענומען, דער קאָפ הייבט איהם אָן שטארק צו דרעהען, און א שווינדעל פאר די אויגען — ער ווייסט שוין באַלד גאָרנישט, ער פיהלט גאָרנישט, אלעס איז אויסגעמישט מיט א געדיכטע פינסטערע פוסטקייט...

ער רעכענט, אז דאָס איז שוין זיין סוף, ער זאָגט וידוי... ער דערמאָהנט זיך א קאַפּיטעל תהלים, זאָגט מיט הארץ. עס ווילט זיך איהם שטארבען ווי א איד, עס קרענקט איהם פאר וואָס קיינער איז נישטאָ ביי זיין טויט. הלואי וואָלט דאָ געווען ביילה, דאָס גאַנצע לעבען... און ערשט... שטארבט ער עלענד, פערוואָר-פען אונטער דער וועלט, אליין, נעבען פערד — — —

*
* *

אין דערפריה. בעלי-עגלות האָבען זיך אָנגעהויבען אין דער וועלט אַרויסלאָזען, האָבען זיי געפונען מרדכי'ן א פערחלש'טען, איינגעגראָזנעט אין דער בלאָטע מיט'ן פערד און וואָגען, האָבען זיי אַרויסגעשלעפט, איינגעשפּאַנט אַנ'אַנדער פערד, און געבראַכט אין שטאָדט.

אין שטאָדט איז געוואָרען א גערודער, מרדכי דעם בעל-עגלה האָט מען געבראַכט קוים א לעבעדיגען. אלע לויפען נאָך דער פוהר, ווייבער קלויבען זיך אַרום שטוב. ברעכען די הענד און שפּאַרען זיך איהם אין פנים אַריינקוקען...

האָט מען דעם פֿערד אין שטאַל געבראַכט, איהם — פֿון וואָגע אַראָבגענומען, אין שטוב אַרייַנגעטראָגען, אויסגעטהון, געלייגט אין בעט, איינגעדעקט, דערוואַרעמט, געגעבען צו דערקוויקען.

ביילה זיצט נעבען איהם אויפ'ן בעט, טוליעט איהם צו, דעקט איהר בעסער איין. אין די אויגען שטעהען פֿערקיהלטע טרעהרען און זענען רויט און אָנגעשוואָלען.

מרדכי פֿערקוקט זיך אויף איהר. עס טרעפֿען זיך זייערע בליקען.

„— הא, וואָס ביילה? מרדכי האָט זיך אויסגעפֿאָהרען"...

ביידע האָבען זיך צוויינט...

# פְרַײטָאג צו נַאכְטְס.

---

אַלע זעקס טעג פון דער וואָך ווערען געשפּײַזט צוליעב דעם ליבען שבת קודש.

נאָר דער פרײַטאָג איז אין גאַנצען משועבד צו'ם שבת, צוגעבונדען צו איהם. דאָס גאַנצע בעשאַפען ווערען זײַנס איז — כדי עס זאָל באַלד נאָך איהם קומען דער ליבער שבת.

אָנגרײַטען, שבת מאַכען, אָבוואַשען זיך, אויספּוצען. אָנטהון זיך און זײַן גרײַט צו ערוואַרטען דעם שענעם גאַסט.

דאָס איז אַ מין פּאָדער הויז, טהו-אוים די קאַלאָשען, דעם פּאַלטאָ, מאַך זיך אין אָרדנונג, אַ קוק אין שפּיגעל און ערשט דאַן קומט מען אַרײַן.

דער פרײַטאָג אַלײן פאַר זיך איז אַ טפל, אַ גאָרניט. אַ בּים, אַ חאַפּ לויפענדיג אומגעוואַשען. פאַרנאַכט עסט מען שוין ניט, עס איז ניט כדאי: אויף דער נאַכט וואַרט די ערשטע שבת'דיגע סעודה.

דאָס גאַנצע גרויסקײַט זײַנס, איז נאָר — וואָס מען מאַכט אין איהם שבת, וואָס ער איז ערב-שבת. עפּעס אויסגעמישט, האַלב שבת, האַלב וואָך, די וואָך רוקט זיך אָב בּיסלעכווײַז, מאַכט אַ וועג פאַר דעם שבת.

ווער ווײס, וואָס פאַר אַ פּנים ער וואָלט האָבען ווען עס זאָל באַלד נאָך איהם ניט קומען דער שבת — — — — — — — — — — — — — — — —

פארנאכט פיהלט מען זיך כמעט ווי שבת'דיג, א דורכגעגאנגען דעם פרוזדור (פאדערהויז) און מען איז שוין באלד אין טרקלין (זאל).

בת מלכה'ס, בני מלכים, שיינענדיגע שבת'דיגע פנימער, אבגעוואשען, שען פארקעמט, זויבער קלארע בלוזעס, א ריין קראגען. אבגעפוצט די שיך. עס שטעלט זיך ווער אין פענסטער, מען געהט ארויס פאר דער טהיר, מען ווארפט זיך איבער מיט א ווארט.

עס בענקט זיך צו דער שטילער נאכט, צו די מיליאנען רייצענדע שטערנדלעך, צו דעם בלויען נאכט-הימעל, נאך דעם שיין פון די בענש-ליכט וואס צוגיסט זיך איבער דאס גאנצע שטעדטעל און אין דער ווייכער, קיהלער נאכט ארײן.

---

די פרייטאג'דיגע זון הייבט זיך אן אראבלאזען אראב אין מערב-זייט, און פון מזרח שווימט ארויס א גרויסע שענע נייגעבוירענע לבנה מיט א רויטליך פנים ווי א פריש געבוירען קינד, עס בעגעגענט זיך אויף די האלב-שבת'דיגע, האלב-וואכעדיגע הימלען די שבת'דיגע לבנה מיט דער וואכעדיגער זון.

די זון פערשעמט זיך, פאלט איהר איין דאס בלוט אין פנים, ווערט זי רויט. פארוואס זי איז נאך אין וואכענדיגען, זוכט א וועג, ווי זיך ארויסצוחאפען, געהט הינטער-פיסלעך. מאכט א רעווערענס, גיבט זיך א נייג א מין ווילקאמען, און אדיע... וויל נאך עפעס זאגען, שטאמעלט מיט'ן צונג, און רוקט זיך ארויס, בעהאלט זיך הינטער די הויכע טאפאליעס פון דער גרעבלע, חאפט א קוק דורך די צווייגען, ווי זי וואלט זיך שטעלען אויף די שפיץ פינגער, וויל ארייננקוקען דורך דעם פענסטער... און איז שוין ניטא... צוגיסט זיך אין א טיעפער פערדריסליכער בענקשאפט „אלעס. אלעס האב איך צוגערייט. די גאנצע שמחה געמאכט, געקאכט, געבאקען — און, אז עס קומט צו דער סעודה. הייסט מען מיר אוועקגעהן"...

— — — — — — — — — — — —

א קיהלע ווייכע געטרייע נאכט האט זיך אין דער לופט אריינגעגאסען, איבער דאס גאנצע שטעדטעל צושפרייט די

ליעבע שבת מלכּתא איהרע ברייטע ווייסע שׁענע פֿליגעל.

— — — — — — — — — — — —

אַ קליין אַלט פֿאַרהויקערט בית־המדרש׳ל, בעלויכטען מיט יאָהר־צייט־ליכט, די פֿענסטער זענען אָפֿען צום שוהל־הויף, עס הערט זיך אַנ׳אומעדיג׳ער דריי־וואָכעדיג׳ער לכה־דודי־ניגונ׳דעל, האַלב־שעמעוודיג האַלב־דרייסט, ווי מען וואָלט זיך געשעמט פֿאַר דער שענער שבת־מלכּתא. אין דעם נאָך־האַלב־וואָכעדיגען פּנים פֿון דער וואָכעדיגער מנחה...

דאָס ניגונ׳דיל חאַפּט זיך אַדורך דורכ׳ן פֿענסטער, צו־טראָגט זיך איבער דעם שטעדטיל. ווייבער דערהערען, געהען צו פֿאַר דעם פֿענסטער, רייבען־איבער די הענד מיט אַ ביסעל זאַמד און זאָגען נאָך.

די ביימלעך חאַפּען־אויף דעם לכה־דודי ניגון. געבען איבער איינער דעם צווייטען שטילערהייד, ווי אַ סוד דעם דריטען, דעם פֿירטען, ביז דער גרעבלע־צו. הורען איהם איין, ווייסען איהם שוין באַלד אויף אויסענווענדיג און זינגען שטיל מיט. עס גיבט אַ בלאָז אַ שטיל ווינטעל. זיי צושאָקלען זיך, ווי זיי וואָלטען דאַווע־נען מיט כּונה. עס שעלעשצען די בלעטלעך, סוד׳ען זיך, קושען זיך שטיל, רוהיג, שבת׳דיג.

דאָס שטעדטעל איז מקבל שבת...

און אויף אַלץ שוועבט אַרום אַ טיעפֿער און אַ ווייכער שבת־סוד.

— — — — — — — — — — — —

עס הערט זיך די קדושת־שבת פֿון די הייזער. זיי מאַכען שבת פֿאַר זיך. יעדע שטוב איז אַליין בעל־הבית׳טע, שוין אַראָב פֿון קעסט. מאַכט אַליין שבת, מישט זיך ניט מיט קיינעם. האָט אַלץ אייגענס, צוגיסט איהר שיין דורך דעם פֿענסטער איבער דער גאַנצער גאַס, ווי זי וואָלט וועלען אַלעמען ווייזען ווי שען ביי איהר איז שבת געמאַכט...

גאָטס גייסט שוועבט אַרום אומעדום, מלאָכים געהען נאָך, בעגלייטען יעדען ביז אין שטוב אַריין:

דאָס שטיבעל איז שבת׳דיג. אויף אַלעם איז אויסגעגאָסען אַ ווייכע הייליגקייט, די שכינה רוהט דאָ אין שטוב!...

עס זינגט ווער אוים אַ ניגונ׳דעל. אַזוי לייבט, ווייך, ווי

מען וואָלט זיך בעטען: נעהם מיין קאָפּ אין שוים. קוש, גלעט זיידען־ווייך און פּאָרזיכטיג, ער צוטראָגט זיך איבער דער גאַס, אונטער׳ן שטאָדט, אויף דער לאָנקע, דער גרעבלע, צווייגט די הויכע טאָפּאָליעס. חאַפּט זי אַרויף אויפ׳ן וואַקלענדיגען קאָר׳ן, צוהוידעט זיך אויף די ווייכע לייכט פליסענדע זאַנגען־חוואַלעס. און וויגט זיך אַזוי לאַנג אַהין און צוריק, ביז ער שלאָפט איין...

— — — — — — — — — — —

עס צוגיעסט זיך איבער׳ן שטעדטעל אַ מידע זיסקייט, אַ געשמאַקער ווייכער דרעמעל, עס הויבען־אָן אויסצוגעהן די גראָשענע ליכטעלעך, עס געהט ווער אַרויס פאַר דער טהיר אָהן אַ קאַפּאָטע, אין ווייסע אַרבעל פונ׳ם פרישען העמד, וואָס ער האָט אָנגעטהון לכבוד שבת. עס לויפט אַדורך אַ ציטער פון דער פרי־שער זאַפטיגער אָווענד־לופט, ער גיט אַ גענעץ, געהט אַריין אין שטוב און לעגט זיך שלאָפען. אַ מוטער האַלט דאָס ליעבע קינד אויפ׳ן שוים. גלעט עס מיט דער מאָגערער שאַרסקער האַנד איבער׳ן קעפּעל די זיידענע לאָקען, דאָס פנימ׳ל אַזוי ווייך און כשופ׳דיג, דאָס קינד פערגאַפט זיך, עפענט אויף דאָס מײַלכעל, פערמאַכט מיעד די אויגעלעך, הערט זיך צו צו׳ם גלעטען, זופט, שלינגט די קיהלקייט פון דער אַלטער טרוקענער האַנד...

אַלע זענען געבליבען מיעד פערשכורט פון דער צויבער־ווייכער שבת־לופט. — — — —

שטיל איז אין גאַס. עס שווימט נאָר אַרום די שבת־דיגע לבנה מיט אַליכטיגען מלכות׳דיג פנים; ווייך, לייכט, בנעימות׳דיג ווי אויפ׳ן רוקען פון אַ שטיל־שטיל־וואַסערעל, חאַפּט זי זיך דורך אַ וואָלקענדעל, בעהאַלט זיך און איז ווידער דאָ, מעשה־קונדס, אין גאַנצען נאָר איין שטיף; פרייטאָג־צו־נאַכטס נאָך דער סעודה גיעט זי אַרום די שטערענדלעך: „קומט, חברה. זעהען, ווי דאָס שטעדטעל האָט איהר שבת געמאַכט“. — — — —

די הײַזלעך זענען פאַרשלאָסען, נאָר זי איינע איז די נאַכט אויף, גיעט אַכטונג אויף דעם שבת׳דיגען שטעדטעל.

— — — — — — — — — — — —

עס גנב׳ט זיך אַרויס פון ערגעץ וואו אַ יונגעל פאָרזיכטיג, שטיל אויף די שפּיץ־פינגער, קומט צו צו אַ פענסטער, גיבט אַ קלאַפּ אין שויב, איינס, צוויי, לויט אַ צייכען, עס קומט באַלד

אַרױס אַ בלאַס מעדעל מיט אַ טוך אײַנגעװיקעלט, נעהמען זיך בײ די הענד װי קלײנע קינדער, זעצען זיך שטיל ערגעץ אונטער אַ געדיכטען בױם, װערען דערטרונקען אין דעם שאָטען. —

עס הערט זיך אַ שטילער לײַכטער שושקען.

אין דער לופט פונ'ם שטעדטעל קלינגט־אָב אַ װידער קו... פון אַ שבת'דיגען קוש...

◆ ◆ ◆ ◆ ◆ ◆ ◆ ◆ ◆ ◆ ◆ ◆ ◆ ◆

# די באבע און דער זיידע.

(געווידמעט דעם אנדענקען פון מין זיידען אברהם יעקב.)

ווען די אלטע, משה שמואל און רבקה, וועלכע זענען אויף יום טוב צו חיים'ען אין פערמע געפאהרען, זענען צום הויף צוגעקומען, האט אנגעהויבען שוין די נאכט צופאלען.

דריי גרויסע קודלאטע הינד האבען זיך פון הינטער דער „אבארע" געוויזען, איבער די אבגעשניטענע פעלדער ארורך, און מיט א פרעהליכען בילען זיי אנטקעגען געקומען; זיך אויסגעלייכט און פאראויס פאר די פערד צוריק אין הויף זיך געקעהרט.

די פערד האבען זיך פון דעם בעקאנטען בילען ווי פון עפעס אויפגעחאפט, זיך א טרייסעל געטהון, האבען די קעפ אויפגעהויבען, די אויערען אנגעשטעלט, צווישען זיך זיך איבערגעקוקט, האבען איינער דעם אנדערן איבערגעגעבען, אז די היים איז שוין באלד, און האבען ביידע פריינדליך די געשמידטע ברישקע א ציה געטהון, און מיט א לאנגען טריט פון דעם ברייטען וועג צו דער הויף-גרעבלע זיך פערנומען.

דער קוטשער האט זיך אין דער סוויטע א טשורכע געטהון, האט ברייט דאס מויל געעפענט, און א לאנגען הויכען געגעץ ארויסגעלאזען, פון וועלכען די פערד האבען זיך דערשראקען, דערנאך די לייצעם אין דער האנד צוזאמענגעקליבען, מיט דער

בייטש אַפּאָר מאָל די לופֿט צושניטען, ווי ער וואָלט מיט דעם סווישטש וועלען דעם הויף בעגריסען און מאַרינאַ דער „ראיקע“ אָנזאָגען: העי, מאַרישאַ, דיין האַרצענס-בעשערטער פֿאָהרט און האָט דיר פֿון שטאָדט אַ „גאָסטינעץ“ געבראַכט...

די אַלטע, וואָס זענען די גאַנצע צייט געזעסען, יעדער פֿאַר זיך געקלערט עפּעס, און געשוויגען, האָבען די אויגען אויפֿגעהויבען, מיט די בליקען זיך געטראָפֿען, פּונקט ווי זיי וואָלטען איינער פֿון דעם צווייטען זיך נאָר-וואָס דערוואוסט; און דער קוק איז געוועזען: זעהסט, דו ביסט אויך דאָ, איך האָב גאָר ווי פֿערגעסען...

די אַלטע האָט די פֿאַטשיילע צורעכט געמאַכט, מיט'ן פֿינגער איבער'ן שטער'ן אַ דורכגעפֿיהרט, עטליכע גרויע האָר אונטער'ן ציפּיק פֿערשטעקט און זיך פֿאָראויס פֿערקוקט.

דער אַלטער האָט דעם ספֿר, דעם אַלטען ספֿר, וואָס איז נאָך פֿון טאַטען אַ ירושה געבליבען, און וועלכען ער האָט יעצט מיט זיך אין הויף אַריין מיטגענומען, פֿון איין האַנד אויף דער צווייטער איבערגעלעגט, איהם אין דעם פּרוכת מיט די גרויסע זילבערנער ווערטער, פֿון זיין בר-מצוה געשאַנק, בעסער איינגעוויקעלט, פֿעסט צום האַרץ צוגעטוליעט און די בליקען אין דער וועלט געשיקט.

באַלד האָט זיך פֿון איבער'ן וואַלד די לבנה אַרויסגעוויזען, ווי זי וואָלט האָבען צוזאַמען ערשט מיט אַלע פֿון די הינד'ס בילען זיך אויפֿגעוועקט. און האָט איבער'ן זייטיגען גראָבען אַ פּאָר פֿערד, אַ בריטשקע, דריי מענשען — איינער אַ פֿריהער מיט אַ בייטש אין דער האַנד. און הינטען אַ פּאָר איינגענורעטע קעפּ, — צוויי עץ-חיים'לעך אויף דער ערד אָבגעשפּיגעלט און פֿון הינטער זיי די גרעבלע, דעם גראָבען מיט די קוסטען ביי די זייטען געלאָזט צוריקלויפֿען...

פֿון הויף האָבען זיך פֿייערלעך אין פֿענסטער געוויזען. אָט איז די אָבאָרע, די גרויסע אַלטע אָבאָרע מיט די געמויערטע סלופּעס, פֿון וועלכע עס קוקען אַרויס נאַקיטע גרויסע אַמאָליגע ציגעל.

הינטער דער אָבאָרע די אַלטע גרינע סאַזילקע מיט די לאָזינקעס אַרום איהר. ער געדענקט נאָך, ווי ער פֿלעגט קינד-

וויז זיך באדען אין איהר; קליינע הינטלעך טאפיען, שטיינער אויף די העלזלעך אנבינדען און אין וואסער ווארפען. דאס וואסער האט זיך ערשט מיט א געלע בלעטער-דעק בעצויגען, א ווינטעל האט זיך אויף דעם רוקען פון דער סאזילקע ארויפגעכאפט און האט דעם געלען פעלץ צושאקעלט, וואו-ניט-וואו זענען שפאלטען געווארען און האבען געלאזען די גרויסע פרישע האלב-חדש דיגע לבנה זיך אדורכבאדען.

אט זענען זיי דורך דעם טויער אין הויף אריינגעפאהרען. דער בעקאנטער הויף, אין מיטען דער אלטער מיעפער ברונען מיט די לאנגע קאריטעס צום פאיען. צוויי גוי'עס זענען פון אבאַרע מיט א פול שוימיג טונדיל מילך זיי דעם וועג אריבער. א גוי איז פון ערגעץ מיט א בינטעל היי צו די קעלבער געגאנגען און האט זיי „א גוטען אבענד" געזאגט. עס האבען זיך אין די פענסטער קינדער-קעפעלעך געוויזען. עס איז ווער פאר דער טהיר ארויס. עס האט ערגעץ אין „סטאינע" א פערבענקטער פערד דעם אריינפאהרען דערשפירט און האט זיך אין א לאנגען הירושען צוגאסען — האבען די איינגעשפאנטע צוריק געענטפערט: „מיר זענען שוין דא. אט באלד. באלד מיר האבען טייערע געסט געבראכט..."

באלד איז שטיל געווארען. די אלטע זענען אין שטוב אריין. די פערד האט מען אויסגעשפאנט, אין סטאינע געבראכט, און האבראק אנגעשאטען. ביי די פאראבקעס איז פינסטער געווארען. מארינע'ס הארצענס-געליעבטער איז נעבען איהר געזעסען, דעם גאסטינעץ איבערגעגעבען און שטילערהייד מעשיות פון שטאדט דערצעהלט. פון הינטער דער אבארע האבען זיך נאך איינינגע אבגעריסענע בילען געהערט.

און די נאכט, א שטילע, לופטיגע, קיהלע נאכט האט זיך איבער'ן הויף צוגאסען און די גאנצע פערמע אין זיך איינגעטוליעט...

---

ביי חיים דעם פערמער אין שטוב — איז ליכטיג. עס ברענט א גרויסער הענגלאמפ. אויפ'ן טיש דער סאמאוואר. ארום טיש זיצען אלטע טאטע-מאמע — זוהן, שנור און איניקלעך. מען פרעגט זיך אויס, וואס מען מאכט, וואס הערט זיך אין שטאדט. מען ענטפערט: „גארניט, אט ווי דו זעהסט, גאט צו דאנקען,

אפי מען לעבט". חיים איז צופריעדען, וואס זיי האבען איהם דעם כבוד אנגעטהון און אויף יום-טוב געקומען. „מאמע, איז דעם יאהר אויבס אין סאד געוועזען, א שאד, וואס איהר זענט ניט פריהער געקומען. האט מען בארען אנגעטריקענט — אז עס וועט אפשר אויף צוויי יאהר זיין קאמפאטען צו קאכען..." דער אלטער דערמאנט זיך עפעס פרעגען: „האט מען שוין קארן געזעהט? וויפיעל מארגעס האסטו אין אפאר? האט זיך היי-יאהר גוט דאס היי אראבגענומען, האבען די רעגענס ניט געשאדט? וויפיעל מעלקיגע בהמות האסטו? לעבט נאך דער אלטער פאסטוך פיליפ... אי-אי וויפיעל יאהר ער מוז שוין האבען!" — — —

ס'איז שטיל געווארען, ווי עס וואלט ווער מיט א מעסער איבערגעשניטען, אדער עס איז עפעס אדורכגעלאפען. אלע האבען זיך דארויף פערקוקט און שטיל געבליבען. די קינדער קוקען דערשראקען אויף די אלטע אונבעקאנטע, שעמען זיך, און ווען עס דרעהט ווער אום דעם קאפ צו זיי, בעהאלטען זיי די פנים'לעך און די הענטלעך, און האלטען זיך ביי צוויינען.

די אלטע קוקען ארום די שטוב. די זעלבע אלטע שטוב. זייער שטוב. זי איז געווארען שענער, איבערגעבויט, מיט טאפעטען, גארדינען אויף די פענסטער, שען צום יום-טוב צוגעקליבען...

אט דא איז ער געבוירען, אויסגעוואקסען. מיט זיין אלטען פיליפ נאך די קעלבער געלאפען, א בעהעלפער פון שטאדט צו איהם גענומען. פאר טאג מיט'ן טאטען א בלאט גמרא אדורכגעלערנט. אהער נאך דער חתונה צום טאטען אויף קעסט געקומען. דא האט איהם רבקה מיט חיים'ן געבענשט. ער וויל זיך דערמאנען, איהם דאכט זיך, אז ער האט זיך געשעמט אין שטאדט ווייזען. נאך אזוי יונג...

אט אהער איז זי כמעט א קינד מיט א ווייס ציפעקיל געקומען, צו דער שוויגער אין די הענד אריינגעפאלען. דא צום ערשטען מאל דערפיהלט, אז זי דארף א מוטער ווערען. אט דארט אין אלקער איז זי מיט חיים'ן צו קינד געגאנגען — שווער — דריי מעת לעת, אין שטאדט נאך א דאקטאר געשיקט. ער האט גאנצע נעכט תהלים געזאגט, מיט א שענעם נגון געזאגט און געוויינט...

ער האט אנגעהויבען אין דער ווערט ארויספאהרען. מיט'ן

טאַטען ניט ווייט אַ ברויז אין שותּפות גענומען. מיט מענשען זיך טרעפען, צו פּריצים אַריינקומען; בײ'ן גראַף אַ גאַנצער בן־בית געוואָרען. דערנאָך אַליין אָקסען אויף ברייהע געשטעלט, נאָך וואַרשאָ מיט זיי געגאַנגען. רבקה'ן פון דאָרט אַ שטערען־טיכעל געבראַכט. עד היום טראָגט זי עס נאָך...

אָט דאָ האָט זי בײלקע'ן געבאָרען. קוים דרײ חדשים אַדורכ־געלעבט. אַ ליעב קינד געווען, נאָר אַ שוואַכע ווי אַ הינדעלע; פון ברוסט האָט מען זי בײ איהר אַוועקגעריסען. פון בעט איז זי אַראָבגעלאָפען, האָט די פרעמדע יודען די אויגען געוואָלט אויס־קראַטשען, פון זיך די האָר געריסען... וואָלט שוין ערשט פון איהר אַ נחת געהאַט, אַ טאָכטער, אַן עלטערע טאָכטער מיט אויסגעגעבענע קינדער...

אָט דאָ איז געווען די עס־שטוב. דאָרט אין ווינקעל איז געשטאַנען אַ שאַפע מיט ספרים; אַ פּראָסטע ווײסע שאַפע, וואָס דער אַלטער, אַנדרע דער באָנדאַר, האָט פאַר אַ האַלבע בויט פלאַקס זי געמאַכט. יעצט שטעהט זי דאָרט און זאָל אַ געפּוצטע מיט שויבען. אָט דאָ אין ווינקעל איז אַן אייוועלע געווען.

און ווינטער פאַרטאָג. עס איז שטיל. אַלע שלאָפען. אין שטוב איז וואַרעם, נאָך פון נעכטען אײנגעהייצט. פענסטער אָנ־געפרוירענע, ווײסע פענסטער מיט שטרויענע לאָדענדלעך פון דרויסען; און אויף יענער זייט איז ווייס. אַ ווײסע וועלט, ווײסע פעלדער, ווײסע אַבאָרעס בעדעקט מיט שנײ, ווײסע סטויגען הײ אַרום דעם הויף, ווי זיי וואָלטען לכתחילה געמיינט דעם הויף פערשטעלען און דעם ווינטער ניט אַרײנלאָזען דערנאָך האָבען זײ אַליין פאַר גרוים שרעק פאַר דעם ווינטער, און ווינטער זיך אײנ־געטוליעט. דער גרויסער ברונען איז סכּנות אַרומגעפרוירען, און גאָר הויך, אויף דער שפּיץ פון דער קליטשקע, האָט זיך אַ ווײסע־שנייענע היטעלע אַרויפגעזעצט. עס הערט זיך אַ „מהו מהו" פון דער אַבאָרע. עס ענטפערט אַ בילען פון אַ הונד. די נאַכט איז אַזוי לאַנג און קאַלט. ערגעץ וואו זענען מענשען אין די וועגען, אין די וועלדער און פעלדער פערוואַלגערט... און ער איז אין דער היים בײ זיך אין שטוב. נעבען זיין ווײב און קינדער. זיי שלאָפען אַלע. ער הערט זייער עטהעמען. אָט האָט אַ קינד אַ פיסעל פון אונטער דער דעק אַרויסגעשטעקט. ער האָט עס צוריק אַרונטער־

געבראַכט. איהם אײַנגעדרעקט. ער האָט פֿון דער שאַפֿע אַ גמרא אַרויסגענומען, זיך בײַ'ם אויבען געזעצט, אַ שענע סוגיא אויפֿגעמישט. עס איז אויף דער נשמה אַזוי גרינג און שטיל...

אָט האָט מען חיים'ן התונה געמאַכט, פֿון ניט ווײַט, אַ שענעם שדוך געטהון. דער מחותן, אַ למדן, אַ ירא־שמים. דאָ זענען די שבע־ברכות געווען, גאַנצע אַכט טעג האָט מען געהוליעט, בראָנפֿען מיט גלעזער געטרונקען. די פּאַראָבקעס האָבען פֿון שכרות זיך אונטער די ווענען געוואַלגערט. טאַטע־מאַמע האָבען נאָך געלעבט, נחת דערוואַרט זיך. ער טהוט מיט נאָך אַ קינד אַ שדוך, פֿון דער היים אַוועקגעגעבען. עס שטאַרבען אָב טאַטע־מאַמע. אַלטע, רוהיג, שוין געשטאָרבען... די קלענערע קינדער האָבען די באָהן דערשמעקט. פֿון דער היים צולאָפֿען אין דער גאַנצער וועלט זיך צוזעעט, ער ווייסט אַפֿילו ניט די נעמען פֿון די שטעדט אָנצורופֿען...

די שטוב, די זעלבע אַלטע שטוב, אָט ווי נעכטען...

— — — — — — — — — — — —

זי געדענקט, אַ מחותן איז געקומען זלאַטקע'ן זעהען. אַ מויד ווי אַ בוים. ער האָט איהר געטראָפֿען בײַ די בהמות מעלקען. עס זאָל בעסער געווען בײַ איהם אַ ראָד אַראָבפֿאַלען, וואָלט זי געווען מיט איהר ערגיץ פֿון דער נאָהנט אַ שדוך טהון, ניט פֿערטרײַבען אַ קינד אַזוי ווײַט פֿון דער היים. ווער ווייסט, צי זי וועט חאָטש אַמאָל אויף קבר־אָבות קומען...

איהם קומט אַרויף אויף דעם געדאַנק דאָס שטערטיל, די גאַס, וואו זיי וואָהנען ערשט. אָט איז אַנטקעגען יוסל דעם שוסטער'ס שטוב. שוין אַ יאָהר, פּונקט אַ יאָהר, אַז ער איז געשטאָרבען. מחרת יום־כפּור איז די לויה געווען. ער איז בײַ דער טהרה געשטאַנען. ער שטעהט איהם פֿאַר די אויגען. אַ געזונטער, אַ הויכער יוד, מיט אַ גראָהליך־שוואַרצער באָרד. אַנ'אײַגענע שטוב מיט אַ סאָד. ער געדענקט נאָך, ווען ער האָט די בוימלעך געזעצט. אַנ'ערהרליבער יוד געווען. פֿלעגט גאַנצע נעכט אַרורבזיצען, — די יונגליך זאָלען פֿון ערלה ניט רײַסען, ניט מחלל שבת זײַן. עס בלײַבען שוין ניט אַזעלבע יודען; ער האָט אין אַ ספֿר אַרײַנגעקוקט, אַ פּרק משניות פֿערשטאַנען, שבת אָהן אַנ'אורח צום טיש ניט געגאַנגען, פֿלעגט בײַ דעם ווײַב אַ לעבל

ברויט צוגנב'נעָן און אונטעָר'ן פאַרטוך צו אַנ'אָרימאַן אין שטוב אַוועָקטראָגעָן. אָט איז עָר געָשטאָרבעָן. די שטוב, די שעָנעָ שטוב, מיט דעָם גאַניקעָל, מיט'ן גרויסעָן סאָד, איז ביי די קינ־דעָר געָבליבעָן. עָהרליכעָ קינדעָר, אָבעָר ניט דאָס.

עָס דאַכט זיך איהם, אַז אַלץ וועָרט בלאַסעָר, עָהרליכעָ יודעָן ווערעָן וועָניגעָר. דאָס ליכט וועָרט קלעָנעָר, טונקעָלעָר — די שענקייט געָהט אוים... עָר איז צופרידעָן, וואָס די שטוב איז ניט פעָרפרעָמדט געָוואָרעָן, געָבליבעָן אויף זיין נאָמעָן. איהם דאַכט, אַז יוסף דעָר שוסטעָר לעָבט; די שטוב זיינעָ הייסט יוסל דעָם שוסטעָרס שטוב; אברהם'ל דעָם גלעָזעָר רופט מעָן יוסל דעָם שוסטעָרס זוהן. און ווען מ'האָט יוסל'עָן די מאָזאָלעָס פון די העָנד געָוואַשעָן, געָוואָרפעָן, געָדרעָהט איהם אויף דעָם טהרה־ברעָט, האָט דעָר טויטעָר ווי געָשמייכעָלט, געָשאָקעָלט מיט דעָם קאָפ און מיט דעָר צוקלאָטשעָטעָר באָרד... „מאַכט וואָס איהר ווילט, איך האָב אַ שטוב מיט אַ סאָד אָבגעָשטעָלט. אַ זוהן וועָט נאָך מיר אַ פרק משניות לעָרנעָן...”

קוקעָן זיי זיך איבעָר. משה שמואל נעָהמט צו זיך דעָם קלייִנעָם ברוך'קעָ, אַ נאָמעָן נאָך זיין טאַטעָן — אַ יונג מיט רויטעָ באַקעָן, אַ חומש מיט רש"י־יונגעָל — פרעָגט עָר איהם, וואָס עָר לעָרנט, צי עָר קאָן מעבר זיין די סדרה, קוקט איהם אין די שוואַרצעָ לעָבעָדיגעָ אויגעָן — „זעָהסט, פונקט דעָר טאַטעָ”...

פערוויילט זיך איהר דאָס קלייִנעָ מיידעָלעָ, דעָר דריי־יעָה־ריגעָר שרה'קעָן, צו זיך צוטוליעָן, איבעָר'ן קעָפיל אַ גלעָט טהון — קוקט זי איהר אָן פרעָמד, דעָרשראָקעָן, און אַנטלויפט — פאַלט איהר איין: „אַ מרשעת, דעָר מאַמעָס אַ טאָכטעָר, איהר נאָמעָן... ווערט אין יענעָר באָבעָן אריין געָראָטעָן”...

---

אין דעָר פריה איז משה שמואל זיך איבעָר'ן הויף אַדורך, דעָם הויף בעָטראַכטעָן. אָט איז עָר צו דעָר אַלטעָר אָבאָרעָ צו־געָקומעָן. מען האָט געָהאַלטעָן ביי'ם מעָלקעָן די בהמות. אַלעָ זענעָן זיי אויף די פים געָשטאַנעָן; גרויסעָ לאַנגעָ בהמות, אייגעָ־נעָ האָדוליעָס, מיט „אָרקאַנעָן” אויף די העָלזעָר. עָס איז שטיל, ווי זיי וואָלטעָן ניט געָוואַגט זיך פון אָרט צו ריהרעָן. עָס העָרט

זיך נאָר אַ שטילער ס־ס־ס פון דעם מעלקען אין די שעפעלעך אַריין, דאָס מעלה־גרה'ן פון די בהמות. די גאַנצע אָבאָרע האָט דערפיהלט, אַז אַנ' אויג פון אַ בעל הבית — פון דעם אַלטען בעל הבית, איז דאָ אַדורך ...

עס זענען פון די דערפער פויערען צו דער אַרבייט אין „מאָלאָטילקע” געקומען. אַלטע גוים דערקאָנען איהם און בעגריסען. עס פאַלט ווער צו דער האַנד אַ קוש טהון. אָט האָט זיך דער אַלטער פיליפ פון שטיבעלע אַרויסגעוויזען. קוים וואָס ער געהט שוין. צוזאַמענגעקאָרטשעט, מיט אַ גרויסען שטעקען אין האַנד; ער איז נאָך דער טשערעדע אַוועק. דער זעלבער איינגעבויגענער פיליפ, ווי פאַר צעהן־צוואַנציג יאָהר. עס דאַכט זיך איהם, אַז ווען ער האָט נאָך קינדווייז מיט איהם די קעלבער געפאַשעט, האָט ער אויך אַזוי אויסגעזעהען; נאָר מיט דער צייט איז ער טויב געוואָרען, נאָך איינגעבויגענער, די פלייצע שטאַרצעט איבער'ן קאָפּ אַריבער; ער געדענקט גאָרניט, ער דערקענט קיינעם ניט... אָט איז ער פאַרביי און מיט דער טשערעדע פון הויף אַרויס.

שוין יאָהרען, צעהנדליגער יאָהרען, טאָג אויף טאָג, ווי עס גיעט זיך נאָר דער טאָג אַ ווייז, שטעהט ער אויף צוזאַמען מיט די פאַסטוכער. געהט מיט זיי נאָך דער טשערעדע אין פעלד אַרויס, ליגט ערגיץ אָב דעם טאָג — און פאַרנאַכט קומט ער צוריק ... ער איז אַ לעבעדיגער און שטומער עדות פון דעם געוועזענעם, פונקט ווי די אָבאָרע, די אַלטע געמויערטע סלופּעס מיט די אַמאָליגע גרויסע ציגעל, די גרינע סאַזילקע, דער בּרייטער און שרעקליך טיעפער ברונען — זיי אַלע האָבען יד אַחת געמאַכט צו שווייגען ... „אַלץ ווייסען מיר, אַלץ איז פאַר אונזערע אויגען אַדורך — נאָר איהר וועט פון אונז אַ וואָרט ניט הערען. אויסער מיר אַליין איז אַלץ אין אַ ים, אין אַ טיעפען ים פון פערגעסענהייט פערשוואונדען” ...

דער אַלטער וויל אַלץ זעהן. אַלץ אינטערעסירט איהם. חיים געהט מיט און ווייזט איהם. אָט איז אַ נייע סטאַינע — די האָט שוין חיים אַליין געסטראָעט. ער האָט ניט ווייט אַ שטיקעל וואַלד געהאַקט. אַ הויכע בּרייטע סטאַינע, אין די זייטען אָבגעצוימט, יעדעס פערד בעזונדער, אין מיטען אַ דורכגאַנג, אין

סטאַינגע איז ערגעץ לעדיג. די פערד זענען אויף דער אַרבייט. ער דערשפירט אַ בעקאַנטען אנגענעהמען מיסט גערוך. ער דערשמעקט, אַז אויבען אויף דעם בוידעם מוז גראַנדאָווע היי ליגען. אַרויף אין אַ קליין אָבגעצוימט שטעלכעל שטעהט אַ קליין נניאַרער לאָשאַקיל; חיים האָט עס פון שטאָל אַרויסגעפירט. „טאַטע, דו ... עגסקט די בולאַנע שקאַפּע... דאָס איז איהרס אַנ'אייניקעל— זי האָט אויך אַ שענע טאָבּטער געלאָזען, אין פעלד איז זי יעצט". עס דערמאָנט זיך איהם אין דער בולאַנער שקאַפּע זיין האָדוליע. ער האָט זי אַ ברעקילס, באַלד פון דער ברוסט, פון אַלטען גראַף אַ מתנה געקריגען. דאָס איז געווען אַ בליץ, אַ לייגנע, ווי אַ שיף. מיט אַ ווייטען טראָט; זי פלעגט די וועגען צוטרייסלען, אויף דעם וועג רעדער פערלירען; אין בעל-הבית'שע הענד געווען, האָבער אַ האַלבער רובל אַ שאַנאַק... ער בעטראַכט איהם. אַ שענער, אַ לעבעדיגער, אַ לאַנגער לאָשאַק; וועט אין איהר אַריינגעראָטען. עס טהוט איהם הנאה, פאַרוואָס עס איז פון איהר אַ דור געבליבען, אַ שענער דור. אַ גוטער פערד דאַרף ניט פערלאָרען געהן...

אָט זענען זיי בּיי'ם שייער וואו מ'דרעשט. אַ בעקאַנטער טומעל פון די מאַשינעס טור-ר-ר... פיער גוטע פערד זענען מיט שלעהעס אין די דישלעס איינגעשפאַנט. ברוך'קע האָט זיך מיט אַ בייטש אין האַנד אויף אַ דישעל אַרויפגעזעצט און טרייבט-אָן. אין שייער געהט די אַרבייט. גוים. גוי'עס מיט ווילקעס אין די הענד, חיים'ס עלטערער בחור האָט זיך אויף דעם שפּיץ פון סטויג תבואה אַרויפגעהאַכט, און וואַרפט אַ סנאָפּ נאָך אַ סנאָפּ; אונטען האַפט מען דאָס אויף, מ'דערלאַנגט איינער דעם אַנדערען ביז'ן מאַשין; דאָס אויסגעדראָשענע ווערט אין אַ באַרג צוזאַמענגעשאַרט. און אויפ'ן גאַס פאַר דעם שייער וואַקסט אַ הויכער סטויג שטרוי. ביי אַלעמען זענען רויטע פערשוויצטע פנים'ער, אַ שטראָם פון לעבען שלאָגט דאָ אין שייער. עס זעהט אויס, ווי אַ סך מענשען, פערד, עטהעמען מיט איין אָטעם — אַ ברייטען, פרייען, געזונטען און פרישען אָטעם...

חיים האָט זיך אויך צו דער אַרבייט געשטעלט און האָט אָנגעהויבען צו דער מאַשין דערלאַנגען. דער אַלטער קוקט זיך צו, אין גאַנצען ער, אַ שפּינעל פון איהם; אָט די געלבע ברייטע און

שטאַרקע פּלייצעס, די גרויסע שוואַרצע באָרד ווערט שוין גראָהליך; איז אַ גוטער בעל־הבית, איז אַריינגעטהון אין געשעפט, האָט איהם ליעב; איז ניט פויל, קאָן האַלטען אַ קאָסע אין דער האַנד, שפּאַנט־איין אַ פּאָר אָקסען און אַקערט־דורך אַ מאָרג פעלד אונטער קאָרן, קאָן אַדורכקומען מיט די גוים — זיי זענען פון איהם צופריעדען, פּאָלגען איהם, קריכען אין פייער—ער, אין גאַנצען ער...

חיים איז שוין אויך ניט קיין יונגערמאַן, האָט שוין אַפּאָר קינדער אין דער פרעמד אויסגעגעבען; איז שוין שהאַבער געוואָרען. ער האָט איהם געהערט ביינאַכט הוסטענדיג.

און אָט שטעלט זיך איהם פאָר, אז שפּעטער, אין אַ צעהן־פונפצען יאָהר אַרום, ער וועט שוין ניט זיין... וועט ער, חיים, שוין האָבען אַזאַ ווייסע באָרד און ברעמען; וועט זיין איינגעבויגען, מיט אַ שטעקען אין האַנד, וועט האָבען אַלע קינדער חתונה געמאַכט, די געשעפטען זיי איבערגעגעבען. ברוך'קען אין פערמע אָבשטעלען; ער וועט טויגען, אַ גוטער בעל הבית זיין — און אַליין וועט ער זיך אין שטאָדט אַריינקלויבען, מיט יודען צוזאַמען זיין, תכריכים אין קאַסטען צוגרייטען, נאָהנט אַ בית־מדרש צו האָבען; נאָכ'ן דאַוונען אויף אַ שעה לענגער בלייבען, און ביטאָג נעהמען דעם שטעקען אין האַנד, זיך דורכגעהען. אַ פּאָר גילדען אויף תלמוד־תורה מאַכען; זיך זיצען אויף דער פּריזבע אין מאַרק, מיט די „מיעשטשאַניעם" שמועסען. זיי מעשות פון אַמאָל דערצעהלען... אין גאַנצען ער.

און ער שטעלט זיך ווידער פאָר, אַז גאָר שפּעטער, אין אַ סך יאָהרען אַרום — ער וועט שוין ניט זיין — וועט עמיץ פון דער פרעמד אין שטעדטיל קומען און וועט איהם אין מאַרק טרעפען. „ר' משה שמואל, וואָס מאַכט איהר? אַ וועלט מיט יאָהרען, און אַלץ דער זעלבער"...

וועט ער שמייכלען, דאָס הייסט, ער וועט שוין ניט זיין... דאָס וועט אָט דער קליינער ברוך'קע שמייכלען. וואָס זיצט אויף דעם דישעל און טרייבט די פערד, וואָס חאַפּט זיך שוין אַליין אַרויף אויף אַ פערד און פאָהרט גוט רייטענדיג — ער וועט שמייכלען! אַ שענער משל „משה שמואל", איהר האָט אַ טעות, פּעטער! דאָס איז מיין זיידע געווען; דער נאָמען נאָך איהם האָט שוין לאַנג חתונה געהאַט, קינדער אויסגעגעבען. צרות אויפ'ן פוד... אַ שע־

נער משל, איהר האט געוואלט, אז דער זיידע זאל נאך לעבען״ — — —
שמייכעלט ער. עס ווערט איהם עפעס אזוי גוט, ווארים, היימליך, בעקומט ער אזוי ליעב אט דעם שיינעץ, וואס זיצט אויף דעם דישעל מיט דער בייטש אין האנד; אזוי ליעב... ער וואלט איהם ערשט שטייף צום הארץ געטוליעט, און קעפיל געקושט; דאס איז ער, א שטיק פון זיך, אט דאס קינד איז א גרויסער, אנ׳אלטער, א גראהער, אנ׳איינגעבויגענער—דאס איז ער...

---

רבקה איז אין שטוב געבליבען. זי קוקט זיך צו, ווי מ׳מאכט דעם יום טוב. עס זעהט איהר אוים עפעס יוסט, ברייט, עס גיסט, עס לויפט, אלץ פון דער פולער האנד. פרעמדע גוטס, זי האט איהר׳ס איבערגענומען און מאכט, וואס זי וויל — פון איהר היים פון דער קבצנ׳טע האט זי אזא ברייטקייט געבראכט... עס פער-דריסט איהר, פאר וואס איהר שטוב איז פערפרעמדט געווארען, פאר וואס א טאכטער איז אויף איהר ארט ניט געבליבען.
די שנור, דאכט איהר, האט זי פון שטענדיג פיינד; דאס איז ניט איהר גוסט. זי איז איהר עפעס פרעמד, פון א פרעמדען לייב ארוים. איהרע קינדער זענען איהר עפעס קאלט, פרעמד; פרעמדע נעמען, ניט איהרע...
חיים, דאכט איהר, איז ערשט אויך ניט מעהר איהרער. ער האט זיך צום ווייב פערקויפט, דאס איז ניט דער קליינער, דער וויכער, דער ווארימער, דער ליעבער חיים׳ל — ער איז א גרויסער, אנ׳אלטער, מיט א גרויסער באָרד און ברעמען; ער איז א מאן, א טאטע—האט אליין גרויסע קינדער, איז פערטהון, האט געשעפטען, איז א יוד, א מאנסביל, ער דארף קיין מאמע, און ווען ער רופט איהר „מאמע״ קלינגט עפעס אזוי מאדנע — אנ׳אלטען יוד׳ס אמאמע...
עס בענקט זיך איהר. זי וואלט וועלען די קלענערע קינ-דער זעהען, אלע האבען ארום זיך; וואלט א טאכטער געבען איהר געווען. וואלט זי נעבען איהר אין שול געזעסען, איהר אין מחזור אויפגעמישט; וואלט מען זי צו א קינד-האבען גערופען, וואלט זי נעבען איהר די וואך-נעכט אדורכגעזעסען, די קינדער געניאנטשעט. אלץ ער... עס האט זיך איהם געגלוסט מיט איהר פון דער פרעמד א שידוך טהון, פערטריבען א קינד, און דער

פֿרעמד בײַ אַ שװיגער, עלענד, האָט ניט קײן מאַמע, פֿאַר װעמען אַ סוד אױסדערצעהלען, אַנ'עצה זיך האַלטען און זיך פֿון הארצען אָבװײנען.

פֿאַלט אױף איהר אַ בענקשאַפֿט אָן. אַ מאַמע האָט אַזױ פֿיעל קינדער געהאַט, אַזױ פֿיעל בלוט פֿערגאָסען, און עס װעט קײן טאָכטער ניט זײַן, װאָס זאָל בײַ'ם בעט זיצען, די תּכריכים צו־קאָפּענס לעגען און הערצליך אַ מאַמע בעװײנען...

---

עס איז יום־טוב. בײַ חיים'ן אין שטוב איז ליכטיג, יום־טוב'דיג. דער טיש איז מיט געשטעלט, פֿאַר דעם ספר אַ שופֿלאָד פֿון דער קאָמאָדע אױסגערױמט. עס איז אַ שטיקעל מקום קדוש געװאָרען. עס זענען די שכנים פֿון די דערפֿער צוזאַמענגעקומען — האָבען משה שמואל'ן אַ ברײטען שלום עליכם געגעבען. האָבען דעם געבראַכטען אתרוג, דעם לולב בעטראַכט. עס האָט װער אַ שאלה װעגען סוכּה געפֿרעגט. װעלװיל דער שמיד האָט מיט זיך דעם לולב מיטגעבראַכט, מ'זאָל איהם אױסלערנען אײַנבינדען. עס האָט װער אַ מסכת סוכּה אױפֿגעזוכט. אין איהר אַרײַנגעקוקט, טיעף זיך פֿערקלערט און אַ נגונ'דיל אױסגעזונגען. חיים זאָגט אַ גוט װאָרט, אַ פּשט'יל, אַ װיץ, װאָס ער האָט ערגעץ אַמאָל געזעהען.

רבקה איז פֿון דער װײַטענס אין צװײַטען צימער מיט די קינדער. עס איז טונקעל. עס ברענט אַ פּאָר בענש־ליכט. זי זיצט אַנטקעגען טהיר און קוקט זיך צו. זי איז װײַט פֿון זײ, זי פֿערשטעהט אַ װאָרט ניט. זי קען אַהין ניט קומען. דאָרט איז הײליג, ליכטיג, אַ ספר... אַלץ האָבען זײ זיך גענומען; אַלע מצות זײ; בײַ זײ איז אינאײנעם, לעבעדיג. װאָרעם, הײליג, אַלץ האָבען זײ...

---

אָט זענען זײ אין דער סוכּה. די אַלטע סוכּה, די זעלבע װי געװען. דער אַלקער מיט די צװײ פֿליגעל געעפֿענט, נאָר שענער ליכטיגער, מיט טאַפּעטען איף די װענד; בילדער פֿון גרױסע מענשען. און ליכטיג, שטאַרק ליכטיג. אַ גרױסער הענג

לאָמפּ. אַ שנײַ־געדעקטער טיש. אויבען גרינגעפּאַרבטע לעקעכער, מיט פרישע גרינע לאָזשינע פּאָלופּעשקעס, און די לע־קעכער זענען מיט פעדערמלעך, רויטע עפּעלעך אײַנגעבונדען, בלומעלעך אַלע קאָליאָרען.

חיים האָט די קינדער צום אַלטען צוגעשיקט. ער זאָל זײ בענשען. די פֿײגעלעך טולען זיך צום אַלטען. יעדער וויל, אויף זײַן קעפּעל זאָל דער זײדע מיט דער האַנד אַ גלעט טהון.

חיים האָט איהם דעם אויבען־אָן אָבגעטרעטען, מיט דעם יום־טוב־קדוש מכבד געוועזען. אין דער סוכּה איז שטיל געוואָרען. דער אַלטער הערט זיך צו זײַן אײגען שטימע צו. איהם דאַכט זיך, אַז ער איז שוין לאַנג ניטאָ; נאָר אָט איז זײַן שאָטען גע־קומען, די ערשטע נאַכט יום־טוב די סוכּה בעזוכען, די אושפּיזין זאָגען און זיך צום שלאָפען אויסבעטען, און שטענדיג וועט זײַן שאָטען דאָ אַרומשוועבען, און זײַן שטים וועט זיך דאָ הערען. נאָך איהם וועט חיים דאָ אין סוכּה נעכטיגען און מיט אַ שענע־רען נגון דעם קדוש מאַכען. נאָך איהם — ברוך׳קע, נאָך שענער, קלאַנגיגער.

אַלעס בלײַבט דאָס זעלבע: די סוכּה, די שטוב, ער אַלײן; זײ געהען איבער, זײ קענען ניט שטאַרבען...

---

רבקה הערט זיך צו צום קדוש. שפּאַרט־אונטער דעם קאָפּ. עס איז איהר קאַלט. זי האָט קײן טראָפּען בלוט שוין אין זיך. זי האָט זיך אין אַ דיקע פּאַטשײלע אײַנגעוויקעלט. עס שמעקט מיט חשון; עס דוכט איהר, אַז אויף בײַנאַכט וועט זײַן אַ רעגען; מ׳דאַרף הײסען ניט פערגעסען די פליגעל צומאַכען. דעם ווינטער וועט זי שטאַרבען, זי וועט געוויס שטאַרבען. וואָלט חאָטש זלאַ־טע נעבען איהר געוועזען, וואָלט זי איהר די אויגען צוגעמאַכט, די חבריכים צו־קאָפּענס געלעגט און צום לעצטען מאָל פאַר אַ מאַמע זיך אויסגעווײנט.

קוקט זי פערוואונדערט אָן די מאַנסבילען. וואָס איז מיט זײ? וואָס פרעהען זײ זיך? זעהען זײ איהר אוים עפּעס פרעמד; פרעמדע יודען, האָבען זײערע געשעפטען, זײערע מצות — קאָ־נען אפילו קײן טרעהר ניט לאָזען...

און אָט דער... איז אַמאָל אַ ברעקעל געווען, ביי איהר אונטער'ן האַרצען געלעגען; דריי מעת־לעת מיט איהם צו־קינד געגאַנגען; איהם מיט דער ברוסט געשפּייזט... מיט די קליינע וואַרעמע הענטלעך איהר ביי'ם האַרץ געגראַבעלט..

און ערשט איז ער גרויס, פֿרעמד... אַז ער וויל ניט פֿאַר איהר פֿאַר אַנ'אייגענע מאַמע עפּעס דערצעהלען..

— — — — — — — — — — —



# מילך.

געקומען איז ר' זיסעלע נאך אלט יונגיל, פון פרושענע נישט ווייט א שטעדטעל, און האט זיך געזעצט לערנען אין געמי'רטען

א מאדנע מאניע, א מין יצר-הרע האט ער געהאט צו מילך. די רייכסטע „טעג" פלעגט ער אבזאגען אדער אויסבייטען מיט אנ'אנדערן נאר דערפאר וואס מען עסט דארט מערסטען פלייש און פלעגט זוכען א פראסטען „טאג" וואו מ'גיעט א מילכיג בארשטש, א שטיקעל קעז, א קרופניק מיט סמעטענע. די זאכען פערדייען זיך לייכטער. די גבירישע מאכלים פלעגט ער נישט קאנען איבערקאכען ...

מילך האט ער געדארפט טרינקען ווי לעבען. ער האט געהאט א שוואך הארץ (א ירושה פון טאטען) פלעגט זייער אפט הוסטען. די ארעמע-לייט וואס פלעגען בלייבען נעכטיגען אין בית המדרש און האבען איהם געהערט הוסטען, האבען פה אחד געזאגט, אז ער מוז טרינקען מילך. פון ארימע לייט האלט ער שטארק: זיי וויסען אלץ, זיי זעהן אוים א וועלט. ער האט שטענדיג ליעב צו שמועסען מיט זיי. וויסען וואס עס טוהט זיך ביי לייטען, אבנעהמען א גרוס פון דער היים ...

דער ענין וועגען טרינקען מילך איז איהם אריין טיעף אין די געדאנקען. ער האט געזעהן בחוש, אז אויף דעם הענגט-אב דאס לעבען, נאר ווי נעהמט מען דאס? ער וועט בעטען אויף'ן „טאג" מ'זאל איהם געבען טרינקען מילך. וואס איז ער א בן-יחיד אנ'איידעם אויף קעסט?

און אין הארצען פלעגט ער האפען: אז ער וועט אמאל אויסגעלייזט ווערען פון דעם ברויט, אז ער וועט חתונה האבען, ווערען א מענש פאר זיך, איז די ערשטע זאך וועט זיין א בהמה. פאר דעם פריזיוו האט ער נישט געזארגט. „אויף אלע יודישע קינדער געזאגט געווארען“ פלעגט ער זיך באריכטען, ווען מ׳פלעגט רעדען דערפון, א קראנקער, א בן־יחיד, און א יתום פון טאטען...

נישט לאנג האט געדויערט, האט מען איהם אנגעהויבען ריידען שדוכים. און גאר גיך האט ער טאקע חתונה געהאט מיט שרה פייגע׳ס א טאכטער א יתומה פון אלטען בין. א בלייך מיידיל מיט אן׳איינגעצויגען הארץ. — זי האט אויך געמעגט טרינקען מילך... נאר אז עס איז געקומען וועגען א בהמה, האבען זיי נישט געקאנט איינשטימען. זי איז געווען דאגעגען.

— מיר האבען קיין מאל נישט געהאט קיין בהמה. איך וויים נישט ווי געהט מען נעבען א בהמה, מ׳מוז שוין האבען אן׳אנדער דירה מיט א שטאל, מיט כלים אלערליי. דאס איז א גאנצע ארבייט. ווילסטו טרינקען מילך וועל איך דיר נעהמען יעדען טאג ביי זאוויל דעם שוסטער א האלב קווארט מילך וועסטו טרינקען.

ער האט זיך געלאזען איינרעדען, נישט געוואלט מאכען קיין מחלוקת באלד נאך דער חתונה. אריינפאלען צו דער שוויגער אין מויל, דאס געלט איז אויך נישט ביי איהם אין האנד, איינגעלעגט אויף שלישית׳ן — שווייגט ער...

ער האט זיך איינגעארדענט א חדר — קינדער פון די שענסטע בעלי הבתים. די שוויגער רייסט איין, מ׳האט פאר איהר מורא. ער האט שוין ב״ה אייגענע עטליכע קינדער. נאר קיין בהמה נאך אלץ נישט. פון מילך טרינקען האט ער זיך אביסעל אבגעוואוינט — די קינדער זענען פריהער, פון געקויפטע קאן מען גארנישט האבען. אין געוואוינענע און געמאסטענע איז קיין מזל ברכה נישטא.

ער האט אנגעהויבען לערנען עין־יעקב אין געמויערטען בית המדרש, מ׳רופט איהם שוין לאנג רבי. די געדאנקען וועגען מילך האבען איהם נישט פערלאזען, האבען זיך ביי איהם טיעף אין דער נשמה איינגעגעסען.

---

שבת נאכמיטאג פערגינט ער זיך א דורכגעהן מיט דער גרעבלע און אוועק אונטער׳ן שטאדט. די גרעבלע איז בעזעצט

פון ביידע זייטען מיט אלטע קרומע צונויפגעפלאכטענע לאזינקעס, מאנכע זענען אבגעבראכט און אדורכגעלעכערט פון די דונער'ן און וועלכע אונשולדיגע פייגעלעך פלעכטען פאר זיך נעסטען אוים.

די גרעבלע פיהרט ארוים אויף א ברייטען לאנגען פעלד, דערטרונקען אין א ים פון גרינקייט, הוואלען זיך אזוי וויים ווייט, ביז ערד מיט הימעל גיסען זיך צוזאמען. ביי'ן זייט איז א יונגער האינער וואלד — גלייכע שורות ביימלעך ציהען זיך לאנג ארויף— ווערען אלע מאל געדיכטער, דאס אויג שווינדעלט ביז עס ווערט אן די ליניע.

פון הינטען איז דאס שטעדטיל געבליבען—קליינע הייזלעך מיט אלטע שטרויענע דעכלעך זענען אין די גערטנער צווישען די הויכע טיטצקאווע באב ווי דערטרונקען, דרעמלען שטיל שבת'דיג; עס ווייזען זיך א פאר דינסט־מיידלעך, אין הולע ציצענע בלוזעס— מיט דער גרעבלע ארוים — בעטראכטען איינע דער אנדערער — שפאצירען פארביי ר' זיסלען, הייבען זיי אן רייטלען, די הענד ווערען איבעריג, אונשיקליך, האבען זיך נישט וואו אהין צו טהון. נאך זיי גיעט זיך א ווייז א פאר געזעלען־יונגען מיט פאפירענע קעלנער. פון שטאדט מאכען זיי שפריז ווי עפעס אבגערעדט... בעמערקענדיג ר' זיסלען. הייבען זיי אן פערקלענערען, מאכען שבת'דיגע טריט. פונקט ווי זיי מיינען גארנישט. פארביי געהענדיג ווארפען זיי איהם א „גוט־שבת" ארוים און ווערען דערטרונקען אין וועלדיל.

ער זעצט זיך אנידער און קוקט. איבער אלץ איז פערשפרייט פוליג ווייכע הימלען, און אין זיי שווימט ארום א געטרייע מילדע און הערצליך ווארעמע זון. דאס אויג ווערט נישט זאט. אומעטום איז גאטס גייסט אויסגעגאסען. דעם אייבערשטענס מעשים איז נישט אבצושאצען. אלץ איז פון זיין ווארט געווארען בעשאפען און דורך זיין גענאד ווערען מיר געשפייזט — אלץ איז אזוי פריש, געזונד און זאפטיג. עס אטעמט זיך אזוי ברייט און פריי...

עס קומט איהם איף דעם געדאיק א משנה: „כל המפסיק ממשנתו...

ער וויל' אבער דריגנען: פקוח נפש...

ער דארף דאס פרישע ליפט ווי לעבען. ער וואלט וועלען

אַלץ אין זיך יעצט אַריינאָטעמען. וואָלט איהם דער הוסט אַ גאַנצע וואָך אַזוי נישט געשטיקט.

די זון הויבט אָן זיך אַראָבלאָזען, אין דער לופט האָט זיך דער פאַרנאַכט צוגאָסען, עס בלאָזט אַ ווייך פאַרנאַכט ווינטעל, צושאָקעלט די פאָלעס פון זיין קאַפּטען, ווי זיי וואָלטען זיך מיט איהם אין אַ שפּיל אַריינגעלאָזען. נישט וויט פליסט אַ שטיל קלאָר וואַסער׳ל, ער געהט צו, וואַשט די הענד און שטעלט זיך דאַווענען מנחה מיט׳ן פּנים צו דער אויפגעהענרער לבנה. ער דער־מאָנט זיך עפּעס פון אשרי תמימי דרך, און זאָגט אויסענווייניג.

אַהיים געהט ער צוזאַמען מיט דער טשערעדע. ער געהט ביין זייט, בעטראַכט יעדע קוה בעזונדער, שטעלט זיך פאַר ווען אַט די פּריסטע וואָלט געווען זיינע — ער וואָלט זיך נישט שעמען יעדען טאָג איהר געהן אָבוואַרטען, און געהן מיט איהר צוזאַמען אַ היים. פּונקט ווי אַ טאַטע געהט אָבנעהמען די קינדער ווען זיי זיצען ווינטער אויף דער נאַכט...

די בהמות זענען זאַט אויסגעגעסען, רונד־קיילעכדיג. ווי שעניג עפּעלעך, געהען זיך רוהיג, זענען מעלה גרה. ער בע־מערקט פולע אָנגעגאָסענע אייטערס, אָט סטאַרצעט פון זיי דאָס מילך אַרויס. ער דרעהט אָב דעם קאָפּ, ער האָט מורא ער זאָל נישט עובר זיין אויף אַ לאו. און אין האַרץ גנב׳ט זיך אַריין אַ מין טרעומות פאַר וואָס כביכול פיהרט אַזוי זיין וועלט: איינעם אַסך, דעם צווייטען גאַרנישט. איינעם קריכט פון מויל, ער באָדט זיך אין מילך, און דער וואָס דאַרף דאָס ביסעל מילך האָט זי נישט...

און פאַרטיעפט אַזוי אין זיינע מחשבות, געהט ער מיט דער סטאַדע ביז אין גאַס אַריין. אין שטעדטיל קומט ער אַריין גלייך מיט דער נאַכט און פערנעהמט זיך גלייך צום בית המדרש דאַווענען מעריב.

אין בית המדרש איז שוין שטאַרק דונקעל, דער עולם האַלט אין זאָגען תהלים, עלטערע זאָגען פון אויסענווייניג, די יונגע האָבען זיך אַרום דעם יאָהר־צייט לאָמפּ, וועלכער האַלט אָט אָט ביים אויסגעהן, — מיט די לקוטים אין די הענד אַרומגעשטעלט.

מעריב הייבט מען אָן מיט אַ וואָכעדיגען נגון, אויף אַלעמען צוגיסט זיך אַנ׳אומעט, ווי קינדער וואָס זענען פערטריבען פון טאַטענס טיש — ר׳ זיסיל דאַווענט אָב מעריב און געהט אַהיים...

זיינע באַנאַכטיגע תלמידים פאַר וועלכע ער פלעגט זאָגען עין-יעקב, זענען כמעט אלע געווען מבינים אויף בהמות: אלע האָבען געהאַט בהמות... אויסער משה נפתלי — אַנ'עלטערער מענש אָהן אַ ווייב. די קינדער שיקען איהם פון אמעריקא צום לעבען.

נאָכ'ן לערנען פלעגט ער ליעב האָבען אַריינגעהן אין אַ שמועס וועגען בהמות: ווי דערקענט מען וועלכע איז בעסער, וועלכע גיעט בעסערע מילך.

די מיינונגען זענען פערשיעדען, למשל אברהם דער קצב פלעגט זאָגען, אַז אַ בהמה זאָלסטו קויפען נאָר אַ גרויסע, זי מעג אפילו זיין אלט. ערשטענס איז זי ספּאָקאָינער, און צווייטענס טאָמער הערט זי אויף זיך מעלקען נעהמט מען מ'„פאָפּראַוועט" איהר. מ'גיעט איהר אַוועק אַ צוואַנציג דרייסיג פוד קאַרטאָפעל אָדער בוראַקעס, מ'פאַרקויפט זיי אויף שחיטה, אין מ'קריגט אַנ' אַנדערע.

די געוויינליכע בעלי הבתים מיינען אַנדערש: למשל לייזער דער שוסטער זאָגט: „ביימען אַ בהמה איז ערגער ווי דער טויט. דאָס איז אַ גליק זאַך, וועמען גאָט העלפט און ער טרעפט צו אַ בהמה קאָן ער איהר אָבהאַלטען דעם גאַנצען לעבען. צום ביישפיל: קויפסט אַמאָל אַ בהמה אַ שענע, אַ ברייטע, אַ געזעצטע, אַלע סימנים זענען גוט, האָט זי אָבער אַ נאַטור אַז זי קלאַפּט מיט'ן פוס. נו וואָס טויג דאָס? האָסט אָנגעמאָלקען אַ דוינצע מילך נעהמט זי אין איינמאָל און גיעסט אוים. אָדער איינע וויל זיך נישט מעלקען אָהן „אונטער'ן נאָז". און דרעה דיר אַ קאָפּ יעדען טאָג וואָס איהר צו געבען, קיין פּראָסטע זאַכען עסט זי נישט — איינע האָט ליעב זיך פאַרלאָזען אַ האַלב יאָהר פאַר'ן קעלבען, און גערה האָדאָוועַ אַנ'אָקס... איינע האָט אַ קאַלב אַ גרויסע, אַ שענע וועלכע באַצאָהלט פאַר דעם גאַנצען ווינטערניש — און די צווייטע האָט אַ קאַלב איז זי קוים ווערט צוויי גילדען, אַז עס איז אַ חרפה צו רופען דעם קצב. עס גיעבען פאַרשיעדען, אַ בהמה איז אַ מזל זאַך.

אָט אַזוי פלעגט מען זיך דורך שמועסען.

נאָך אַזעלכע שמועסען פלעגט איהם ווערען עפּעס שווער אויפ'ן האַרצען, אָבהענגיג, פערלאָרען דעם גאַנצען לוסט, ער נעהמט אָבער די זאַך צוריק. פונדעסטוועגען האָבען דאָך יודען בהמות,

עלטער'ן זיך מיט זיי, פערקויפען און קויפען אנדערע, עס איז נישט אזוי שרעקליך...

ער האט אנגעהויבען אין דער היים א דורך שמועסען, איינ־טענה'ן מיט איהר, זי האט אויך אנגעהויבען מסכים זיין, זי איז שוין קיין עין־הרע א בעלהבית־טע מיט קינדערלעך, מ'דארף האבען און וואס איז דער תכלית פון קויפען אויף דעם גראשען, עטליכע רובעל ליגען אויך גרייט, און עס איז געבליבען אז אויף דעם יריד דארף מען שוין זעהן עפעס קויפען.

דער יריד פאלט אום אין חודש אב. — די פרייזען זענען שוין נישט אזוי פייערדיג, פאר'ן ווינטער איז אויך נישטא וואס קיין מורא צו האבען. ביז'ן ווינטער וועט זיין דערווייל מילך אין שטוב. דער ווינטער אליין איז אויך נישט אזוי געפעהרליך, מען גרייט אן פריהר היי, מעקענע קאסט דאס וועלוועלער, דערווייל שטעהט זי אן אביסעל מיסט — אין שטוב מאכט זיך א שאלעכ'ץ פון קארטאפעל, א דאס, א יענץ. דערהייל איז דא אביסעל מילך.

לייזער דער שוסטער מיינט, אז גלייבער איז א יאלעווע, קיין סך גיעט זי נישט, אבער דער גאנצער ווינטער איז די שטוב נישט פוסט.

אברהם דער קצב זאגט, אז גלייבער איז א קעלביגע. אמת טאקי זי וועט זיך פערלאזען פאר'ן קעלבען, איז ערשטענס זענען פארהאן בהמות, וועלכע מעלקען זיך קורץ ביז דעם קעלבען, און אויב זי פערלאזט זיך, איז דאך דאס ווינטער, מ'קוילעט דאן א סך שעפסען און פלייש איז וואלוויל, דערפאר אז זי קעלבט זיך אב איז דא א קאלב, וואס בעצאהלט פאר א האלב ווינטערניש. און ווען גאט העלפט א רעכטע בהמה איז דאך א ברכה אין שטוב, אז דרעהען זיך א קאפ זאל חאטש זיין כדאי. אזוי מיינט אברהם דער קצב.

צום יריד זענען אלע אין מארק ארוים העלפען איינקויפען, דעם גאנצען טאג האט מען זיך ארומגעדרעהט, יעדען געפעלט עפעס אנדערש. געגען פארנאכט האט מען ערשט געקויפט א בהמה: נישט קיין אלטע און טאקי א קעלביגע, מיט'ן פיערטען קאלב, זי וועט זיין ארום פאר פסח...

דאס גאנצע שטעדטיל האט געוואוסט און איז צופריעדען גע־וועזן, וואס ר' זיסיל האט שוין א בהמה.

צו זײַן שמחה איז נאָר קיין גרענעץ נישט געווען: ער געהט זי אַנטקעגען ווען זי קומט פֿון פֿעלד. געהט בײַ'ן זײַט מיט איהר אַ היים. שטעהט מיט אַ גלאָז אין האַנד, קוקט ווי דאָס ווײַב מעלקט איהר. און טרינקט וואַרעמע פֿרישע און שוימיגע מילך. ער האָט נאָר מורא עס זאָל איהם נישט אָבגערעכענט ווערען פֿון זײַן חלק דאָרטען... אין דער פֿריה טרײַבט ער איהר אַרויס צום פּאַסטוך, בעגלייט איהר ביז דעם וועלדיל וואָס הינטער'ן שטאָדט. קאָן זיך מיט איהר נישט צושיידען, שטעהט און קוקט נאָך ביז זי ווערט פֿערשוואונדען פֿון אויג.

נאָכ'ן לערנען קומט מען ווידער אַרויף אויף אַ שמועס וועגען דער בהמה. אברהם דער קצב איז צופֿרידען פֿון זײַנע מבינות. ר' זיסעלע פֿרעגט אַרום ווי מ'געהט אַרום איהר. וואָס מ'דאַרף און וואָס מ'טאָהר איהר נישט געבען, איבערהויפּט. ווען זי בלײַבט שטעהן אויפֿ'ן שטאַל. און וואָס טהוט מען, טאָמער ווערט זי חלילה נישט געזונד, אין איבערהויפּט וואָס פֿאַר קראַנקהײַטען עס געבען בײַ בהמות, און אַזוי פֿלעגט מען זיך צוגעהן.

* * *

דער סוכּות איז געווען אַ קאַלטער. מען האָט קוים דערלעבט די סוכּה בעגלייטען. נאָך יום-טוב האָט זיך אָנגעהויבען שלעכטע פּאַגאָדעס, רעגענס, און רעגענס. די בהמה פֿלעגט קומען אַהיים נאַס ווי אַ האָן. דערפֿראָרען, הונגעריג אַז מ'מוז איהר געבען עסען אויף באַנאַכט.

די מילך האָט אָנגעהויבען ווערען ווייניגער, אַבפֿאַלען, ווי מיט די הענד צוגענומען.

צו חצי חשון איז זי שוין געשטאַנען אין שטאַל, נישטאָ אין פֿעלד אַ גרעזיל אויף אַ רפֿואה, ביסלעכווײַס האָט אָנגעהויבען דערעסען דאָס שלעפּען די שעפֿלען צוויי מאָל אַ טאָג, קריכען אויף דעם בוידעם נאָך היי, פֿיהרען איהר אין דער בלאָטע צום ברונעם אָנפּאָיען, די מילך ווערט נאָך ווייניגער פֿון טאָג צו טאָג, קוים צו פֿערזוכען דעם קרופּניק.

אַ טאָג אַכט אין כּסלו, פֿרײַטאָג אין דער פֿריה. נאָר וואָס די קינדער האָבען זיך געזעצט מעביר זײַן די סדרה, איז אַרײַנגעקומען דאָס ווײַב און האָט געזאָגט: „די בהמה האָט זיך פֿערלאָזען".

מע האט זי נישט געקאנט אויסריידען.
ר׳ זיסעלע איז געבליבען א פאר מינוט ווי פערשטיינערט. האט זיך נישט גערירט פון ארט. און ווען ער איז צו זיך געקומען, האט ער פערמאכט די חומשים און געהייסען געהן אהיים...
די ידיעה האט זיך באלד איבער׳ן שטאדט צוטראגען. אז ר׳ זיסעלע איז געקומען פארנאכט מקבל שבת זיין איז ער אריין אין שול אומעטיג, אראבגעלאזען דעם קאפ, ווי אנ׳אבל. אלע האבען אויף איהם מיט מיטלייד געקוקט. אהן מזל, נאר וואס געקויפט, דארף האבען דאס ביסעל מילך. עס האט זיך ערשט דער ווינטער געשטעלט און שוין— פערלאזען די בהמה...



# אַ בְּהֵמָה.

(פון לעבען אין ליטא).

---

דאָס גאַנצע האַלטען זיך אויף די פּיס פון וועלוועל אַסתּר-ביילה'ס (געוועזען אַ מאָל אַ יוסטער בעל-הבית) איז די בהמה, ווארום ער זאָל זיך פערלאָזען אויף זיינע פערדיענסטען וואָלט ער שוין אויסגעזעהן. די קינדער וואָלטען פערגעסען אַפילו דעם טעם פון געקעכטס, נאָר אַז עס איז דאָ אַ בהמה אין שטוב, איז קיין סכנה ניט: מען קומט אַדורך! פון הונגער קאָן מען נישט שטאַרבען. עס איז דאָ אַ טראָפּען מילך אויף פערווייסען דעם קרופּניק, אַ לעק סמעטענע צו בעלעקען אַ שטיקעל ברויט. אַ מאָן פוטער, אַ לעפעל זויערמילך. מ'פערשטאָפּט אַ קינד דאָס מויל. עס איז דאָ אַליין מיט וואָס דעם הונגער צו פערטרייבען, עס לעזט זיך אַ פּאָר גראָשען, די שטוב איז ניט פּוסט. עס איז אַ שטיקעל מזל ברכה אין שטוב.

מען איז ביי זיך עפּעס פעסטער, מוטיגער, ניט אַזוי דערשלאָגען. מען פיהלט אַז עס שטעהט אַ בהמה אין שטאַל. עס הערט זיך דאָס סאַפּען פון שטאַל, דאָס מעלה-גרה זיין — עס געהט אַדורך אַ וואַרימקייט איבער'ן לייב. עס ווערט עפּעס אַזוי ווייך אויפ'ן האַרצען. די שטאַל איז ניט לעדיג. עס איז דאָ אַ לעבעדיגע יאַך, פאַר וועלכע מ'מוז זאָרגען, אין זין האָבען צו געבען צו דער צייט דעם צעבער, אַ הויפּען היי, אַ טרונק-וואַסער, — און וועלכע איז דאַנקבאַר, לאָזט זיך אין דער פריה און אויף דער נאַכט מעלקען, גיט גוטע געדיכטע מילך,

און וועט אויך אָנשטעהן איבער ווינטער אַ צעהן — פֿונפֿצעהן רובל מיסט, וועלכע וועלען זײַן פֿאַר פּסח ווי געוואונשען...

---

כמעט שטענדיג האָט ער די שענסטע בהמה אין גאַס, די גרעסטע מילך־געבערען אין שטאָדט. שכנות פֿערגינען ניט: ס'ר'אַ מזל! קויפֿט אַ פּגירה — ביי איהם ווערט דאָס אַ לײַט! — אין שטאָדט זאָגט מען, אַז ער האָט עפּעס אַ מין שפּריכוואָרט אָדער אַ פּסוק צו די בהמות. ווען ער קויפֿט, זאָגט ער דאָס אָב, הויבען זיי אָן גיעסען מיט מילך. פֿערקויפֿט ער זיי, נעהמט ער דאָס צו, און עס ווערט אַ פּראָסטע בהמה, ווי געוועהן...

אויף זײַן גאַנצען בענעהמונג ליגט אויסגעגאָסען אַ מין גאווה, אַ שטאָלצע צופֿרידענהײַט: „איהר ווייסט? איך בין אַ בעל־הבית... אַן אייגענע בהמה... די שענסטע אין שטאָדט"... עס פֿערדריסט איהם שטענדיג, פֿאַר וואָס די וועלט האָט אָנגענומען פֿאַר יחסנים די וואָס האָבען הײַזער. „וואָס האָט מען פֿון אַ שטוב? — טענה'ט ער שטענדיג: טאָמער לאָזט מען אַרײַן אַ שכן אין אַן אַלקער, דאַרף מען זײַן ביי איהם אַ דיענסט, הײַנט נאַלאָגען? פּלאַצאָווע? און נאָך זאַכען... עס קאָסט באַלד זיך אַליין דירה־געלד". פֿון אַ גאָרטען האַלט ער יאָ: דאָ האַנדעלט זיך מיט גאָט: אָט נעכטען אויסגעקליבען אַלע אורגעקעס, און אין דער פֿריה — ס'איז ווײַטער דאָ! מ'גרײַט־אָן אויף ווינטער, אַ ביסעל באָבעלעך, קאַרטאָפּעל, אַ בוראַק. דאָס אַלץ איז אָבער ניט וואָס אַ בהמה, אַ בהמה איז אַ לעבעדיגע געטרײַע זאַך, וואָס גיט יעדען טאָג פֿרישעס, און אַז זי וויל, שענקט זי פֿאַר פּורים אַ קאַלב, פֿאַר וועלכע שמחה דער קצב וועט געבען עטליכע רובל. דער לונג־און־לעבער און די פּיסלעך — אויף שבת.

און אין שטוב אַליין ווי איז מען אָן אַ בהמה, וואָס טהוט מען מיט שאָלעכטס פֿון אַ קאַרטאָפּעל, געהן פֿערקויפֿען? ער וואָלט די חרפּה ניט אויסהאַלטען! און וואָס טהוט מען אַליין אַ גאַנצען טאָג? אַז עס איז קיין בהמה נישטאָ; מ'קאָן דאָך משוגע ווערען!

---

אין די שטילע לאַנגע ווינטער־נעכט, מ'שטעהט אויף נאָך פֿאַר טאָג, מ'צינדט־אָן דאָס קליין פֿערדרײַכערט לעמפּעל, עס נעהמט זיך אַרויס פֿון תפילין־זאַק אַ ספר, — די האַנד אַליין נעהמט אַרויס,

קיינער הײסט איהר ניט, זי אַליין ווייסט. עס עפֿענט זיך אויף וואו עס איז, אַבי וואו. מ'הויבט אָן עפּעס צו זאָגען, טרעהרען שטעהען שוין גרייט, ווי זיי וואָלטען וויסען, אַז יעצט איז זייער צייט. עס ווערט אַזוי אומעטיג אויפ'ן האַרצען. דער בית־המקדש איז חרוב געוואָרען. מיר זענען אין גלות פֿערטריבען, צו שאַנד און שפּאָט, גאָטס תורה ווערט פֿערגעסען... עס פֿאַלט־אָן אַ שרעק, אַ שוידער געהט אַ דורך איבער'ן לײַב. עס זעהט־אויס, אַז מ'בלאָנדזעט אַליין אין דער ברייטער וועלט. אין אַ פֿינסטערע — שטאָק פֿינסטערע נאַכט... קיינער איז ניטאָ, אַלע זענען אויסגעשטאָרבען... עס הערשט אַ טויבשטומע שטילקייט. און דאָס לעמפּעל איז אַ יאָהר־צייט אויף דער גרויסער אָבגעשטאָרבענער וועלט... עס פֿערדריסט פֿאַר וואָס מ'איז אַליין, פֿאַר וואָס אַלע שלאָפֿען. עס הויבט זיך אָן שרעקען פֿאַר דאָס פֿײַערעל, וואָס צאַנקט, — פֿאַר די לאַנגע גרויסע שאָטענס וואָס טאַנצען אויף די ווענד...

און אַז ס'דערהערט זיך פּלוצלונג אַ „מהו־מהו!" פֿון דער בהמה, ווערט מיט אַמאָל אַלעס צושלאָגען ווי זי וואָלט טרייסטען: „זאָרג ניט! עס הויבט באַלד אָן צו טאָגען! איך בין אַ יודישע בהמה! איך געה מיט אײַך אין גלות, איך בין צו אַלעמען געוואוינט... נאַרישקייטען! עס ווערט נאַכט, און עס ווערט טאָג... נאָך פֿינסטער קומט ליכטיג... דער עולם וועט אויפֿשטעהן און וועסט נישט בלייבען אַליין"...

און בעת־מעשה ווערט אַזוי גרינג אויפ'ן האַרצען. מען איז צופֿרידען, וואָס עס איז דאָ נאָך אַ נפש, וועלכע שלאָפֿט ניט, וועלכע הערט זיך אײַן אין דער טויבער שטילער נאַכט. מען איז ניט אַליין. זי העלפֿט אויך ליידען, אַריבערשטופּען, — אַבי ווייטער, ווייטער... וואָס איז דאָס לעבען?

— — — — — — — — — — — —

---

ער רינגעלט זי אַרום מיט אַזאַ ליבע און טרייַשאַפֿט, ווי דאָס וואָלט בײַ איהם געווען די טײַערסטע בעשעפֿעניש אויף דער וועלט. אויפ'ן געזיכט ליגט שטענדיג אויסגעגאָסען אַנ'אומרוהיגקייט, אַ פֿערזאָרגטקייט, ווי ער וואָלט זיך בעטען: „האַלט מיך נישט! לאָזט מיך געהן! איך האָב אַ בהמה אין דער היים!"

און ביז ער קומט אַהיים בעאונרוהיגט ער זיך, ווי אַ מאַמע,

וואָס האָט אָבגעלאָזען אַ קליין קינד אַליין: ווער ווייס, צי דאָס ווייִנט נישט? אפשר איז דאָס אַרויסגעפאַלען, געהרג'עט געוואָרען, חלילה, זי גיט אַ ציטער, שרעקט זיך פאַר'ן געדאַנק, וויל דאָס פאַר'ן מויל נישט ברענגען, ביז זי קומט אין שטוב. מיט אַ קלאַפּעדיגען האַרץ חאַפּט זי זיך דעם שוועל אַריבער... אַלעס איז אין אָרדנונג! עס צוגיסט זיך אַ שמייכעל אויף די ליפּען: „דאַנקען גאָט! געלויבט איז זיין נאָמען! איך האָב צו איהם קיין טענות נישט!...

עסען גיט ער איהר אַליין, אין אַ בעשטימטע צייט — ווי אַ חוב, וויל ניט פערשפּעטיגען. ער וואַשט זיך ניט צום עסען, ביז זי האָט געקריגען. ער פרעגט ניט ביי קיינעם. דאָס איז זיין זאַך, און ער מוז דאָס טהון. פונקט ווי דאַווענען, להבדיל, לעגען טלית און תפילין יעדען טאָג. ער פערלאָזט זיך ניט אויף קיינעם. איהם זעהט אויס, אַז קיינער ווייסט ניט, ווי מ'געהט נעבען אַ בהמה, ווי מ'גיט איהר עסען... זיי קאָנען זי איבערפיהרען... הרג'נען, פערסאַמען...

עס טרעפט כמעט ניט, ער זאָל פון דער היים אָבפאָהרען. טאָמער דאַרף ער וואו פאָהרען, זאָגט ער זיך אָב: „איך בין אַ מענש אַ פערנומענער. איך האָב אַ בהמה, און איך מוז זיין אין דער היים. איך קאָן זיך אויף קיינעם ניט פערלאָזען. איך ווייס נישט: לייט קענען, איך קען נישט"...

---

שבת־צו־נאַכטס נאָך הבדלה, באַלד ווי דער ליבער שבת־קדש געהט־אַוועק, זאָרגט ער: מאָרגען איז אַ מאַרק טאָג; מ'דאַרף אַ פּאָר גילדען צוגרייטען, אויפשטעהען פריה און זעהן עפּעס קויפען...

און זונטאָג שטעהט ער אויף נאָך פאַר טאָג, דאַווענט אָב כעלות, און אַוועק הינטער די שטאָדט. פאַקט אַ פויער מיט אַ גוטען בינדעל היי, אַ זעקעל האָבערנע פּלעווע (זאיז צובאַלעוועט, קיין אַנדערע עסט זי ניט), פיהרט איהם אַהיים (הינטער דער שטאָדט וויל דער פויער ניט פערקויפען), געהט נעבען איהם אַזוי פאַרזיכטיג, ווי ער וואָלט געווען פון גלאָז. דאָס האַרץ קלאַפּט איהם. ר'וואַרפט אומרוהיגע בליקען, בעט זיך מיט'ן קוק: טשעפּעט ניט! מאַכט ניט קאַליע! — איך דאַרף דאָס פאַר זיך! ביי מיר שטעהט אַ בהמה אין שטאַל?...

יעדער פיהלט אַ חוב: מ'דאַרף ניט קאַליע מאַכען. מ'נעהמט אַ נפש אויף'ן געוויסען, — ביי יענעם שטעהט אַ בהמה אין שטאַל...

מ'געהט-צו, מ'ווארפט אריין א ווארט פון זיין טובה וועגען, — א ווארט גלאט אין דער וועלט אריין: „טפו!... אזא בינדעל קויפסטו? די בהמה וועט דאך דאס ניט פערזוכען!" דער פויער קראצט זיך, קריכט-אריין מיט ביידע הענד אין פאטיליצע... אהין-אהער און דאס בינדעל היי בלייבט פאר איהם. ער האט זיינם איינגענומען...

---

אז עס קומט ווינטער-צייט, מ'דארף א גאנצע פוהר היי קויפען. עס קלויבען זיך אן עטליכע רובל דערצו, גיט ער דעם גאנצען טאג אוועק. ער בעקוקט, שמעקט, צעהלט די בלעטלעך, וואס געפינען זיך אין דעם היי, צונעהמט אויף איינציגעם. פרעגט מבינים: וועלכע איז פיליכט אומגעזונד? פונקט ווי ער וואלט א בעלן געוועזן די גאנצע פוהר היי א דורכקלייבען און די וואס טויגען נישט ארויסווארפען. נעהמט פון יעדער פוהר א הייפעל, טראגט אהיים, זי זאל פערזוכען.

זי לעקט איהם די האנד. ער גיט א קיצעל דער שארסקער צונג. עס בלייבט א נאסער צייכען. איהם ווערט אזוי גוט, פונקט ווי ער וואלט פון א ליעבעס קינד א קוש געקריגען... ער פערגעסט זיך און בלייבט שטעהן. גלעט איהר דעם קאפ, די פלייצע, קראצט איהר דעם שטערען. זי ציהט-אויס דעם האלז, שטעלט-אן די אויערען, הערט זיך איין צום גלעטען, גיט זיך ניט א ריהר, וויל איהם ניט איבערשלאגען...

ארויסגעהענדיג קוקט ער אויפ'ן סימן פון האנד אנ' אנגענעהמע עראינערונג...

ערשט אויפ'ן גאס דערמאנט ער זיך. אהן אטהעם לויפט ער צוריק. איהם זעהט-אויס, אז מ'האט דאס היי שוין אויסגעקויפט: לייט לאזען א שטייגער עפעס שטעהן? —

און אז ער דערוויסט נאך, ווערט איהם גרינגער אויפ'ן הארצען. ער בעצאהלט און הייסט פיהרען אהיים. נאר ניט לויפען. — עס זאל זיך ניט פערטרושען... אויפ'ן וועג לאזט ער זיך פון קיינעם נישט אבשטעלען... שמייכעלט, ווי ער וואלט זאגען: „ווי געפעלט אייך? אמת, א שענע פוהר היי האט וועלוועל אסתר-ביילה'ס איינגעהאנדעלט?"

... ביז פאר נאכט פארעט ער זיך: לעגט בעסער איין

קלויבט־צוזאַמען. איז צופֿרידען. אָבגעטהון אַנ׳ אַרבייט!...

אַז עס ווערט שוין גיט טונקעל, געהט ער דאַווענען מנחה. אין גאַנצען איז ער רויט, פֿערשוויצט, פֿערפֿלאַמט. ווי מ׳וואָלט איהם מיט עפּעס דאָס פּנים אויסגעשמיסען. זעצט זיך צו פֿער־מאַטערט אונטער דער בימה, ווי ער וואָלט זיך שעמען פֿאַר דעם מקום קדוש צו ווייזען מיט אַזאַ גויאיש פּנים... אַלע לייענען ביי איהם אויפֿ׳ן געזיכט: „איך האָב היינט אָוועקגעלעגט אַ פֿוהר היי״...

עס פֿרעגט ווער אַ פֿראַגע. — איינער זאָגט מבינות: ער האָט דורך דעם פֿענסטער געזעהן, אַ שענע פֿיהר היי, איהם דאַכט זיך, אַז דאָס איז סאַד־היי... חיים דער קרעמער זאָגט, אַז ער דערקענט אפֿילו אין דעם היי, פֿון וואַסער קאַנט עס איז... עס בעמערקט זיך אַ קנאָה: „אַ מזל, אַ יוד האָט אַ שענע בהמה — מאַכט זיך איהם פּונקט אַ גוטע פֿוהר היי צו קויפֿען!... אַז עס געהט — געהט מיט אַלעמען״...

---

זומער פֿאַר־נאַכט, ווען זי דאַרף קומען פֿון פֿעלד, גערט ער איהר אַנטקעגען מקבל פּנים זיין. קוקט זי אַרום פֿון אַלע זייטען: ציי זי האָט ניט געקריגען ערגעץ אַ קלאַפּ? ווי זי האָט זיך אויסגעגעסען? — גלעט זי, ביז זיי קומען־צו צום שטוב. פֿאַר דער טהיר טראָגט מען איהר אַרויס וואָס עס איז דאָ. וואָס גאָט האָט געגעבען: אַ שאָלעכטס פֿון קאַרטאָפֿעל, גראָז זיליע (דאָס רייסט ער אַליין פֿאַר איהר; אַז דאָס ווייב האָט צייט — העלפֿט זי צו; — פֿרייטאָג נאָך מיטאָג העלפֿען די חדר־יונגלעך: עס דאַרף זיין אויף צוויי טעג), אַ מין ווילקאָם: נאַ! ווייס, אַז דו ביסט ביי אונז אַ טייערער גאַסט!״... „זי״ פֿון איהר זייט איז אפֿילו ניט הונ־געריג, נאָר זי וויל ווייזען, אַז אויף אַזויפֿיעל האָט זי שוין אייגעל־קייט, און זי געניסט... דאָס ווייב איז אין כעס, זאָגט, אַז ער צובאַלעוועט איהר די בהמות. געוועהנט זיי איין אונטערען נאָז, טאָמער איז אַמאָל נישטאָ, וואָס צו געבען, לאָזען זיי זיך ניט מעלקען... ער שמייכעלט. עס טהוט איהם הנאה. ווי מ׳וואָלט רעדען פֿון זיינס אַ יונגעל: אַ קונדס, אַ שטיפֿער, אַנ׳אייזערנער קאָפּ, עסט־אויס דעם רבי׳ן די גאַל און ווייס דעם שיעור בעסער פֿאַר אַלע...

— ס׳אַ דאגה, — זאָגט ער: — זאָל זי נאָר געזונד זיין, ביי מיר איז זי ניט איבעריג. איך וועל זי נאָך בעקאָרמענען!